STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05819

ANTOLOGYE FUN DER HEBREYISHE POEZYE

Mordekhai Yafeh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי יאָפע

אַנטאָלאָגיע פון דער העבֿרעאישער פּאָעזיע

ווילנע — 1935
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

M. Jofe — „Antologja poezji hebrajskiej"

Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

שמואל הנגיד ייִדיש—מרדכי יאָפע

עפּיגראַמען

א.

ווער ס'האָט זיך אָנגעשטרענגט און אײַנגעהאַנדלט ביכער,
און וויל נישט לייענען, פאַרשטיין —
איז פּונקט ווי'אַ הינקעדיקער, וואָס האָט אויסגעמאָלט זיך
אַ פוס — און קען מיט איר ניט גיין. [אויפן וואַנט

ב.

באַלזאַם איז איר פּנים און די רויטע ליפּלעך.
טויט ליגט אין איר אויג און אונטער אירע קליידער, דאַכט זיך.
לאַך איך ווען זי וויל, און זי לאַכט ווען איך ווער אין כעס גאָר.
ווער איך פריילעך ווען זי וויל; און זי ווען כ'ווער אין כעס —
[צעלאַכט זיך.

פ ר אַ ג מ ע נ ט

אַ נשמה, וואָס דערגרייכט ניט וואָס זי צילט,
אַ זעל, וואָס איר פאַרלאַנג ווערט ניט דערפילט.
וואָס טויג אַ גוף אַ זאַטער, וואָס געניסט,
אַז ס׳בלייבט זיין זעל אי הונגעריק אי וויסט.
אַ מענטש באַשיידן גייט־זיך אום אויף דר׳ערד —
און צו די הימלען־הויך איז וואָס ער קלערט.

שלמה אבן־גבירול יידיש — י. י. שוואַרץ

איך בין האַר...

איך בין האַר — און דאָס ליד איז מיין קנעכט,
כ׳בין פאַר זינגער און דיכטער די האַרף;
און מיין ליד איז אַ דימענט אין קרוין
פון אַ מלך, — געשליפן און שאַרף.
און מיין גוף גייט־אַרום אויף דער ערד,
און עס שוועבט אין די הימלען מיין גייסט:
זעכצן יאָר בין איך אַלט, און מיין האַרץ
איז פאַרשטענדיק, ווי ס׳האַרץ פון אַ גרייז.

פון דער פּאָעמע „כתר מלכות“

א.

דו ביסט איינער — דער הויפּט פון יעדן מנין,
און גרונט פון יעדן בנין.
דו ביסט איינער — און ביים סוד פון דיין אייניקייט שטייען
[די קליגסטע פאַרגאַפט,
דען זיי ווייסן נישט וואָס דאָס איז אַזוינס, און וואו ליגט דיין קראַפט.
דו ביסט איינער — און דיין אייניקייט ווערט נישט פאַרמינערט
ניט צוגעקומען און ניט אָפּגעצערט. [און פאַרמערט,
דו ביסט איינער — און נישט ווי אַזוינער, וואָס ווערט געמאָסטן
[און געוואויגן.
פאַרמערונג און ענדערונג קענען דיך ניט גרייכן, ניט צונאָמען
[און ניט געשטאַלט פאַר מענטשנס אויגן.
דו ביסט איינער — און דיך אין ראַמען פון געזעץ און גרענעץ
איז מיר מיין געדאַנק אומצופאַסן. [אַריינצופאַסן,
דערום, האָב איך געזאָגט, וועל איך היטן מיינע וועגן, ווען איך
[טו דיין רום פאַרקינדיקן,
איך זאָל מיט מיין צונג נישט זינדיקן.
דו ביסט איינער — ביסט הויך און דערהויבן פון זינקען און פאַלן —
פאַרמיטן איז פאַר דעם איינעם צו פאַלן!

ב.

דו ביסט דאָ — און דאָס געהער פון אויער און דאָס געזע פון
[אויג קענען דיך נישט פאַרנעמען.
און פאַרוואָס און פאַרווען און ווי אַזוי — קענען דיך נישט באַנעמען.
דו ביסט דאָ — פאַר זיך אַליין ביסטו דאָ —
און קיין אַנדערער מיט דיר איז נישטאָ.
דו ביסט דאָ — און איידער צייט איז נאָך געווען — ביסטו שוין געווען,
און איידער פּלאַץ איז נאָך געווען — ביסטו שוין געשען.
דו ביסט דאָ — און דיין סוד איז פאַרהוילן פאַרן מענטשנס זינען,
טיף־טיף איז דיין סוד — און ווער קען אים געפינען?

ג.

דו לעבסט — און ניט זינט אַ תקופה, וואָס איז באַוואוסט פון ווייט,
און ניט זינט אַ באַשטימטער צייט.
דו לעבסט — און נישט דורך אָטעם און נשמה,
דען דו ביסט די נשמה פון נשמה.
דו לעבסט — און ניט מיט אַ מענטשנס לעבן, וואָס איז צו גאָרנישט
וואָס טוט אין שימל און אין קויט צעקריכן. [געגליכן,
דו לעבסט — און יענער, וואָס וועט צו דיין סוד דערגרייכן,
וועט געפינען אייביקן תענוג אין די הייכן —
וועט פאַרזוכן דיין פרוכט און וועט לעבן אייביק.

ד.

דו ביסט דאָס העכסטע ליכט — און די אויגן פון יעדער נשמה
[וועגן דיך אין ליכט באַצויגן,
און די וואָלקן פון זינד פאַרשטעלן דיך פון זייערע אויגן.
דו ביסט דאָס ליכט, וואָס איז אין אונדזער וועלט פאַרדעקט,
און איז אין אַ שענערער וועלט אַנטפּלעקט,
און וועט אויף דעם באַרג פון גאָט באַווייזן זיך צעשטרעקט.
דו ביסט דאָס ליכט פון דער וועלט — און דאָס אויג פון שכל
[גאַרט און לעכצט נאָך דיין גלאַנצן —
עס זעט נאָר אַ ברעג פון אים, אָבער נישט אינגאַנצן.

ה.

דו ביסט קלוג — און די חכמה, וואָס איז קוואַל פון לעבן,
[טוט פון דיר פליסן,
און דיין חכמה איז דער מענטש נאַריש זיך צו דערוויסן.
דו ביסט קלוג — דער קדמון פון אַלע קדמונים,
און די חכמה איז אויפגעקומען מיט דיר אינאיינעם.
דו ביסט קלוג — האָסט פון קיין אַנדערן נישט געלערנט, נישט גענומען,
און האָסט ביי קיינעם קיין חכמה נישט באַקומען.
דו ביסט קלוג — און פון דיין חכמה האָסטו דעם באַשטימטן
[ווילן אָפּגעטיילט,

און האָסט אים ווי אַ בויער און אַ מייסטער אויסדערוויילט,
די שטרעמונג פון עקסיסטענץ פון גאָרנישט אַרויסצוציען,
ווי ס'שוט דאָס ליכט פון אויג אַרויסשטראָמען און גליען, —
וואָס שעפט, און אָן אַן עמער, פון דעם קוואַל פון ליכט,
און אַלץ אָן בוי=געצייג געפורמט און אייַנגעריכט.
און געהאַקט און געקריצט,
און געלײַטערט און געבליצט,
און גערופן צום גאָרנישט און ער האָט זיך געטאָן שפּאַלטן,
און צום „יש״ — און ער האָט זיך אַרייַנגעשטעקט און געבליבן פאַר=
[האַלטן;
און צו דער וועלט — און זי האָט זיך אויסגעשפּרייט,
און האָט דעם הימל מיט זייַן שפּאַן צעשפּרייט;
און זייַן האַנט האָט דעם געצעלט פון די ספערן געהאָפטן און געצונדן,
און מיט די שלייפן פון פאָטענץ די פאָרהאַנגען פון דער וועלט
[פאַרבונדן;
און מיט זייַן כוח אָנגערירט דעם ברעג פון אויסוווערטיקן באַשאַף —
דעם אויסוווערטיקן ערדישן באַשאַף.

ו.

ווער קען דערטראָגן דייַן מעכטיקייט,
ווען דו האָסט פון דעם שייַן פון דייַן כבוד באַשאַפן פון רייַנער
[נשמה די פּרעכטיקייט —
פון פעלז פון באַשעפער אויסגעשפּריצט,
און פון פייער פון רייַנקייט אויסגעבליצט;
און האָסט אָפּגעשיידט אויף איר דעם גייסט פון חכמה,
און האָסט זי אָנגערופן נשמה.
פון פלאַמפייער פון שכל האָסטו זי באַשאַפן טייער,
און דייַן אָטעם ברענט אין איר ווי אַ פייער;
האָסט זי אַרייַנגעשיקט אין גוף אים צו היטן און באַדינען,
און זי ברענט אין אים מיט פייער, און טוט אים נישט פאַרברענען —
ווען פון פייער פון נשמה איז באַשאַפן דער גוף,
און פון גאָרנישט איז דער „יש״ געקומען אויף דייַן רוף —
דערפאַר, וואָס גאָט האָט איבער אים געניזערט מיט פייער.

נאַציאָנאַלע מאָטיוון

א.

— דו רוסט צווישן שוואַרצע געצעלטן פאַרלאָזן —
אַרויפשטייג צום כרמל, אַרויסקוק צום בָשן.

אין צעטראָטענעם גאָרטן באַקוק דיינע בײַטן,
און זע נאָר, זיי האָבן באַדעקט זיך מיט קוויטן.

— וואו ביסטו, געליבטער, דו האָסט מיך געמיטן,
מיין גאָרטן, אויף גערטענער פרעמדע געביטן.

איך בעט דיך, קום ווידער, וואָס ביסטו אַנטלאָפן —
אין שוים פון שיינאוויגיקער רועַן און שלאָפן.

ב.

דעם טויער פאַרשלאָסענעם עפן געשווינד,
און שיק מיר צוריק דעם אַנטלאָפענעם אינד.

וועט קומען, וועט רועַן ביי מיר אויפן ברוסט,
וועל זיין מיט זיין דופט מיט דעם זיסן געקושט.

— ווי זעט אוים דיין חתן, אָ, כלה דו פיין,
כ׳זאָל וויסן צו ברענגען צו דיר אים אַריין?

— מיין פריינד איז שיינאוויגיק און ליכטיק און קלאָר —
נעם זאַלב אים פאַר קיניג אויף אייביקע יאָר.

ג.

רוסט אין מיין פאַלאַץ אין גאָלדענער בעט —
וואָס גרייטסטו זיך נישט פאַר משיח? ס׳ווערט שפעט.

וואָס שלאָפסטו, געטרייער, פרימאָרגן קומט=אָן,
און פלאַטערט און ווײַט אויף די בערג ווי אַ פאָן.

פאַרגעס אָן די פרעמדע — איך גיב זיך צו דיר,
און ברענג דעם געהאַרטן דערלייזער צו מיר.

ביי מיר אין מיין פאַלאַץ איז צוגעגרייט פיין
דופטיקע אײַלן און מילגרוים און ווײַן.

וואָלקנס

די וואָלקנס האָבן זיך צעברומט ווי אָקסן,
דער ווינטער האָט געבייזערט זיך צעיאָגט —
ווי זענגלשיפן, וואָס דער שטורם טרייבט זיי,
מיט הערנער־שאַלן, וואָס אין נעפל קלאָגט.

דער הימל ליגט פאַרווירט אין גרויען נעפל,
די מאָרגנשטערן זיינען אָפּגעמעקט.
דער ווינט טראָגט וואָלקן אָן אויף זיינע פליגלען,
און האָט דער זון אין פינצטערניש פאַרשטעקט.

ער האָט די וואָלקנס אויסגעקלאַפּט אין בלעכן,
אין פעדעם זיי געשניטן און געשפּריים;
זיי האָבן דורכגעווייקט די ערד די האַרטע,
די בוימען אויף־צום־זייען צוגעגרייט.

דאַן האָבן זיך אַנטפּלעקט די יונגע גראָזן,
ווי וואונדער אומבאַקאַנטע איינגעוועבט.
געוויינט האָבן די וואָלקנס דורכן ווינטער,
ביז אַלע בוימער האָבן אויפגעלעבט.

לויטן וואָרצל פון בוים...

לויטן וואָרצל פון בוים איז די לענג פון זיין צווייג,
לויטן שכל פון מענטשן אַזוי איז זיין וואָרט;
און ווי גרויס ס'איז דאָס האַרץ, אַזוי גרויס איז זיין לייד
פאַר די שרעקן פון צוקונפט, פאַר צייט און פאַר אָרט.

אין מיין האַרצן האָט טרויער געשטעלט זיין געצעלט,
אים פאַרקניפּט מיט די סטרונעס פון האַרצן מיט שטריק;
און דער טרויער אין מיר האָט באַשוואָרן מיין זעל,
זיך נישט שיידן מיט פיין און נישט זוכן קיין גליק.

און די וועלט האָט דעם בעכער פון לייד מיר דערלאַנגט,
איך זאָל טרינקען דעם וויין מיטן הייוון ביז דעק.
און די צייט האָט אין מיר — דער נשמה פון וועלט —
פאַרבאַהאַלטן, פאַרגראָבן איר גרויל און איר שרעק.

און מיין קאָפּ האָט אָן וואָלקנדעק אָנגעקלאַפּט שווער,
און עס האָט מיך דער שטראָם פון זיין רעגן פאַרפלייצט;
און די שלאַנג פון דער צייט, ווען כ'האָב שפּילן געגלוסט,
האָט מיין פּוסטראָט געריסן, געביסן צערייצט.

האַרץ איז ליידיק...

האַרץ איז ליידיק און וויסן־באַגרעניצט,
קענסט בלויז אָנטאַפּן גוף — און נישט מער.
יאָגסט אומזיסט דיך נאָך ערדישע גליקן,
און דאָס לעבן פון מענטשן איז שווער.
און דער גוף, וואָס איז קנעכט, טויט זיין האַרץ,
און די דינסט פון איר האַרנטע שפּאָט;
און דאָס שטויב קערט זיך ווידער צום שטויב,
און דער גייסט קערט זיך ווידער צו גאָט.
מיינע פריינד, כ׳האָב דאָס לעבן באַנומען,
און דערזען, עס איז גאָרנישט ניט ווערט:
ס׳איז דאָס לעבן אַ קייט בלויז פון ליידן,
און זיין סוף איז: אַ בערגל מיט ערד.

ע ל ע ג י ע

זע, די זון איז בלוט=רויט ביים פֿאַרגיין,
און זי וויקלט זיך, לויכט אין פֿיאָלעט;
ס׳זיינען צפון און דרום צעשפּילט,
ס׳זינקט די זון אין איר פֿייעריקער בעט.
און די ערד בלייבט פֿאַריתומט אַצינד,
האָט צום שאָטן פֿון נאַכט זיך פֿאַרטרויט;
און דער הימל פֿאַרציט זיך אין טרויער
אויף דעם שווערן פֿריצייטיקן טויט.

משה אבן-עזרא **יידיש — י. י. שווארץ**

נאַכט און פרימאָרגן

אין נאַכט פון צעשיידונג זיינען שטערן צו מיר
צו גיין אינם הימל זייער וועג;
ווי זילבערנע נעגל, וואָס רירן זיך ניט,
און טוען זיך ניט קיין באַוועג.

די לבנה שווימט ווי אַ פאַרליבטע, אָן שלאָף,
די שטערן — זיי היטן זי שווער.
איך גאַר נאָר, זיי זאָלן פאַרשווינדן, און האָף
אומזיסט נאָר, זיי ווערן אַלץ מער.

אין נאַכט אָבער פון די חברים און פריינד
פאַרשווינדן זיי אייליק און שנעל;
דער ליכטיקער שטערן פון מאָרגן, וואָס שיינט,
פאַריאָגט זיי, פאַרטרייבט זיי פון פעלד.

אין נאַכט, ווען ס'טריפט גאַל אינם האָניק און רינט,
און לייד ווערט צו פרייד מיטן וואונק;
די נאַכט איז אַ קויל, און דער שמיד איז דער ווינט,
און בליץ — אויסגעשלאָגענער פונק.

ניטאָ איז קיין ליכט גאָר קיין אַנדערש דורכווים,
ווי בעכערס מיט גאָלדיקן ווײַן;
עס גייען דיליידן צו קעמפן אַרויס,
נאָר ס'נעמען די פריידן זיי איין.

דער ווײַן רעדט ניט הויך, רעדט געלאַסן און שטיל,
נאָר ס'פאַלן די שטאַרקסטע פאַר אים;
זיין אויסזען איז כשוף, זיין וואָרט איז געפיל,
און צערטלעך און זיס איז זיין שטים.

מאַכט לעבעדיק מענטשן און טויט, מאַכט זיי טריב,
אי שטאַרק און אי שוואַך איז זיין ליד;
דעם קלוגן באַרויִקט ער צערטלעך און ליב,
דער נאַר ווערט פון תאווה צעגליט.

זיין פּנים איז אומשולדיק־קלאָר, שעמעוודיק,
נאָר ס׳שיפּעט זיין שוים מיט באַטרוג;
ער שפּרייט אוים אַן איידעלן דופט, וואָס פאַרפירט,
פון האַלדז פון קרישטאָלענעם קרוג.

עס קושט זיינע ליפּן פאַרשמאַכט דער געדאַנק,
דאָס אויג פּליקט אַרונטער זיין בלום;
אַ רויז בליט צעגליט אויף דער באַק פון געטראַנק —
נאָר ס׳היטן די שלאַנגען זי שטום.

איז טרינקען מיר ביז מיר פאַרבייטן דאָס בליי
פון נאַכט אויפן זילבער פון טאָג —
די בלומען פון הימל פאַרשווינדן, דען פריי
טוט ס׳וואַסער פון הימל אַ טראָג.

עס צינדט זיך אין פייער פון הימל דער ברעג,
דאָס לעצט ביסל גרויקייט פאַרשווינדט;
און ס׳טוען זיך בלומען פון גאָרטן אַ וועק,
די זון וועקט זיי אויף און פאַרצינדט.

דאָס וואַסער פון טייכל — אַ זילבערנער פלאָס,
אַ גלאַנציקער, פלאַמיקער שווערד;
און טראָפּנס אויף בלומען און טראָפּנס אויף גראָז,
ווי קערנדלעך פּאַפּיר באַטרעדט.

זיי לויכטן אויף בליענדער רויטקייט פון בויט,
ווי שוויים אויף צעהיצטן געזיכט;
דער דופט פון די בוימער דערקוויקט און דערפרייט,
פון פינצטערניש קומט ער צום ליכט.

און פויגל און צווייגן געדיכטע פֿאַרשטעלט
צעגיסן זיך קלאָר אין געזאַנג;
זיי ווערן ניט מיד, ווי באַכישופֿט, באַזעלט,
און ס׳טראָגט זיך אַ קלאַנג נאָך אַ קלאַנג.

דאָס ווינטל וויגט צערטלעך די מירטן און ווינט —
וואָס שטרעקן צום ליד זיך אַצינד;
זיי טאַנצן פֿאַרשיכּורט אָן ווייַן, און אַנטציקט,
און נייגן זיך שטיל מיטן ווינט.

ווײַן

(פראַגמענט)

אַ פייער שפּיגלט זיך און ברענט צעפלאַקערט
אין בעכערן פון האָגלשטיין פון קלאָרן —
ווי קענען זיי זיך ביידע גאָר באַהעפטן,
קען פייער און קען וואַסער גאָר זיך פּאָרן?
דער ווײַן שפּילט לויכטנדיק אין רויטע פלאַמען,
און שנייאיק־ווייס און קלאָר קרישטאָלן גלאַנצן;
דער צאַרטער שוים גייט־אויף ביז צו די ראַנדן,
און בלעזלט זיך אין פּערלדיקע קראַנצן.
דו טרינקסט, — און ער ווערט אויפגערעגט אין צאָרן,
נאָר גליטשט זיך ווייך ווי וואַסער באַלד אַרונטער;
ער קושט און בייסט, מאַכט קראַנק און מאַכט געזונט,
פון די קאַפּריזן ווערט דער מענטש גאָר מונטער.
זיי פאַלן, ווי דערהרגעט, פון זיין אָטעם,
ער שלאָגט און קלאַפּט — זיי טוען דאָס ניט וויסן;
ווי נאָר זיי שטעלן אויף די פיס זיך ווידער —
זיי בעטן נאָך פון דעם געטראַנק דעם זיסן.
ס'איז ליב די שטראָף פון ליבנדיקער האַנט,
אַן עולה פון אַ פריינד ווערט שנעל פאַרגעבן:
איז ביטער — און פאַרביטערטע פאַרזיסט ער,
פאַרגעסן זייער לייד אין טריבן לעבן.
מאַכט רייך די נויטבאַדערפטיקע אָן רייכקייט,
דער צער און וויי פוןליידנדן פאַרפליען —
זאָל גאָט דעם ווייִנשטאָק בענטשן מיט זיין רעגן,
און זיינע צווייגן זאָלן זיך צעבליען.
דען ער צינדט אָן די פרייד אין מענטשנס הערצער,
און יאָגט אַרויס דעם עלנט און די ליידן —
די ליפּן פונם טרויער זאָלן שטומען,
ווען ס'נעמען ריידן אויפגעוועקטע פריידן.
דער ווײַן פאַרצינדט די אויגן מיט זיין שפּילן,
און שאַרפט מיין אויער, ווען איך הער זיין נאָמען,

באַטעמט דאָס מויל, די הענט זיי ווערן לייכטער,
דער אָטעם דופטנדיק פון זיינע שטראָמען.
דער טיש איז רונד ווי אַ צעשפּרייטער הימל,
און ווי די שטערן — אין די הענט באָקאַלן;
און טרינקען זיי — דאַן ווערן הענט און באַקן
באַלויכטן, ווי מיט לעצטע זונען־שטראַלן.
די בעכער ווערן שווער צום האַנט ווען ליידיק,
נאָר לייכט ווי פויגל, ווען דערגאָסן ווידער;
אַזוי איז לייכט דער גוף מיט אַ נשמה,
פאַרפליט נשמה — פאַלט דער גוף אַנידער.
מיין האַרץ ווערט מונטער, ווען מיין כוס פאַרבויגט זיך
צופוסנס פונם קרוג זיין זאַפט צו שלינגען;
איך רוף די פריינד צום טייך אַרויסגיין זינגען,
און ברידער — אויף די לאָנקע־גראָזן טרינקען.
דער ווינטער איז אַוועק: עס גרינען בוימער,
און מירטנצווייגן שטילע בליען דאָרטן;
קומט גיכער אין דעם גרינעם קילן שאָטן,
דער ווינט האָט רויזן אויסגעשפּרייט אין גאָרטן.
און ווינטלעך האָבן איבער וועלט צעבלאָזן
די איידלסטע און די געשמאַקסטע דופטן;
פון ערגסטן פויגל ווערט אַ זיסער זינגער,
און דער קאַנאַריק זינגט און קלינגט אין לופטן — — —

אַ טויב

די טויב וואָס נעסטלט אין גאָרטן —
נאָך וואָס זאָל זי טרויעריק קלאָגן?
דער פּאַלמענבוים איז דאָך איר שאָטן,
דער וואַסערקוואַל טוט פאַר איר שלאָגן;
די טײַבעלעך אירע, זיי וואָרקען,
און גלעטן צו איר זיך און שפּילן. —
באַווייזן דעם באַרויבטן, פאַריאָגטן,
און טו זיינע ווייטאָגן שטילן.
באַדויער, באַטרויער דעם עלנט,
פון היים און פון נענטסטע פאַרטריבן —
וואָס וועלט איז ניט ליב אים און טייער,
און וויסט איז זיין לעבן געבליבן.
באַדויער און ווייזן אויף זיין עלנט,
ניט זינג אים קיין ליד צו דערפרייען.
אַנטליי אים די פליגל צום פליען,
צו קושן די ערד וואו זיי שטייען.

שײַן

ס'האָט אַ זון אין דער נאַכט פון מײַן ליבע
זיך צעשטראַלט אינדערפינצטער מיט שײַן.
ס'איז דאָס מויל פון געליבטער אַ בעכער
פול מיט דופטיקן גאָלדיקן ווײַן.

מײַנע רויזן צעבליט אויף איר פּנים,
און מײַן מירטנצווײַג גרינט אין איר פּראַכט;
ווען איר אויג האָט מײַן האַרץ שווער פאַרוואונדעט,
האָט איר ליפּ מיר אַ היילונג געבראַכט.

ע ל ע ג י ע

(אויפן טויט פון זיין געליבטער)

אין ווייען און טויטלעכע אנגסטן
אַ זון, ניט צום האַלדון, געבאָרן;
דער טויט קומט אַלץ נענטער, און זי האָט
צום מאַן זיך געקלאַמערט פאַרלאָרן:
„מיין יוגנט געדענק, אויף מיין קבר
„קלאַפּ־אָן מיט די ליבנדע פינגער;
„היט־אָפּ מיינע עופעלעך קליינע,
„אַ לעבן אָן מאַמען מאַך גרינגער.
„און שרייב צו מיין ־אָנקל אין גלות
„צוליב מיר געוואָרן פאַרטריבן,
„מיט אייביקן פייער אין האַרצן,
„אין אָרעמקייט, עלנט, געבליבן.
„נאָך בעכער פון טרייסט טוט ער שמאַכטן,
„דעם בעכער פון טויט טראָג אים אונטער".
אָך, ברודער, דו לאַכסט דאָך פון ליידן,
דיין גייסט איז דאָך מוטיק און מונטער;
דיין חכמה צעטרייבט דאָך דעם ווייטאָג, —
ווי לאָזטו מיט פיין זיך באַזויפן?
איר טויט איז דאָך ביישפּיל פאַר אַלע,
וואָס זוכן פון אמת אַנטלויפן.
שריי־אָן אויף דער טרער ניט צו פאַלן,
באַפעל דיין געמיט ניט צו קלאָגן —
נאָך וואָס אויף אַ טויטן צו וויינען,
מיר וועלן אים זיכער דעריאָגן.
פאַרבאָרגסטו זיך טיף אין דער טיפקייט,
פאַרפליסטו גאָר הויך אין די הייכן —
צי קענסטו פון טויט זיך באַהאַלטן,
זיין האַנט וועט דיך אומעטום גרייכן.

וואָלט ווײנען איר הילף געקענט ברענגען —
וואָלט איך מײנע אויגן געגעבן;
די פרײד וואָלט דערפרישן די הערצער,
וואָלט זי געקענט קומען צום לעבן.
פאַר גאָט זאָל דער וועג אירער לויפן,
ווען זי שוועבט פאַרביי צום גן־עדן;
אַ וואָלקן זאָל דעקן איר קבר,
מיט גראָז און מיט בלומען אים קליידן.

קליינע לידער

א.

די וועלט איז אַ פּרוי אַ מאַסקירטע —
ס׳איז נישטיק איר שיינקייט און פרייד;
זי רעדט זיסע רייד, אָבער הינטער
איר צונג האָט זי נעצן פאַרשפּרייט.
צעריים אירע נעצן, מיין ברודער,
אַנטלויף, איידער ס׳ווערט פאַר דיר שפּעט.
לאַך אוים יעדן צוואָג אויף גליקן,
און וואַרף איר אין פּנים דעם גט.

ב.

גיי אַרוים צום בית־עולם, באַטראַכט נאָר
די, וואָס שלאָפן — ווערסט בלייבן פאַרשעמט.
ווי זיי ליגן צעלייגט אונטער שטיינער,
און ס׳איז ערד זייער בעט, זייער העמד.
דאָס איז גאָר, וואָס עס איז זיי געבליבן
פון דעם לעבן דעם שווערן און טריבן.

טעדזינס

פון בוך „תרשיש״

א.

נעם דעם קריסטאַלענעם בעכער און זאָג:
פון לבנה־ליכט איז ער געגאָסן;
קניט ער צום קרוג זיך אַרונטער נאָך ווײַן —
ווערט זונשײַן אין אים אָנגעגאָסן.

ב.

די טענצערין טאַנצט אַ צעגליטע,
די ברוסטן — גראַנאַטן באַשווערט;
און לײַכט און גראַציעז איז איר טאַנצן
ווי איבער אַ שאַרף פון אַ שווערד.

ג.

ווי אַ מירטנצווײַג וויגט זיך מײַן ליבע,
זי טאַנצט מיט צעפלויגענע האָר;
טרינקט־אָן מיט מײַן בלוט אירע פײַלן,
און ווערט ניט באַשטראָפט אויף אַ האָר.

ד.

דו טרייסל־אָפּ זיך פון די פרײַנד, וואָס ליבן דיך
פון זייער אייגענער הנאה וועגן —
ווען ס'ווערט דיר ענג, דערזעסטו זייער פאַלשקייט:
צעלויפן זיך פון דיר מיט זיבן וועגן.

ה.

וואַש־אָפּ די פאַרבן פון די האָר די גרויע,
און וואַרף די מאַסקע אָפּ פון פאַלשקייט און פון ליגן.
קומט גרויקייט — האָסטו שוין פאַרשפּילט דײַן וועלטל,
און גרייט זיך אונטער בערגל ערד צו ליגן.

יהודה הלוי

יידיש—ח. נ. ביאַליק

צ י ו ן

ציון, הלא תשאלי...

בענקסטו אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע בענקען?
ווילסטו אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָענטע און ווייטע!
אין האַרצן דורות־לאַנג געוואַרמט, טראָגט אים
פון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים אַן עלנט קינד דיינס, איינער
פון די, וואָס זאַפּן אָן, ווי טוי דיין חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיקע טרערן
און שטאַרבן אין דער פרעמד פאַרליבטע און פאַרבענקטע...
מיך ציט צו דיר!... בייגאַכט אויף דיינע חורבות
בין איך דיין נאַכט־אַטיילע, דיין יאָמער־ליד,
און חלומט זיך מיר נאָר דיין מאָרגנשטערן — ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיקע האַרפע...
מיך ציט צו דיר! מיין האַרץ גייט אויס נאָך יענע ערטער,
וואו די אבות האָבן זיך באַגעגנט מיט מלאכים,
וואו די שכינה האָט גערוט, וואו דיין באַשעפער
האָט דיינע טויערן, די הייליקע, געעפנט
אַנטקעגן זיינע הימלשע שערים,
וואו ניט די הימל־ליכטער: זון, לבנה, שטערן —
גאָטס ערע זעלבסט האָט דיך באַשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאַר, אַז אויסגיסן זאָל זיך מיין זעלע דאָרטן,
וואו ס'פלעגט אַמאָל גאָטס גייסט און גאָטס גענאָד זיך גיסן
אויף דיינע אויסדערוויילטע, מוטער ציון!
וואו נעמט מען פליגל?! שטיקערווייז וואָלט איך מיין האַרץ
ווייט, ווייט צווישן דיינע בערג פאַרטראָגן;

כ׳וואָלט צונעפּאַלן צו דיין ערד, כ׳וואָלט אויסגעקושט
איר יעדן פוס־טריט, יעדעס שטיינדעלע באַזונדער,
און אומגעיואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער אויף דיינע חורבות,
כ׳וואָלט מיט מיין שטעקן אויסגעמאָסטן אַלע קברים,
מיט דיין נשמה־לופט זיך אָנגעאָטעמט,
זיך אײַנגעוויקלט אין דיין זיסן שטויב,
און ביז צום בלינד ווערן באַוויינט דיין חורבן, ציון...
צי קאָן די שײַן פאַר מיינע אויגן זיס זיין —
אַז שוואַרצע ראָבן פּיקן דיינע אָדלערס,
צי קאָן מען לעבן אויף דער וועלט און צוזען,
ווי גאַס־הינט שלעפּן דיינע טויטע לייבן...
געגוג, לאָז אָפּ איין ווײַלע, כוס פון טרויער!
מיין האַרץ איז איבערפול מיט דיר פאַרביטערט,
כ׳האָב אײַנגעזאַפּט אין זיך דיין שום מיט דיינע הוויון...
געגוג! איך וויל איין חלום זען און שטאַרבן...
כ׳וויל זען, אָ, גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראַל ליכט פון יענעם מאָרגנשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַמאָל נאָך העל און ליכטיק
זיך אָנצינדן אויף ציונס בלויען הימל,
באַגײַען און באַפרישן זי מיט יוגנט...
געגוג, איין זיסן חלום לאָז מיך זען נאָך
און אויסגיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

יידיש — ח. נ. ביאַליק

ים־לידער

א.

כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז;
כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן:
טראָג מיך, ים, צום מוטערס שויס!
און דו, מערב־ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער־פליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין בשלום, —
נאָכדעם פלי זיך דיר צוריק;
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פון מיין גליק.

ב.

אָנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט —
פלוצים האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אַט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים
כוואַליעס־לייבן, כוואַליעס־שלאַנגען,
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום.

אַט האָט זיך אַ תהום געעפנט,
אַט שטייט־אויף אַ הויכער באַרג —
פלאַטער, זעגל! בייג־זיך, מאַסטבוים!
דו, מיין האַרץ, בלייבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד.

ג.

מיט דער לבנה־שיין פאַרזילבערט,
ווייט רונצלט זיך דער וואַסער-שפּיגל;
פאַרשפּרייט האָט זיך אויף אונדז די נאַכט
מיט איר בלוי־סאַמעטענעם פליגל.

ס׳איז ניט קיין נאַכט — ס׳אַ מלכּה־שבא!
געהילט אין בלוי, מיט גאָלד באַפּליטערט,
שטיל אָטעמט זי, און אויף איר ברוסט
שעמערירט דאָס גאָלד, שעמערירט און ציטערט.

ווי שאָף צעשפּרייט, די קליינע כוואַליעס
שטיל וויגן זיך אין ליכטן דרימל.
עס ציטערן אין ים די שטערן —
ווער איז דאָ ים און ווער איז הימל?

צוויי ימען שלאָפן דאָ צוזאַמען
צונויפגעלייגט, ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים אין מיטן שלאָפט נישט:
מיין האַרץ מיט זיינע נייע לידער.

יידיש—י. י. שוואַרץ

ד.

האָט אַ מבול פאַרגאָסן די ערד —
און דאָס לעבן פאַרשוואונקט און צעשטערט?

ניטאָ מענטש, ניטאָ חיה און עוף —
איז אויף אַלץ שוין געקומען אַ סוף?

כ׳בענק נאָך לאַנד — זאָל זיין באַרג, זאָל זיין טאָל,
ס׳וואָלט אַ וויסטעניש ליב זיין צומאָל.

כ׳וואַרף מיין בליק אַרום זיך טריב און שווער —
זע נאָר שיף, זע נאָר הימל און מער.

עס צערודערט דער וואַלפיש דעם תהום —
הינטער אים זידט דער גרוי־ווייסער שטראָם.
און דער ים באַהאַלט גנביש די שיף —
ס׳וויל ניט אָפּגעבן איר שוין די טיף.

ס׳צאָרנט ים — דאָך פול פרייד איז מיין זעל:
ס׳טראָגט די שיף צו מיין היימלאַנד מיך שנעל.

ה.

כוואַליעס יאָגן, כוואַליעס שלאָגן,
ברויזן, רוישן אין דעם מער;
ס׳זידט דאָס וואַסער ראַש און ראַשער,
מישט זיך, גיסט זיך טריב און שווער.

תהומען קראַכן, שטראָמען לאַכן
מיט אַ דונער אין דעם קול;
באַרג און טורעם טאַנצט דער שטורעם —
ברעכט זיך באַרג און ציטערט טאָל.

כוואַליעס קומען, כוואַליעס ברומען,
ס׳ברעכט דער ווינט פון מאַסט דעם בוים;
ביז צום הימל אין געטומל
שפּריצט דער ווינט מיט גרויען שוים.

ס׳זידט אָן פלאַמען, ניט צו צאַמען,
ס׳גייט אַ שיכּור־טאַנץ די שיף;
איז באַזויפן, גרייט פאַרקויפן
די קרבנות צו דער טיף.

דער לויתן, ווי אַ חתן,
לאַדט די וואַלפיש איין צום פעסט;
אַלץ באַצווינגען, אַלץ פאַרשלינגען
זוכט דער ים, און ברומט און פרעסט.

ייִדיש—י. י. שוואַרץ

אַ חלום

דו ליגסט אין אַ קינדערשן חלום —
ווי לאַנג וועסטו ליגן?
זײַ ווּיסן, דײַן יוגנט פֿאַרפֿליט באַלד
פֿאַרשעמט און אַנטשוויגן.

איז ליכטיקע יוגנט דען אייביק?
דערוואַך פֿון דײַן שלאָפֿן —
און זע די שלוחים פֿון עלטער,
זיי נעמען דיך שטראָפֿן.

און טרייסל זיך אָפּ פֿון דעם צײַט־גאַנג —
צי טרויריק, צי מונטער —
ווי פֿייגלען, וואָס טרייסלען פֿון פֿליגלען
דעם נאַכט־טוי אַרונטער.

און פֿלי ווי אַ שוואַלב, זיך באַפֿרייען
פֿון פֿאַלשקייט און פּלאָגן;
פֿון ליידן און פֿריידן, וואָס ברויזן,
ווי כוואַליעס וואָס שלאָגן.

און יאָג זיך נאָך גאָט, נאָך דײַן קיניג,
זײַן סוד צו דערגרייכן —
ווי אַלע נשמות, וואָס לעכצן
צו אים אין די הייכן.

פרילינג

די ערד האָט נעכטן נאָך געזויגן ווי אַ קינד
די שטראָמען פון דעם ווינטערדיקן רעגן —
צי ווי אַ כלה, שמאַכטנדיק נאָך איר באַגערטן,
פאַרבענקט נאָך זומער שווייגנדיק געלעגן.
ביז ס'האָט דער זומער זי געקושט, געוואַרעמט,
באַלעבט איר האַרץ, וואָס האָט געקלעמט צום שטאַרבן;
ווי אַ צעפּיעסטשעט מיידל בייט זי אירע קליידער,
געהאָפטן און געשטריקט מיט פרישע פאַרבן.
זי קליידט זיך יעדן טאָג אין נייע זאַכן,
און טוט אויף דאָס אַרומיקע קאָלירן ציען;
טאָג=טעגלעך בייטן זיך איר חן און צירונג:
שמאַראַגדן גרינען און רובינען גליען.
אָט איז זי ווייס, אָט גרין און אָט פאַררויטלט,
ווי אין איר קוש אַ מיידל רויט נעמט ווערן;
די בלומען זיינען זייער שיין, און ס'דוכט מיר,
זיי האָבן פון קאָליר באַרויבט די שטערן.
דעם ווייַנגאָרטן, וואָס ליגט צעשטראַלט אין זונשיין,
האָט זי געקושט מיט פייערדיקע צונגען;
די הענגלעך טרויבן זיינען קיל ווי שנייען,
נאָר אין זיי גליען פלאַמענדיקע פונקען.
דער ווייַן וועט פון דעם קרוג ווי זון פאַרלויכטן,
און וועט אין דעם קרישטאָל ווי פלאַם זיך וועקן —
איך וואַנדער אום אין שאָטנס פון די ביימער,
עס לאַכט די ערד צו דעם געוויין פון רעגן.
זי לאַכט — און ס'שטייען טרערן אויף איר פנים,
ווי פערלדיקע שפּריצן פון פאָנטאַנען;
זי פרייט זיך מיטן זינגפויגל, וואָס טרילערט,
מיט טויבנברום און סודות פון קאַשטאַנען.
זי זינגט פון אונטער בלעטער, ווי אַ מיידל,
וואָס טאַנצט אַהינטער פאָרהאַנגען פאַרבאָרגן.

פֿאַרשווימט מיך און פֿאַרנעמט מיט צאַרטע דופֿטן,
און וועקט און רעגט מיין גײַסט מיטן פֿרימאָרגן.
אַ ווינטל שפּילט זיך און צעפּאָכט די מירטן,
און טראָגט צו פֿרײַנד צו ווײַטע זיסע דופֿטן;
די שלאַנקע פּאַלמענצווײַגן פּאַטשן־צו
צום כאָר פֿון פֿויגל־לידער אינדערלופֿטן.

אַנטפּלעקונג

די נאַכט, ווען ס'האָט מײַן שײנקײט מיר אַנטפּלעקט
איר קלאָרע באַק און כוואַליעס לאַנגע האָר —
די גאָלדיק־רויטע האָר, וואָס האָבן צוגעדעקט
איר בלאַסן שטערן דורכזיכטיק און קלאָר —
געגליכן צו דער זון אין אויפגײן: וויקלט־אײַן
און צינדט די וואָלקן אין אַ פלאַמיק־רויטן שײַן.

צו אַ טענצערין

די צויבערין, וואָס האָט זיך אויף אַ צייט צעשיידט
און האָט פון אירע פריינד דאָס לעבן אָפּגעקירצט —
איז ליכטיק ווי אַ זון, וואָס קיינמאָל ניט פאַרגייט,
און פון איר באַק גייט קיינמאָל ניט אַראָפּ די רויז.
די לעגדן אירע נעמט אַרום אַ ברייטער שלייף —
איז דין און שלאַנק און בויגיק און גראַציעז.
איר באַק פאַרשעמט די לבנה מיט איר ווייסקייט,
און שווימט פון שלייער־פאָרהאַנגען אַרויס. זי וואַרפט
די שלייערן אַראָפּ — און בלייבט ניט נאַקעט,
ווייל חן און פראַכט און שיינקייט וויקלען זי אַרום.
אַ גרוס דיר, שיינקייט, פון אין־דיר־ביז־טויט־פאַרליבטע,
נעם צו אַ גרוס פון איינעם פון די שקלאַפן דיינע;
איך גיב מיין נשמה אָפּ פאַר בלויז איין נאַכט,
אין וועלכער ס׳זאָל געפינען אויסלייזונג דיין שקלאַף.
דו ביסט די ערד מיט אַלע אירע גלוסטונגען —
ווי דורשט איך טרינקען פון דיין רויטער ליפּ
און זיך פאַרשיכורן פון גליענדיקן בעכער.
די קאַרמין־ליפּן עפ׳נען זיך צום זינגען —
זי נעמט איר האַרף, ווי ס׳נעמט אַ מאַמע איר מינדסט־קינד,
זי גלעט זי מיטן האַנט, און בויגט זיך נאָנט
צו הערן מויל צו מויל וואָס ס׳קינד פאַרטרויט.
זי זינגט פון ליבע און צעשיידונג. ס׳קלאָגט דאָס ליד,
איר שטים פאַרגייט זיך רירנדיק, אַ שטיל געוויין
צערייסט איר האַרץ אויף שטיק, און טרערן פאַלן,
אַזעלכע ליכטיקע און קלאָרע ווי די פּערל. —
וואָס איז דיר, טייערע, וואָס וויינסטו?...

שפּאַס=לידער און עפּיגראַמען

א.

דער הימל האָט ביי מיין געבאָרן
אַ ריכטונג אַן אַנדערע גענומען ;
ווען איך וואָלט מיט ליכט אויך געהאַנדלט —
וואָלט קיינמאָל די נאַכט ניט געקומען.

איך זוך אַלץ מיין גליק און געפין ניט,
פאַרבלאָנדזשעט אין הימל מיין שטערן ;
ווען איך וואָלט תכריכים פאַרקויפן —
וואָלט דעמאָלט דער טויט גאָר אויפהערן.

ב.

קום איך צום גביר אין דער פרי —
איז ער גאָר שפּאַצירן געפאָרן ;
קום איך אין אָוונט צום גביר —
נאָר וואָס אַנטשלאָפן געוואָרן.

אָדער ער פאָרט,
אָדער ער ליגט ;
דעם אָרעמען מענטשן
קיינמאָל ניט גליקט.

ג.

ווען מיינע טרערן וואָלטן לויט מיין אומגליק רינען,
וואָלט קיינער אויף דער וועלט קיין טרוקן אָרט געפינען ;
נאָר ניט פאַר נחן אַליין — פאַר מיינע אויגן
האָט אויך געוויזן גאָט דעם רעגנבויגן...

ד.

כ׳האָב אַ מאַנטל, איז ער אַלט —
האָט פאַרלאָרן זיין געשטאַלט.
ווי אַ זיפּ איז ער געוואָרן,
זיפּ דורך אים כאָטש ווייץ און קאָרן.
ווען עס ווערט פון אים געמאַכט
אַ געצעלט אין פינצטערער נאַכט,
זע איך דאַן דורך אים איינגאַנצן
ווי די אַלע שטערן גלאַנצן.
זיינע לעכער — אַ פאַרמעג!
ווי די ציינער פון אַ זעג.
און די לאַטעס — האָב איך מורא —
זיינען מער שוין פאַר דער סחורה.

*

ליבער גאָט, אים ביַיט מיר אום
אויף אַ מאַנטל צו מיין רום!

ה.

ניט ווער דערשראָקן פון דעם טאָג,
דען אַלץ וואָס פּאַסירט האָט קיין דויער.
ניט פריי זיך ווען ס׳טרעפט דיר אַ גליק,
אַן אומגליק — ניט וויין און ניט טרויער.
פון טאָג פון דעם גוטן און שלעכטן
וועט סיי־ווי־סיי ווערן אַ נעכטן.

יידיש — מרדכי יאָפּע

ו.

זשלידנע פליגן

וואוהין קען איך פון זיי אַנטרינען,
פון אַט די פליגן די גזלנים?
זיי לאָזן מיך דאָך ניט צופרידן,
זיי רינגלען מיך אַרום ווי שונאים.
זיי שפּרינגען־אום אויף מיינע אויגן,
און זשומען אין מיין אויער סודות;
איך וויל אַליין מיין מאָלצייט עסן —
און ווי די וועלף צעכאַפּן זיי דאָס.
דערצו נאָך טרינקען זיי מיין ווײַן אויס,
ווי כ׳וואָלט פאַר זיי געשטעלט אין קאָן שוין — —
און ווען איך מאַך פאַר פריינד אַ סעודה —
נו, זעצן זיי זיך אויבנאָן שוין.
מיין איינציק טרייסט, אַז ס׳ועט דער האַרבסט באַלד
מיט קעלט און רעגן זיי פאַרשטראָמען;
ווען ניט וואָלט איך גאָר ניט דערטראָגן —
און כ׳לויב דערום זיין ליבן נאָמען!

ז.

דער מענטש באַשײַנט דעם פּלאַץ

מײַן כּבֿוד איז מיט מיר, אַפֿילו כ׳זיץ גאָר אָן אַ זײַט
און כ׳זוך קײן אויבנאָן, ווי אַלע פּראָסטע, פּוסטע לײַט,
וואָס מײנען, אַז ניטאָ קײן זאַך גאָר וואָס עס קלעקט זײ,
און זײער קלײנלעכקײט דער פּלאַץ פֿאַרדעקט זײ.
אָט וואו איך זיץ — דער העכסטער פּלאַץ איז דאָרט,
און זײ — וואָס ס׳פֿעלט זײ, פֿילט זײ אויס דער אָרט.

ח.

שטײ=אויף, דו פֿוילער, וואָס=זשע שלאָפֿסטו?
די מוראַשקע, קוק, איז ניט פֿויל!
כ׳האָב ניט געזען אַ קאַץ וואָס שלאָפֿט — און
אַרײַן אַ מויז זאָל אין איר מויל.

ט.

דו זאָלסט ניט שעצן קײנעם נאָך די קלײדער,
נאָר קוק זיך=צו צו זײַנע מעשׂים;
דען ווי עס זאָל ניט אויספּוצן דער וואָלף זיך —
וועט ער זיך אויפֿהערן צו בײַסן?

ייִדיש — א. ר. און נ. ג.

דער מענטש דאַרף זיך שטענדיק באַקלערן...

דער מענטש דאַרף זיך שטענדיק באַקלערן —
ער וועט זיך צו שטויב צוריקקערן.

*

צו פינף יאָר איז פול מיט אַנטציקן
דאָס ייִנגל מיט זוניקע בליקן.
די מוטער וועט אַלץ אים פאַרטראָגן,
די האַלדז פון דעם טאַטן — זיין וואָגן.

דאָס ייִנגל איז צען יאָר געוואָרן —
ניט מוסרט אים, רעדט נישט מיט צאָרן.
לאָזט פריי זיינע יונגע געפילן,
זאָל ער מיט פאַמיליע זיך שפּילן.

צו צוואַנציק — ווי שיין איז דאָס לעבן!
ער וואָלט בלויז אומשפּרינגען און שוועבן.
ער לאַכט פון די לערער און טוגנט,
די ליבע — געפאַנגען זיין יוגנט.

און זיינען אים דרייסיק פאַרשוואונדן —
דאַן איז מיט אַ ווייב ער פאַרבונדן.
ער קעמפט שוין — אַזוי ווי געפאַנגען —
פאַר ווייב און פאַר קינדערס פאַרלאַנגען.

און זיינען אים פערציק באַפאַלן —
דאַן פילט ער ביי זיך שוין געפאַלן.
צופרידן מיט פיל און מיט ווייניק —
און טראָגט שוין זיין יאָך אונטערטעניק.

און זיינען אים פופציק אַריבער —
דאַן ווערט ער שוין טרויעריקער, טריבער.

ער שפּאָט פון דעם מענטשלעכן יאָגן,
און שרעקט זיך: די שעה וועט באַלד שלאָגן.

און ווערט ער מיט זעכציק געלאָרן —
דאַן האָט ער שוין מער ניט קיין באָרן...
ער קען שוין, אַ מאַטער, ניט שטרייטן,
און מוז בלייבן שטיין פון דער ווייטן.

דערגרייכט ער שוין זיבציק מיט גבורה —
ער האָט ביי דער וועלט ניט קיין צורה.
קיין האַנט וועט אים קיינער ניט שטרעקן —
אַ לאַסט נאָר פאַר זיך און זיין שטעקן...

און האָט ער שוין אַכציק דערצויגן —
דאַן דינען ניט מער שוין די אויגן.
די קינדער אים ווילן ניט ווייסן.
פאַרסמט איז זיין טרונק און זיין ביסן.

דערנאָך איז דער טויט אים שוין ליבער...
אַז וואויל איז דעם מאַן, וואָס טראַכט איבער,
און ווייס, אַז דאָס לעבן איז שטויביק,
און בלויז יענע וועלט איז אויף אייביק.

*

דער מענטש דאַרף זיך שטענדיק באַקלערן —
ער וועט זיך צו שטויב צוריקקערן.

יהודה אלחריזי — **יידיש—מרדכי יאָפּע**

צו ציון

צו ציון מיין גײַסט איז, מיין שטרעבן,
אין איר וויל איך רוען און לעבן.
מיט איר — זיינען ליב מיר די פּלאָגן,
כ׳וואָלט לאָזן אַפילו זיך שלאָגן.
און כ׳האָב גאָר קיין אַנדער באַגער ניט,
ווי איר — ביז כ׳גיי־אויס און איך ווער־ניט.
ניטאָ אַזאַ באַלזאַם, וואָס קלעקט מיר,
ווייל זי — דער געווירץ, וואָס עס שמעקט מיר.
כ׳וואָלט קושן דעם שטויב, ס׳זאָל אַזש ווערן
אַ צייכן פון שטויב אויף מיין שטערן.
איר שטויב היילט מיך אויס מיינע גלידער,
כ׳רייב־אויס מיין קראַנק האַרץ — און ס׳לעבט ווידער.

ע פּ י ג ר אַ ם

גרייס פֿון לענדער ענג און שמאָל איז
אָפּטמאָל פֿאַר צוויי פֿיינד;
ווי אַ שפּאַן פֿון ערד אַמאָל איז
ברייט פֿאַר טויזנט פֿריינד.

מאיר פון ראָטנבורג
יידיש — אברהם רייזען

קלאָג־ליד

שאלי שרופה באש...

אָ, וועגר זיך און פרעג, דו פאַרברענטע אין פייער,
אויף דיינע אבלים, וואָס דו ביסט זיי טייער.
פרעג נאָך, וואָס עס מאַכן, פרעג נאָך, וואָס עס טוען
די יעניקע, וואָס גלוסטן אין הויף דיינעם רוען.
וואָס וואַרפן אין שטויב זיך מיט הערצער פול וואונדן
אויף דיינע עץ־חיימס — אין פלאַמען פאַרשוואונדן.
וואָס וואַנדלען אַרום ווי די שאָטנס און וויינען
מיט האָפענונג פול, אַז די זון וועט נאָך שיינען.
און פרעג אויך אויף יענעם, געבויגן אין דרייען,
וואָס הערט גאָר ניט אויף — אויף דיין אומגליק צו שרייען.
וואָס קלאָגט ווי אַ סאָווע ביינאַכט אין דער מיטן,
וואָס קיינער פון זיי האָט זיין שטראָף ניט געליטן,
ווען דו ביסט אין פייער געוואָרן געטריבן,
און זיי זיינען גאַנץ, אומבאַשעדיקט געבליבן.

— — — — — — — — — — —

האָט גאָט דען מיט דיר זיך געדאַרפט צו אונדז ווענדן,
ער זאָל דיך דערנאָכדעם אין פייער פאַרלענדן?
באַרג סיני, האָט גאָט דיך דערפאַר אויסגעקליבן
ער זאָל דיך דערהויבן און נאָכדעם באַטריבן?

— — — — — — — — — — —

כ'וועל לאַנג אַזוי וויינען און גיסן די טרערן,
ביז וואַנען אַ טייך פון די טרערן וועט ווערן,
און וועלן דערגרייכן צו דיינע צוויי האַרן,
וואָס ליגן אין הור־ההר — משה ואהרן.
און איך וועל זיי פרעגן, די ליבע, די טרייע,
צי האָבן זיי גרייט דען אַ תורה, אַ נייע?

צי ביסטו אינגאַנצן שוין איבריק געוואָרן
און גאָט האָט דערפאַר דיך פאַרברענט מיט גרוים צאָרן ?

— — — — — — — — — —

ווי קען דען דאָס עסן זיין זיס צו מיין גומען,
ווען איך האָב געזען ווי מען האָט דיך פאַרנומען
אין ערגעץ אַ געסל, דורך פינצטערע וועגן,
און האָבן פאַרשעמט דיך, פאַרברענט גאָטס פאַרמעגן !

— — — — — — — — — —

עס וועט דיך נאָך טרייסטן דער שעפער פון אויבן,
די שבטים אויפקלויבן, געפאַלענע — דערהויבן.
דו וועסט זיך פאַרצירן, אין זיַידנס באַקליידן,
אַ פויק וועסטו נעמען און טאַנצן אין פריידן.
און שטאָלץ וועל איך ווערן ווען גאָט וועט אָנצינדן
זיין ליכט אויף דאָס ניי — און די נאַכט וועט פאַרשווינדן.

ליבע-לידער

א.

אַך, ווי גוט איז מיר! מיין שיינע
האָט מיך היינט צו זיך פאַרבעטן.
פון איר וואָלד די פרוכט פאַרשפּראָכן —
ווי עס שרעקט מיין האַרץ פאַר פריידן.

ביי איר לוסט ווען איך שטיי נאָענט,
קען ניט טרעפן מיר קיין סיבה.
וואָס איז אומגליק, ווען זי שענקט מיר
אַלע זיסקייט פון איר ליבע?

זי אַליין איז נאָר מיין גורל,
וואָס מיין מזל טוט באַשערן.
זי — מיין לוסט, מיין פרייד די העכסטע,
זאַמלפּונקט פון מיין באַגערן.

ביי איר ברוסט שווייגט יעדעס אומגליק,
אירע לאָסקעס שטייגט אַלץ איבער.
נעמט, איר פריינד, אייך שטעט און לענדער,
מיר — איין קוש בלויז פון מיין ליבער.

ב.

איז עס מעגלעך, ליבסטע, אַז די אויגן דיינע
זיינען נאָר אַרויף אין הימלס-ליכט;
כ׳זע אין דיינע אויגן אָוונטלעכן הימל,
און דעם טאָג אויך זע איך אין דיין העל געזיכט.

ס׳הענגט מיין לעבן אויף אַ רינגל פון דיין אויער —
זאָל עס זיין די אַרבעט פון אַ כּישוף גאָר?
און דערצו נאָך, שיינהייט, אויסער אויגן־שטערן
זע איך דיינע ציינער, ווי דער האָגל קלאָר.

פרעג איך דיך, דו ליבסטע, צי די אויגן דיינע
זיינען הימלס־שטערן אין געפאַנגשאַפט — זאָג!
אָדער דיינע אויגן זעען אויס ווי שטערן,
און דיין ליכטיק פּנים — דאָס געשטאַלט פון טאָג.

אַ תפילה

ווען דיין האַנט האָט מיך געטראָפן —
וועל איך, גאָט, צו דיר אַלץ האָפן.
און פון דיר וועל איך אַנטרינען,
אום ביי דיר אַ הילף געפינען.

אין דיין טאָג פול דונער בליצן —
זוך איך מיר ביי דיר צו שיצן.
אין דיין צאָרן־טאָג דעם שוואַרצן
לויכט דיין ליכט מיר אין מיין האַרצן.

יידיש—מרדכי יאָפּע

גיכער קום, משיח...

גיכער קום, משיח, וואָס=זשע שטייסטו?
ס׳וואַרטן אַלע שוין אויף דיר מיט טרערן,
פון די טרערן בלוטיקע אַזש טייכן ווערן,
יעדעם האַרץ און צונג געלוסט צו דיר, צי ווייסטו?
נעם אַ פלאַקס=פּאָדים אין האַנט און מעסט=זשע
ציון אויס, די שיינע, און די קינדער
אירע זאָל עס גוט זיין, און געשווינטער
אַלע פּיינט אַרויס. און שטיין דאָ וועסטו.

שטיי=זשע אויף, משיח, זעץ זיך רייטן
אויף אַ פערד, וואָס לויפט און ווערט גאָר מיד ניט,
ווייל איך האָב שוין דאָך קיין גאַנצן גליד ניט.
ווילסטו רייטן אויף אַן אייזל — קענסטו שלאָפן!
כ׳זאָג דיר, האַר משיח, אויפריכטיק און אָפן:
ברענג דעם קץ שוין אונדז, דעם ווייטן.

משה-חיים לוצאַטאָ   יידיש—מרדכי יאָפּע

דאָס פֿאַסטעכל

פֿון „מגדל עוז"

אַ פֿאַסטעכל אַ יונגער,
ווי גוט איז און ווי וואויל אים!
גייט זיך נאָך זיין סטאַדע שעפּסלעך,
גייט זיך, לויפֿט און שפּרינגט זיך אונטער —
אָרעם — אָבער מונטער.
ס׳פּנים און דאָס האַרץ צעלויכטן,
רוט אין שאָטן זיך פֿון ביימלעך —
אָרעם — אָבער היימלעך.
ס׳פּייניקט אים קיין לוסט צו רייכקייט,
יאָגט זיך ניט נאָך גלאַנץ און כּבֿוד;
עסט ער קרײַטעכער און גרינסן —
ווייל צופֿרידן — איז אים זיס דאָס.
אויף זיין אָרעמען געלעגער
שלאָפֿט ער און אויף אים באַנײַט ער
אויף פֿרימאָרגן זיינע כּוחות,
ווי די פֿעדערן — אַ יונגער אָדלער.
זיינען פֿעלדער פֿול באַוואַקסן,
זיינען פֿעלדער שוין געשניטן,
איז דער הימל פֿול מיט וואָלקנס,
און עס כמאַרעט, רעגנט, שטורעמט —
וואָס אַרט עס אים? זיין האַרץ איז רואיק.
פֿאַר קיינעם האָט ער ניט קיין מורא,
האָט קיין פֿיינד, קיין ניט-פֿאַרגינער,
ווייס פֿון קיינעמס פֿאַלשע „שטיקלעך" —
אָרעם — אָבער גליקלעך.

אַ מיידל, וועלכע עס געפעלט אים,
פאַרשאַפט אים פרייד און פאַרגעניגן,
און זי מיט אים איז אויכעט גליקלעך;
ווייל ביידע זיינען פונקט ווי איינע,
און קיינער וועט זיי ניט צעשיידן,
און זייער גליק וועט קיינער שטערן!
און ווערט ער מיד, דאַן רוט ער אָפּ זיך
אויף איר ברוסט, און ס'וויגט זיין קאָפּ זיך
איַין פון פרייד און פאַרגעניגן —
אָרעם איז ער — און צופרידן.

אברהם־דוב לעבנסאָן   יידיש — מרדכי יאָפּע

דער שטאַרבנדיקער

ס׳האָבן פייגעלעך געזונגען —
אַלע זיך דערנאָך צעפלויגן;
זייער ליד פאַר מיר געקלונגען,
זיי — פאַרשוואונדן פון די אויגן.
קינדהייט, יוגנט ווערט פאַרפלאָסן,
שווינד וו׳אַ שאָטן און ניטאָ שוין.

און נאָך זיי געקומען זיינען
שלענג וואָס בייסן, טוען ווי שוין:
אַלטקייט, גרויקייט, גרויסע פּיינען
גייען פאַרביי און איך נאָך זיי שוין.
האָבן אָפּגענאַרט מיך, ווי מיר,
און נאָך מיטגעפירט נאָך זיי מיך.

זייט געווונט און שײַנט און פרייט זיך,
אַלע ליכטער דאָרט וואָס גלענצן!
שיינט פון אויבן, לויכט און דרייט זיך
טאָג און נאַכט אויף ערד און מענטשן.
איך גיי דאָרטן שוין, פון וואַנען
ס׳איז קיין וועג צוריק פאַראַנען.

דרייט זיך אום אין אַלע זייטן
טאָג און נאַכט אין גאַנג אין שטומען;
ס׳וועלן אַוועק די פרילינג־צייטן,
האַרבסט־טעג וועלן נאָך זיי קומען.
אָט אַזוי די צייט זי גייט זיך —
מיינע ביינער ליגן טויט זיך.

איר, פֿאַראירטע דאָ פֿון לעבן,
פֿרייט זיך, ווי איר וואָלט ניט זען גאָר
אָט דעם טויט, וואָס טוט דאָ שוועבן,
און פֿאַרגעסט, אַז ס׳וועט געשען גאָר.
כ׳האָב אין לעבן אויך געשפּילט זיך,
ביז דעם טרויער האָב דערפֿילט איך.

מאַכט אַ טומל און גערודער,
גרויסע זאַכן פּלאַנט און בויט זיך,
לאָזט ניט אָפּ דעם לעבנס=רודער,
צו פֿאַרגעסן בלויז אָן טויט זיך.
מיך דאָס לעבן איז קיין וואָר ניט,
און איך עקסיסטיר שוין גאָר ניט.

נאַר, דו ערד, דעם מענטש, באַטריג אים,
אין די נעצן נעם אַריין אים;
מיט ניגונימלעך פֿאַרוויג אים,
מאַך אים שיכּור מיט דיין ווײַן אים.
איך בין ניכטער. מיר באַוואוסט איז,
אַז אין לעבן אַלצדינג פּוסט איז.

פֿרייט זיך, זינגט, צעשטיפּט, צעוואַרעמט,
וועלט=באַטרונקענע, באַטויבטע;
שרייט און וויינט און רופֿט און ליאַרעמט
אָן אַן אויפֿהער, איר באַרויבטע!
איך וועל שוין ניט שרייען. טאָמער
שריי איך — ווער וועט הערן דאָ מיר?

גייט אייך, יאָרן, און באַנײַט זיך,
שטייט=אויף, דורות — לייגט זיך ווידער,
וואַכט=אויף, שטעט, און שמעלצט אין צייט זיך,
בויט זיך, לענדער, און זינקט נידער, —
פּונקט ווי איר געבליט, פֿאַרדאָרבן,
כ׳האָב אַזוי געלעבט — געשטאָרבן. — — — —

מיכה-יוסף לעבענסאָן — יידיש — מרדכי יאָפּע

ש ל מ ה

פראַגמענט פון אַ פּאָעמע.

אויף פעלדער פון ציון און ירושלים,
אין שטאָט, וואָס אינגאַנצן איז זי אַ באַשווּנטע
מיט אַלץ וואָס איז טייער, מיט אַלץ וואָס איז הייליק,
און צעדערן שטייען מיט שטערן באַקרוינטע;

אין שטאָט, וועלכע איז פון די אַלע די מלכּה,
וואו פייגן און איילבערטן וואַקסן לאַנגאָניק;
אָט דאָרט וואו די וויינשטאָקן טריפן מיט זיסקייט,
און ס'טריפן די בערגער מיט מילך און מיט האָניק;

און ווינטן דאָרט זינגען און דרייען זיך לוסטיק,
און פרילינג אין איר גייט זיין אייביקן גאַנג זיך;
און ס'איז פאַרן ירדן וואָס שפּילט-זיך אויף ברעגן
די צייט — נאָר אַ יום-טוב, וואָס ציט אַלץ פון לאַנג זיך;

אָט דאָרט וואו עס רוען די מוזעס פון שירה,
און צווישן די בלומען די שירה צעבליט איז;
פּאָעזיע און בלומען אין איר איז פאַראייניקט,
איר בלום איז — געזאַנג, און איר צעדער — גאָטס ליד איז;

אין דאָזיקן פּרעכטיקן לאַנד פון פּאָעזיע,
וואו פעלז איז אַ טאָוול, אַ בוך יעדער שטיין איז,
און זי ווי אַ דימענט אין קרוין פון די וועלטן,
וואָס שיינט און באַווייזט וואָס דערהויבן און שיין איז, —

אויף פעלדער פון ציון און ירושלים
שפּאַצירט זיך אַ יונגלינג גאָר פריילעך און מונטער;
אַ שלאַנקער, ווי'אַ פּאַלמע, און אויגן צוויי שיינע,
אין חן פון זיין יוגנט אַ בליענד-באַזונטער.

זיין לויכטיקער פּנים איז צאַרט און געדוויטלט,
די באַקן — ווי שניי, און די ליפּן — ווי בלומען;
און שוואַרץ ווי אַ ראָב ביי אים זיינען די לאָקן,
די אויגן — ווי טויבן אויף קוואַלן פאַרנומען.

און שטילע באַשיידנקייט וואָס עס פאַרוועלקט ניט,
און גוטסקייט פון האַרצן זיין פּנים באַווייזט שוין;
די שטאַרקייט פון גייסט שיינט אים העל אויפן פּנים,
ווי שיין ס'איז זיין קערפּער, אַזוי איז דער גייסט שיין.

ווי שניי פון לבנון, וואָס ווייס פון קיין פּוס ניט —
אַזוי ניט באַטונקלט זיין יוגנט און קלאָר איז;
דעריבער איז פריילעך זיין האַרץ און נשמה,
ווייל ער'ט ניט געוואוסט נאָך פון פּיין און פון צרות.

דערצויגן אין לוקסוס, אין פּרעכטיקן פּאַלאַץ,
האָט ער תּמיד קיניגלעך שיינקייט געזען נאָר;
אין וויגל האָט ער זיך געשפּילט מיט דער קרוין שוין,
און רואיק זיין האַרץ איז, און שטיל איז געווען ער.

ער האָט ניט געפילט נאָך קיין גיפטיקן ווייטאָג,
ער האָט ניט געוואוסט נאָך די ליידן פון קנאה;
ער האָט ניט געזען נאָך קיין העסלעכע דחקות,
פון נויט און פון אומגליק — קיין קרענקלעכע מינע.

נאָר ליבלעכע האָפנונג — די טאָכטער פון הימל,
דעם קאָפּ מיט אַ בלעטער-קראַנץ שטענדיק באַהאַנגען;
און טאַקע די פרייד וואָס עס יובלט און הוליעט —
געחברט זיך האָבן מיט אים און געגאַנגען.

זיין לעבן איז אויף ווי די שײַן פון באַגינען,
ער האָט ניט געזען נאָך זיין אָוונט דעם טריבן;
דערפאַר צו אַ בוים איז געגליכן זיין לעבן —
ער האָט יעדן טאָג נייע פּרוכט זיך געקליבן.

ווי קוויקנדע רו האָט דער טויט אים געדוכט זיך,
ווי'אַ רואיקעם וויגל — דעם קבר געהאַלטן;

די וועלט אַ גן־עדן פֿאַר אים און קיין גרויס נישט —
ער האָט ניט פֿאַרנומען נאָך קיינע געוואַלטן.

די פֿראַגע „פֿאַרוואָס?‟ האָט ער קיינמאָל געפֿרעגט נאָך,
ווייל גלויבן האָט תּמיד געשטאַרקט און באַוועגט אים;
דער גלויבן, וואָס העל איז זיין קאָפּ אים באַלויכטן,
און ס׳איז מיט אַ שלייער זיין פּנים באַדעקט אים.

דאָס ליכט פֿונם גלויבן האָט תּמיד געלויכטן,
פֿון אַלערליי שלעכטס האָט געטאָן עס באַפֿרייען.
און ווייסט איר, ווער ס׳איז אָט דער יונגלינג? ס׳איז שלמה
בּן דוד, דער מלך פֿון ירושלים.

יהודה=לייב גאָרדאָן

ייִדיש — מרדכי יאָפע

פון דער פּאָעמע „דוד און ברזילי"

די זון פאַרגייט. עם בלאָזט אַ קאַלטעס ווינטל,
אין טונקלקייט פאַרהילט די גאַנצע וועלט איז;
נאָר גלעדם בערג זיי זיינען נאָך באַלויכטן,
דאָס גאָלד פון זון כמעט נאָך דאָרט צעהעלט איז.

אויף ירדנס וואַסער=פלוס האָט זי צעלייגט זיך
און האָט באַגולדט די גרין=צעלאָזטע וואַלן;
דער גאַנצער געגנט האָט זיך אָנגעפילט מיט וואונדער,
פון אָוונט=זון פאַרפלייצט איז ער מיט שטראַלן.

פון גרינע בערג די טשערעדעס צראָפּ שוין,
די פאַסטעכער געבראַכט אַהיים די פי שוין;
און פעלד און אַקער האָט מען שוין פאַרלאָזן,
דעם ווייַנגאָרטן און איילבערט — ביז אין דער פרי שוין.

איר פישער, גיכער נעמט צונויף די נעצן,
פירט=צו די שיפלעך צו דעם ברעג באַהאַלטן;
לאָז אַרונטער, בראַווער יעגער, שוין דיין בויגן,
און גיי אַראָפּ פון הויכע בערגער=שפּאַלטן!

די וועלט איז רואיק, און דער הימל שטיל איז.
נאָר פון דער ווייט אַ וואַסער=שטראָם גיסט אויס זיך;
דער יבוק פליסט זיין וועג מיט אַ געמורמל,
און פון מחנים=שטאָט דערטראָגט אַ רויש זיך...

ניט ווייט פון טייך און פון דער שטאָט מחנים,
דאָרט צווישן נעץ פון קוסטעס און פון צווייגן,
אין שאָטן פון אַ וועלדל און פון פעלדער
אַן איינזאַם ביידל שטייט זיך אין אַ שווייגן.

און ס'וואוינט אין דעם אַ שיינער מאַן, אַ זקן,
די האָר שוין גרוי, דער גאַנצער גוף געבויגן;
נאָר הויך און שטאָלץ אין אים דער גייסט איז,
און ווי די זון — דער פּנים און די אויגן.

ווער איז דער איינזאַמער, וואָס וואוינט אין וואַלד דאָ —
ווען אין דער שטאָט דאָרט קען מען קריגן
אי פריילעכקייט, אי לוסט אין אַלע הייזער,
און ס'איז דאָס לעבן פול מיט פאַרגעניגן?

ברזילי איז דאָס! לאַנג געווען אַ פּאַסטעך,
אַ מענטש, וואָס פאַר דער שטאָט האָט קיין התפעלות,
ביי וועמען שטאָט=פּאַלאַצן זיינען תפיסות,
און ווי אַ פּאַלאַץ גאָר — זיין רינדער=שטאַל איז.

אַ מענטש, וואָס גאָלד און זילבער איז אים גאָרנישט,
און רייכקייט, גלאַנץ האָט ער פאַראַכט נאָר,
ער האָט אין זיי קיין נחת ניט געפונען,
ווייל אומגליק, ווייס ער, האָבן זיי געבראַכט נאָר.

ווייל אויך די האַרפן=שפּילער וויינען אָפטמאָל,
און אין געראַמע הייזער אומגליק, נויט איז;
אויף קופּעס גאָלד גאָר פליסן טייכן טרערן,
און יעדע תאווה דאָרט אַ שריט צום טויט איז.

דער פרילינג פון זיין לעבן איז אַוועק שוין,
און וועט זיך מער שוין ניט פאַר אים באַווייזן!
געקומען איז די צייט פון האַרבסט און ווינטער,
וואָס דעקט שוין צו מיט שניי און זילבער=אייז אים.

און ער'ט געפונען זיך זיין רו אין וואַלד=שוים,
גאָר ווייט און פרעמד פון שטאָטס גערויש און זינד זיין;
דאָרט וועט דער אַכציקיעריקער שוין ווידער
ווי'אַ יינגל נעמען לעבן, פריי ווי'אַ קינד זיין.

דאָרט איז קיין פּראַכט ניטאָ — נאָר אויך קיין פּיין נישט,
זיין בעט איז פריש און הימל בלויז באַדעקט אים;
די שטערן — זיינע ליכט אין גאָטס מנורה,
און קלאָרער וואַסער פאַר אַ שפּיגל קלעקט אים.

די פייגעלעכס געזאַנג איז אים ווי אַ האַרף אים,
דער צווייגן־רויש — מוזיק איז וואָס פאַרוויגט אים;
געטראַנקען, ווייניגער זיינען אים דערווידער,
ווייל דאָ איז פריי ער וואַסער וואָס דערקוויקט אים.

דאָרט זעט ער דעם פרימאָרגן און דעם אָוונט,
די זון ווי זי גייט־אויף און טוט פאַרזינקען,
די שטערן און לבנות אָן אַן אויפהער —
וואָס האַלטן פון גאָטס וואונדער זיך אין ווינקען.

און ס׳פילט זיין האַרץ, אַז עפּעס איז עס ד אָ ר ט ן...
פאַר גייסט און זעל אַ מקלט איז פאַראַנען;
און פול מיט זיכערקייט און מיט נחמה
ער זעט ווי ס׳שווינדט זיין לעבנס־טאָג פון דאַנען.

ער גייט אַרוים אין דרויסן און שפּאַנט־אום דאָרט,
און די אויגן זעען ווי דער אָוונט פיין איז;
זייןביידל קוקט אים אוים גאָר ווי פון גינגאָלד,
און ירדנס ברעגן ווי אַ כוס פול וויין איז.

און ס׳איז די גאַנצע וועלט ווי אַ גן־עדן,
און ווי מלאכימלעך די ווינטן פליען;
דער הימל האָט אויף דר׳ערד פאַרשפּרייט זיין שיינקייט,
און לוסט און פריידן ווי די טייכן ציען.

„איז ניט מיין גורל בעסער ווי פון די רייכסטע שטאָט־לייט,
וואָס שרעקן זיך פאַר יענעם טאָג דעם שוואַרצן?!
ווייל רום איז גאָרנישט, און פוסט דער גלאַנץ איז —
דאָס גליק איז — אין צופרידנקייט פון האַרצן!"

איך שאַף נישט...

איך שאַף נישט קיין געשטויגן און געפלויגן,
איך בין אַ מאָלער און איך מאָל און שילדער.
און דאָס, וואָס כ׳זע מיט מיינע אייג׳נע אויגן —
דאָס צייכן איך אין לעבעדיקע בילדער.

און וואָס־זשע זאָל איך טאָן, אַז מיינע ברידער
באַווייזן מיר נאָר חורבן, פּיין און קללות?
און אומעטום — פון אויבן ביז דער נידער,
נאָר טייכן טרערן, זיפצן און יללות.

און כ׳האָב באַשטימט: צונויפזאַמלען די טרערן,
זאָל זיין אַן אָנדענקען פאַר קינדערס קינדער,
אויף יענעם טאָג, ווען בעסער וועט עס ווערן,
און גאָט וועט מאַכן אונדזער לעבן לינדער...

רחלס קבר

אויף די פעלדער פון בית־לחם,
וואו דער וועג אין אפרת גייט,
שוין פון יאָרן און פון דורות,
אויפגעבויט אַ קבר שטייט.

און ווען אַלץ אַרום איז רואיק,
און עס קומט אָן האַלבע נאַכט,
קומט אַרויס אַ פרויענצימער
פון דער קבר־גרוב פאַרטראַכט.

צו דעם טייך פון ירדן גייט זי,
קוקט זיך אויף די וועלן איין,
און פון אירע שיינע אויגן
דאָרטן פאַלט אַ טרער אַריין!

שטיל פליסט איין טרער נאָך דער צווייטער,
אָן אַ קרעכץ, אָן יאָמער־שטים,
פאַלט אַראָפּ אין ירדן־וואַסער
און צעמישט זיך שטיל מיט אים.

מנחם-מענדל דאָליצקי   יידיש — מרדכי יאָפּע

אויף ציונס חורבות

פראַגמענט.

גלייגט זיך בייַנאַכט אין מיין בעטל,
און ס'האָט מיך דער שלאָף באַלד פאַרנומען;
און באַלד אויף די פליגלען פון חלום —
געשוועבט און אין ציון געקומען. — — —

די לבנה אין הימל דאָרט אויבן
פאַרטרויערט די טריט טוט זי שטעלן;
טריפט טונקעלן שייַן זי אויף ציון
און ציטערט ווי אין קדרון די וועלן.

די צאַרטע לבנה זי ציטערט
אויף ציון און ווערט מער געבלייכט שוין;
דער הימל איז ווי אַ פאַרווייַנטער,
ווייל איר גורל צו אים האָט דערגרייכט שוין.

מיט איר שווימען, פונקט ווי אַבֵלים,
די טויזנטער שטערן אַרום איר;
זיי זיינען ווי אויגן וואָס העלפן
איר וויינען מיט טרערן פאַר קומער.

אַ שטילינקער ווינטל אויף בערג-קייט
פון ציון מיט רויש טוט זיך טראָגן;
זיין רויש אַזוי פיינלעך און טריב איז,
גלייך ווי אויף איר בראָך טוט ער קלאָגן.

און שטיל די צעשוואומענע וואָלקנס
פאַראייניקט אויף הימל-ברעג ווערן;
און טראָגן זיך אויבן, ווי קלאָגער,
צו גיסן אויף ציון מיט טרערן.

מרדכי־צבי מאַנע

יידיש — מרדכי יאָפּע

מיין וואונטש

פרילינג־זון אַראָפּ אין מערב,
ווייט אין איר פאַרגיין איז;
רויטער שײַן איז דאָרט צעגאָסן,
וואונדערלעך און שײן איז.

רואיק איז אַרום און שטיל דאָ,
ס׳רירט קיין בלאַט אויף בוים זיך;
אויפן שפּיץ פון בוים דער זינגער
זיצט אַליין און טרוימט־זיך.

ס׳ליגט אויף אַלץ אַ שטילקייט. פּלוצלינג
פליגל־שאָרך דורך שווייגן...
ס׳האָט אַ ווינטעלע געקושט מיך,
און באַוועגט די צווייגן.

ס׳איז דער שטאָרך מיט לאַנגע פליגל,
קלאָר און ווײַס — אַ חיות!
דאָרטן קרײַזט ער און אין בלויען
ים מאַכט ער נסיעות...

אוי, ווען אָדלער־פליגל וואָלט מיר
עמעצער געגעבן!
אָדער ווי אַ מענטש אַ פרייער
וואָלט איך זיין אין לעבן!

פלי איך צו דעם מזרח־לאַנד וואו
ס׳איז הלוים זעל דאָרט;
אויף די פעלדער וואָלט מיין ווייטאָג
שוין פאַרגאַנגען שנעל דאָרט.

וואו־זשע ביסטו, היילִיק לאַנד מײַנס?
כ׳בענק אַזוי און וואַרט שוין;
ס׳איז דיין לופט דאָך נאָר דערקוויקונג,
היילונג פאַרן הארצן.

ס׳איז דיין לופט דאָך נאָר דערקוויקונג,
וועקט אין מיר חלומות;
וויקלען־אויף זיך פאַר די אויגן
בילדער ליב און היימיש:

ס׳האָט די זון די ערד באַלויכטן,
אַוונט־טויען פינקלען;
ס׳ליד פון דעם געזונטן ערד־מאַן
קלינגט פון אַלע ווינקלען.

שפּילט אַ פּאַסטעך אויף זיין פייפל,
גאָר אַ פאַרגעניגן;
פון אַ שטיבל ערגעץ טראָגט זיך
זיס אַ מיידלס ניגון.

מיט די גרין־פאַרהילטע פעלדער
וועל איך זיך באַהעפטן;
אַרבעטן און זינגען, אפשר
קריגן ווידער קרעפטן.

כ׳וועל ניט טרויערן וואָס האָפנונג
איז פון מיר פאַרשוואונדן;
גוטע טעג, אַ רואיק לעבן
וועט פאַר מיר נאָך קומען.

וואו־זשע ביסטו, היילִיק לאַנד מיינס?
לאַנד פון מיין באַגערן!
ס׳איז שוין צייט מיר זאָלןביידע
אויפגעלעבט שוין ווערן.

דוד פרישמאַן

יידיש — מרדכי יאָפּע

משיח

פון דער שטילקייט אין נאַכט האָב געהערט איך אַ רוישן,
ווי דאָס קלינגען פון קייטן,
אַ קלינגען פון רינגען, וואָס קלאַפּן־זיך איינער אָן צווייטן — —
צעעפּ׳נען זיך די הימלען,
און באַלד האָט זיך אַ ליכטיקייט באַוויזן
און אַ שטראַלן־שײַן אַ שטאַרקער
צעגאָסן האָט זיך ווי אַ וואַסער־שטראָם אין אַלע זייטן,
אויף אַלץ — אַן אויסגעמיש פון בלוי און פּורפּור —
און כ׳טו אַ פאַל צו דר׳ערד און קני און בוק זיך. —
ס׳איז גאָט אַליין, דער האַר פון וועלטן!

דורך קריזאָליט און פלאַם און רויטע וואָלקנס,
וואָס כוואַליען אין דערלופטן,
און אויף אַ פייער, וואָס זיין פלאַם איז ווייס ווי סאַפּיר —
דער שטול פון כביכול;
און די לבנה איז זיין בענקל, און די זון — זיין אָנלען —
און זיינע מלבוש־ברעגן אין אַלע זיבן הימלען, —
אָט אַזוי דאָרט זיצט דער גרויסער בורא.
אָבער צו דעם אָנלען פונם שטול פון אויבן
איז צוגעשמידט מיט גאָלדנע קייטן,
קייטן זייער שטאַרקע —
אונדזער האַר, דער מלך המשיח...

און איך, משיח, האָב דערקענט דיך, דורך די אַלע צייכנס:
דורך אָט דעם פייער, וואָס עס ברענט אין דיינע אויגן,
אָט יענער הייליק פייער,
וואָס ברענט אין אויג פון יעדן דיכטער,

און יעדן טרוימער, אויסלייזער און נביא;
און דורך דעם גייסט, וואָס לויכט פון הויכן שטערן,
און דורך די מיטלייד־שטריכן אין דעם קנייטש פון באַקן,
און אין דעם פונקען־גלי אויף דיינע ליפּן!
און מער פון אַלץ נאָך —
דורך די צוגעשמידטע קייטן אויף די אָרעמס,
(אַזוינע קייטן כ׳האָב געזען שוין
אויף די הענט פון פּראָמעטעאוס,
ווייל ער׳ט ליכט געבראַכט די מענטשן —),
אָן אַלע זאַכן האָב איך דיך דערקענט, משיח:
געוויס ביסטו דאָס אונדזער האַר משיח!

און אין גאָלדענע קייטן,
אין גאָלדענע קייטן זייער שטאַרקע,
ביסטו צוגעשמידט פון טויזנטער יאָרן
צום שטול פון כביכול,
און קענסט זיך פון דעם אָרט ניט רירן;
און פונעם הימל זעען דיינע אויגן
די אַלע שרעקלעכקייטן פונעם לעבן
וואָס גרייכן דיינע ברידער —
און קענסט זיי גאָרניט העלפן.
און יעדן טאָג, און יעדע רגע
וואָס דיינע אויגן זעען־צו אַ נייע צרה,
און דיינע אויערן פאַרנעמען די געשרייען
פון פרישן בלוט אויף דר׳ערד וואָס מאָנט אַלץ, —
דאַן האָסטו מער שוין קיין געדולד ניט,
און ס׳פלאַקערט אויף דיין צאָרן, און אָנגעשפּאַנט — די נערוון,
און פרײַכסט און אָטעמסט,
און שטרענגסט זיך אָן מיט אַלע כוחות,
און ווילסט צערייסן דיינע קייטן,
באַפרייען זיך, אַ שפּרונג טאָן פון געפענגניש,
כדי געשווינד אויף דר׳ערד צו לויפן,
און אויסלייזן און רעטן

דעם אָרעמען און לײַדנדן פון זײַנע דריקער;
און ס'הערט זיך ווי עס קלינגען דײַנע קייטן,
ווען דו ווילסט איבעררײַסן,
און ווען דו גיסט אַן אויסגעשריי: „איך קאָן שוין ניט דערטראָגן!
אָט גיי איך נאָר אַראָפּ! און קום! און איך וועל העלפן!
און באַלד וועט איר באַפרייט זײַן!"
נאָר דו ביסט צוגעשמידט — און קענסט ניט,
און טוסט אַ פאַל צוריק אַהינטער —
און אַלץ וועט בלײַבן ווי געוועזן —
און טויזנטער יאָרן בײַנאַכט ווי עס הערט זיך
דער גערויש, ווען דו ווילסט זיך באַפרייען —
און אין שטילקייט פון נאַכט האָב איך אויבעט געהערט אים.

און פון שטילקייט זײַן קול האָב געהערט איך: „אָ, גאָט, ביז [ווי לאַנג נאָך?
ווײ איז מיר, ווײ איז מיר!
פאַרוואָס האָסטו, גאָט, מיר געגעבן
אַ האַרץ אַזאַ און אַ נשמה,
צו פילן יעדע צרה, און ווייטאָג, און אומרעכט,
צו לײַדן מיט יעדן געדריקטן,
צו טראָגן דעם פּײַן פון באַטריבן —
און האָסט מיר געבונדן די הענט, כ'זאָל ניט קענען זיי העלפן?
פאַרוואָס־זשע געגעבן מיר אויגן צו קוקן,
און אויערן צו הערן,
און מײַנע אויגן זעען יעדן דור און זײַנע טרערן,
און מײַנע אויערן הערן פון יעדן דור די זיפצן,
און מײַן נשמה פילט פון יעדן מענטש די וואונדן —
און האָסט געבונדן מיר די הענט — איך זאָל ניט קענען העלפן?
פאַרוואָס האָסטו באַשאַפן דעם גאַנצן ים פון לײַדן,
און אַלע צרות, אַלע פּײַנען
וואָס מײַנע אויגן זעען־צו פון לאַנג שוין,
און וועלן זען דאָס נאָך — ווער ווייס ווי לאַנג נאָך!
און האָסט געגעבן מיר אַ גײַסט אין מויל,
— וואָס איך קען אָנשרייען אויף אָט דעם ים און מאַכן טרוקן —

נאָר האָסט מיין מויל פאַרצאַמט, איך זאָל ניט קענען שרייען?
פאַרוואָס האָסטו די דאָזיקע מיליאָנען
אומגליקלעכע באַשאַפן,
און האָסט געמאַכט מיך צווען
די דאָזיקע אומגליקלעכע אַרמייען,
וואָס וועלן זיין נאָך לאַנגע דורות,
מיט זייערע מיליאָנען טרערן,
וואָס וועלן גיסן זיך און פלייצן ביזן טאָג דעם לעצטן?
פאַרוואָס האָסטו באַשאַפן מיך, צו הערן
יעדן טאָג אָן אויפהער
דעם גרויסן יאָמער זייערן, וואָס מאַכט צעפּלאַצן שטיינער —
און נאָר געבונדן מיר די הענט, איך זאָל ניט קענען העלפן?
פאַרוואָס האָסטו געגעבן מיר דעם כּוח
צו ראַטעווען און אויסלייזן און העלפן?
פאַרוואָס האָסטו געגעבן מיר דעם ווילן,
צו אָפּווישן די טרערן,
צו היילן טריבע הערצער,
צו שטילן וואונדן —
און נאָר געבונדן מיר די הענט אין קייטן?
פאַרוואָס־זשע, גאָט, האָסטו געמאַכט מיך
פאַר אַ גואל — און לאָזט מיך ניט באַפרייען?"

און אין שטילקייט פון נאַכט הערט זיך דייטלעך אַ רויש,
עס איז דער געוויש פון די גאָלדענע קייטן,
וואָס עס קלאַפּן זיך איינע אָן צווייטער דאָרט אויבן,
ווען משיח שטרענגט אָן זיך אַ ריס טאָן די קייטן,
און צעטרייסלען מיט גבורה
דעם כּסא־הכּבוד, און אַלע די הימלען,
און אַלץ מיט אַנאַנדער —
און באַלד הערט זיך אויך אין דער נאַכטיקער שטילקייט
אַ קלינגען פון אייזערנע קייטן,
אויף דר'ערד דאָרט פון אונטן,
פון איין ברעג פון וועלט ביזן צווייטן.

נאָר פון די רויטע וואָלקנס,
דורך קרייזאָליט און פלאַמען,
וואָס בלענדט ווי ווייסער סאַפיר,
דערהערט זיך קלאָר אַן ענטפער:
„ווען אויפשטיין וועט אַ דור אַ נייער,
אַ דור, וואָס וועט פאַרשטיין די גאולה,
אַ דור, וואָס אויסגעלייזט צו זיין וועט וועלן,
און צוגעגרייט אַליין זיין צו דער גאולה, —
דאַן וועסטו אויפשטיין אויך און ווערן אויסגעלייזט אַליין שוין,
דאַן וועסטו אויפשטיין — און וועסט אויסלייזן די מענטשן!"

חיים-נחמן ביאַליק יידיש — ז. שניאור און י. י. שוואַרץ

ווינטער-לידער

א.

אויפגעוועקט האָט היינט פון שלאָף מיך
פריע קעלט, אַ קראַ פון ראָב —
און איך ווייס נישט, וואָס איז פּלוצלונג
אַזאַ פרייד אויף מיר אַראָפּ.

ווער האָט דאָס געשענקט מיין האַרצן
אומגעריכט אַ גליק אַ נייס,
וואָרעם איז מיין צימער פּלוצלונג
חנעוודיק און בלויליך-ווייס.

זע, אַ וועלדל!... אויף די שויבן
וואַקסט עס פריש אין ווינטער-פּראַכט.
אויפגעבליט, ווי אַהרנס שטעקן,
האָט דער פענצטער איבער נאַכט.

סאָסנעס, דעמבעלעך באַשנייטע,
און פון פּאַלמען דאָס געשטאַלט.
גוטן מאָרגן, ווינטער-שפּראָצונג!
בראַוואָ, קליינער, מילדער וואַלד!

און אַ קאַלטער גלאַנץ אַ העלער
האָט מיין צימער פול געמאַכט,
גלייך עס וואָלט אַראָפּ אַ מלאך
און עס אויסגעקאַלכט די נאַכט...

ס'האָט דער ווינטער-גלאַנץ דער פרישער
די נשמה מיר באַנייט,
פּונקט עס וואָלט אַ ווייסער מלאך
זי פון שמערץ און זינד באַפרייט.

ב.

ס'האָט דאָס אייז באַדעקט מיין פענצטער,
האָט די ליבע זון פאַרשטעלט,
נאָר אין מיטן האָט אַ פונק זיך
אָנגעצונדן און געקוועלט.

ס'האָט אַ גאָלדן מאָרגן־שדל,
זונענשטראַל און זונענשטויב,
אומגערן זיך דאָ פאַרפלאָנטערט
אינם וועלדל אויף דער שויב...

און ער פלאַטערט דאָרט, דער שטיפער,
שמעלצט זיך, פלאָנטערט זיך אַלץ מער;
פלוצלונג גיט ער זיך אַ צאַפל,
און עס ווערט פון אים אַ טרער...

באַלד אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן —
ווידער איז די שויב קריסטאַל...
שפּרינגט אַריין אַ חייל שטראַלן
און באַפאַלט מיך מיט אַמאָל!

זי, די זון, האָט פאָרט דערטאַפּט מיך,
טוז, אין שטוב — און שפּרינג אַריין, —
אויסגעשאָסן גלייך אין פּנים
אַלע אירע שפּיזן שיין.

ווידער קוקט אַ טאָג אין פענצטער,
אַזוי זיכער, קאַלט און העל,
ווידער פרעגט מיין האַרץ פון קרעפטן,
איך בין ווידער יונג — און קוועל...

ס'ווערט מיין האַנט אַ פּלעצל אַייזן,
און מיין אָרעם אָנגעשטאָלט;
כ'וואָלט אַ לייב, מיר דוכט, צעריסן,
כ'וואָלט אַ ריז אויף שטויב צעמאָלט.

ג.

אויף דער שוועל האָט מיך באַגעגנט,
אָפּגעגאָסן אומגעריכט, —
כּליופּ אין פּנים! — כ׳ווייס אַליין ניט,
וויפיל שעפל קאַלטע ליכט.

כ׳ווייס אַליין נישט וויפיל זונען
האָבן גאָלד אויף מיר געשפּריצט...
ווייט האָט זיך אַנטבלויזט גאָטס וועלטל,
פרעך געפינקלט און געבליצט...

וואו נאָר ס׳קאָן דאָס אויג דערגרייכן
גלאַנצט גאָטס וועלטל, שעמערירט,
אויסגעשאָטן מיט בריליאַנטן
און מיט דימענטן פאַרצירט.

ס׳איז דער פראָסט אַליין דער מושל,
שטאַרק און קרעפטיק איז דער ריז,
ס׳דינען קעלט און שניי צוזאַמען:
דער מיט נאָדל, דער מיט שפּיז...

אַ באַפעל, זעט־אויס, אַ שטרענגער
דורכגעגאַן איז היינט ביינאַכט:
„ווייס זאָל ווערן! מאָרגן ז׳ יום־טוב!
צירט אייך אויס אין שענסטן פּראַכט!"

און עס האָט אַ שניי אַ פרישער,
ערשט פון הימל, שפּאָגל־ניי,
גיך פאַרשאָטן וואו אַ גריבל,
וואו אַ פּלויט פאַרדעקט דערביי.

און עס האָבן מאַרמאָר־ווייסקייט,
גאָלד און זילבער און קריסטאָל
זיך צעוואָרפן און צעשאָטן
און צעשפּילט זיך מיט אַמאָל!

קלאָרע ליַילעכער צעוויקלט,
אויסגעבעט די גאַנצע שטאָט,
זילבער=קײַמלעך אָנגעהאַנגען
אויף דעם טעלעגראַפן=דראָט.

טישטעכער געשפּרייט אויף דעכער,
מיט קריסטאָל'נע פּרענדז באַצירט; —
גאָטס אַ גרויסער, ווײַסער יום=טוב
איז געקומען — און רעגירט!

און די ווײַסקייט בלענדט און צויבערט...
אין דער הויך, פון אויג פאַרשטעלט,
פלעכט אַ האַנט פון גאָלד'נע שטראַלן
טויזנט קרוינען גאָר דער וועלט.

שטייט אַ דעמב באַזעצט מיט פייגלעך,
דורך — באַגלאָזט, דורך — בליץ און בלאַנק,
און פאַרהילעכט דעם פרימאָרגן
מיט אַ לעבעדיקן קלאַנג.

ד.

אוי, צעשפּיל דיך, פראָסט, מיט וואוט,
סמאַליע, שטעך און ברען און גלוט!

גיס דיין שטאָל אין האַרץ ביי מיר,
אויף מיין וואָנג דעם הויך באַפריר!

און באַשמיד מיין ברוסט מיט אַייזן,
טאָמער וועט זי זיך צערייסן

פון פיל גבורה און פול וואוט.
הוליע, פראָסט, און ברען און גלוט!

שטרענג די מוסקלען אָן, ווי שטריק,
און מיין הויך אין האַלדז פאַרשטיק!

פינקלענד, שטראַלנד שעמעריר,
וואָס אַמאָל אַלץ מערער פריר!

ה.

ס'ציט אַ רויך זיך פון די קוימענס,
קרויזט זיך רואיק און באַזאַכט;
אויף דעם ווײַסן שניי די ראָבן —
לעבעדיקע שטיקלעך נאַכט...

„שריק־שראַק, שריק־שראַק", קריצט דער שניי דאָרט,
און פון אַלע זייטן גאַנץ
הערט אַ קריג זיך, ווי פון מעסערס,
וועלכע רײַבן זיך מיט כעס.

ווי אַ שווערדן־קלונג אין לאַגער
אומעטום נאָר קריצט און קראַכט —
פון דעם שניי, וואָס ווערט צעריבן
אונטער טריט מיט פעסטער מאַכט...

דאָס אין מאָרגן־טריט, וואָס סקריפּען
פול מיט לעבן, פריידן פיל;
ס'פליען פערד... די נעזער פאַרען,
ס'קלינגען גלעקלעך: ציל־ציל־ציל...

אין פורפורנע, בלויע נעצן,
פיס געטאַקטע, העלדזער — רונד,
ווארפן, שפּריצן שניי־ראַקעטן,
פליען־דורך — און זײַ געזונט!

ס'ווייזן זיך נאָר אין דעם שטורעם,
וועלכער טראָגט אַהין און קריק,
ראָזע, פלאַמענדע געזיכטער,
אָנגעצונדענע פון גליק.

ס'טראָגט זיי, ווי מיט ווילדע רוחות,
ווייט אַוועק דאָרט, פאָר נאָך פאָר,
ווײַט, וואו ס'וואַקסט דער ווײַסער פעפער,
העט צו'ן אַלדי ווייסע יאָר!

פונקט ווי ס׳וואָלט איין ווילדער חשק
אָנגעכאַפּט זיי: מיט אַמאָל
אין איין אָטעם איבערפליען
שטאָט און פעלדר און באַרג און טאָל.

הפקר, הפקר! אַלץ איז הפקר!
הוי, דו קוטשער! טראָג געשווינט!
וואַרף אַריין מיך אין דעם וויכער
און צעבלאָז מיך אויף דעם ווינט!

טראָג מיך ווײַט! וואוהין? ניט פרעג מיך.
איינס איז מיר! אַזוי נאָר ס׳גליט
כאָטש אַ פונק פון פרייד און לעבן
און אַ טראָפּן בלוט נאָר זידט.

יע, איך בין אַ ישיבה־בחור,
מיין געזיכט, ווי קרייד איז ווײַס;
נאָר אין זיך פאַרבאָרג איך קרעפטן
אונטער אַ דיקן פאַנצער אײַז.

און מיין אײַז — עס שמעקט מיט פרילינג,
וואָס איז פול מיט פראַכט און לוסט;
אַזאַ נייעם, פרישן פרילינג
האָט קיין מענטש נאָך נישט געוואוסט!

וואָס־זשע ברומט איר, טעלעגראַף־דראָטן,
אַזוי אומעטיק און קאַלט!
ס׳רוישט אין האַרץ אַ שטראָם פון לעבן,
ס׳זינגט דאָס בלוט אין מיר און שאַלט!

עך! אַראָפּ די מרה־שחורה!
זע, ווי שיין איז ד׳וועלט פאַרצירט!
כ׳וויל דעם לעבנס־כוס אויסטרינקען,
איידער ס׳האָט אים ווער באַרירט!

ביז צום גרונט וויל איך אויסטרינקען
מיט איין זופּ דעם גאַנצן כּוס!
כ׳וויל צעגיסן היץ און יוגנט
אָן אַ חשבון, אָן אַ מאָס!

ווען דאָס האַרץ וועט ווערן ליידיק,
אויסגעטריקנט, פּוסט און קאַלט, —
טראָג מיך, ברענג מיך הינטערן שטאָט ווײַט,
דאָרטן וואָרט אַ טיפער וואַלד...

ס׳שטייען שטאָלץ דאָרט הויכע סאָסנעס,
ווי די זיילן אין אַ שלאָס.
אַלץ איז גרייט און ריין... מען ווייס נישט,
צוליב ועמען, צוליב וואָס...

ס׳שטייט דער וואַלד פאַרקלערט, פאַרזונקען
אין אַ טיפן, ווײַטן סוד.
אויף אַן אומבאַפלעקט מזבח
דעמפּט ער ווײַסן שניי צו גאָט...

קלאָרן שניי, נאָך אומבאַרירטן.
כ׳ווייס אין יענעם וואַלד אַן אָרט,
ס׳שטעקט דאָרט ערגעץ אַ קאָוואַדלע
און אַ האַמער ליגט אויף דאָרט!

רײַס איך דאַן פון ברוסט מיין האַרץ אויס,
ווי אַ שווערד, באַדעקט מיט ראָסט,
פון איר שייד... און לייג אויף שטאָל דאָס
און צעגלי דאָס אויפן פראָסט.

און כ׳וועל שמידן מיטן האַמער:
קלאַפּ און קלאָפּ! זײַ שטאַרק און פעסט!
און עס וועט פון וואַלד דער אָפּקלאַנג
ענטפערן: אָמן, שטאַרק און פעסט!

און מיין האַרץ ווערט פול מיט קרעפטן,
וואָס ס'האָט קיינמאָל ניט געוואוסט —
שטאַרקער, מוטיקער ווי פריער
וועט עס קלאַפּן אין מײַן ברוסט...

יידיש — אליעזר שטיינבארג

די בשורה

פאַלט אַ בריוועלע פון הימל,
ווי אַ גאָלדפּייל, גלייך צו פוס מיר;
לייען דאָס בריוועלע איך איבער:
פריילינג שיקט דעם ערשטן גרוס מיר!

פּלוצים ליכטיק איז געוואָרן —
לויפט דאָס ווינטל אין איין אָטעם:
פריילינג קומט! איך האָב באַגעגנט
אויפן בערגל לעבן שטאָט אים...

וואַסער־שנירעלעך זיך טראָגן,
יאָגן, טאַנצן פון דער ווייטן,
איינס צום צווייטן מורמלט פריילעך:
נייע ווינטן, נייע צייטן!

אויבן עפּעס גאָט אַ פּענצטער:
פליט, מלאכימלעך, קונדייסים,
פליט, שפּריצט־אויס די וועלט מיט חיות!
זאָגט דעם לעבן: „שפּראָץ!" איך הייס אים.

זעט — אַ שוועלבעלע געפלויגן!
אוי, פון וואַנען קומט דאָס שרעטל?
דורך! און פון שפּיץ דאַך געגראַגערט:
יום־טוב! גרייט זאָל זיין דאָס שטעטל!

יידיש—אביגדור גרינשפאַן

אַ ל י י ן

ס'האָט זיי אַלע צום ליכט־שטראַל פאַרטראָגן דער ווינט,
נייע לידער פאַרכישופט צו פרעמדע געטריבן;
איך בין איינזאַם, אַליין, אַ פאַרגעסענע קינד
אין דעם אַלטן בית־מדרש פאַרבליבן.

איך בין איינזאַם, אַליין. און די שכינה האָט שטיל
מיט צעבראָכענע פליגלען מיין פנים פאַרבאָרגן, —
איבער מיר, איר בן־יחיד, — כ'פאַרשטיי עס, כ'פיל,
איבער מיר איז איר ציטער און זאָרגן.

און פאַרפאַלגט פון די קינדער, פון היימאַט פאַריאָגט
איז איר איינציקער אָרט דער בית־מדרש, דער שטומער, —
דאָרטן האָט זי, פאַרזונקען אין טרויער, גענאָגט,
דאָרט האָב איך זיך געטיילט מיט איר קומער.

ווען מיין האַרץ האָט געצויגן צום פענצטער, צו ליכט
און ס'איז ענג מיר געוואָרן מיין פינצטערע נאָרע,
האָט זי דאַן זיך גענייגט צו מיין בלאַסן געזיכט,
און איר טרער האָט באַנעצט מיין גמרא.

זיך געטוליעט צו מיר מיט אַ שטילן געוויין,
ווי געוואָרנט פון אומגליק, געבעטן, באַשוואָרן:
אַלע זיינען אַוועק. כ'בין געבליבן אַליין,
איך בין איינזאַם, אָ, איינזאַם געוואָרן.

ווי אַ לעצטער אַקאָרד אין אַ ליד פון אַמאָל,
אין אַ טרויער־געזאַנג, אין אַ שמערצלעכער תפילה,
האָט געקלונגען אין האַרצן איר וויינענדער קול
און איר טרער, די פאַרבאָרגענע, שטילע...

גיי צום פענצטער פאַרנאַכט...

גיי צום פענצטער פאַרנאַכט, דריק זיך־צו צו מיר פעסט,
נעם מיך, ליבסטע, אַרום, —
לאָמיר זיצן צוזאַמען, צוויי פייגלען אין נעסט,
אָן באַוועגונג און שטום.

אונדזער טרוימענדער בליק וועט דאַן בלאָנדזשען פאַרטראַכט
אין דעם הימלם געצעלט.
אונדזער הייסער געפיל וועט אין ליכט פון פאַרנאַכט
שוועבן פריי אין דער וועלט.

דער געדאַנק וועט דאַן ציען זיין פויגל־מאַרשרוט
אין דער הויך, אין דער שטיל, —
דאָרט, וואו ס׳רוישלען זיך פורפורנע אינזלען, ווי בלוט,
ליגט זיין הייליקער ציל.

יענע ווייט־הויכע אינזלען, וואָס בליען אין פראַכט,
פון פאַנטאַזיעס באַשיינט,
וועלכע האָבן אונדז פרעמד צו די מענטשן געמאַכט,
אונדזער לעבן פאַרברענט.

יענע אינזלען, צו וועלכע מיר האָבן געשטרעבט,
ווי צו אַן אידעאַל,
און די נאַכט־שטערן האָבן אונדז סודות געוועבט
מיט אַ זילבערנעם שטראַל.

ווי צוויי טרוקענע בלומען, פאַרברענטע פון לוסט,
גייען מירביידע פאַרקלעמט, —
ווי צוויי פריינד, וועלכע זוכן אַ גרויסן פאַרלוסט
ערגעץ ווייט אין דער פרעמד.

יידיש—ש. גינזבורג

וואו ביסטו?

פון דאָרטן, וואו דו ביסט, מיין איינציקע באַשערטע,
אין שכינה פון מיין טרוים, געגלוסטע און באַגערטע, —
אַנטפּלעק זיך שוין און קום, און קום געשווינט פון דאָרט
אין מיין באַהאַלטן אָרט.
און כל־זמן ס'איז נאָך צייט—קום מיר אַ תיקון געבן
און קיניג אויף מיין לעבן;
און גיב מיר מיין גערויבטע יוגנט היינט צוריק —
און ברענג מיך אום צוזאַמען מיט מיין גליק.
און אונטער דיינע ליפּן זאָל מיין פונק דערגליען:
און לאָמיך צווישן דיינע בריסט מיין טאָג דערציען,
ווי צוגעטוליעט פעסט צום בלומענשווים —
אַ שמעטערלינג פאַרנאַכט גייט אוים.

וואו ביסטו?

אַז דו ביסט נאָך געווען אַ ווייטע אומבאַקאַנטע —
שוין פלעגן רופן דיך די ליפּן די צעברענטע;
און מיין געלעגער האָסטו גאַנצע נעכט געהיט,
און ווי אַ פייער־קויל בײַ מיר אין האַרץ געגליט.
און כ'האָב געוויינט ביינאַכט, מיין קישן שטיל געביסן,
און ס'האָט מיין לײַב געשמאַכט און זיך צו דיר געריסן;
און אויף דער ברייטער גמרא גאַנצע טעג פאַרטרוימט,
אין וואָלקנדל מיט גאָלד באַזוימט,
אין לויטערסטן געבעט, אין מיינע ריינסטע פריידן
און אין די הייליקסטע פון מיינע ליידן —
האָב איך נאָר איינס געגאַרט, נאָר איינס פאַרלאַנגט האָב איך:
נאָר דיך, נאָר דיך, נאָר דיך...

יידיש—אברהם רייזען

זײַ א שווּך מיר...

זײַ אַ שוּץ מיר, זײַ אַ שוועסטער
און אַ מאַמע מיר אַפּילו;
לאָז מײַן קאָפּ אין שויס דיר ליגן
אויסצוגיסן דיר מײַן תפילה...

און פאַרנאַכט, אין צייט פון רחמים,
וועל איך עפענען דיר מײַן טענה:
מ׳זאָגט, ס׳איז ערגעץ דאָ אַ יוגנט —
וואו איז מײַנע?

נאָך אַ סוד וועל איך דיר פאַרטרויען:
כ׳בין פאַרברענט פון שעהן מריבע;
מ׳זאָגט, ס׳איז ליבע אויף דער וועלט דאָ —
וואָס איז ליבע?...

שטערן האָבן מיך באַטראָגן,
און דער חלום איז קיין וואָר נישט;
איצטער אין דער וועלט דער גאַנצער
האָב איך גאָרנישט...

זײַ אַ שוּץ מיר, זײַ אַ שוועסטער
און אַ מאַמע מיר אַפּילו,
לאָז מײַן קאָפּ אין שויס דיר ליגן
אויסצוגיסן דיר מײַן תפילה...

בייַנאַכט

ס׳שיט די שטילע נאַכט מיט סודות,
ס׳איז די גאַנצע וועלט אַנטשוויגן;
נאָר די וואַסער־מיל — זי וואַרפט זיך,
לאָזט דעם טײַך ניט רואיק ליגן...
ס׳ווערט די שוואַרצקייט אַלץ געדיכטער,
שאָטנס מערן זיך און מערן;
זאַכט אין ים פֿון נאַכט און שוואַרצקייט
פֿאַלט אַ שטערן נאָך אַ שטערן...

שטיל אַרום. מײַן האַרץ נאָר, פֿיל איך,
וויל ניט שווייגן, וויל ניט שטומען,
און איך הער אַ קוואַל אַ ריינעם
אין מײַן האַרצן רוישן, ברומען...

און עס רעדט פֿאַמעלעך: „קינד מײַנס,
ס׳ווערט מקוים דײַן באַגערן.
זעסט אַ שטערן פֿאַלט פֿון הימל,
גלויב, מײַן קינד, — ס׳איז ניט דײַן שטערן!

דײַנער זיצט נאָך פֿעסט און פֿינקלט
אין דער שטערן־קייט דאָרט אויבן;
גיב אַ קוק, דו זעסט? — ער ווינקט דיר,
און זײַן בליק איז טרייסט און גלויבן.״

און איך קוק אַהין צום שטערן,
ווי עס ווערט די וועלט אַנטשוויגן — —
מײַן וועלט, ווייס איך, איז נאָר איינע —
ב׳פֿיל זי אין מײַן האַרצן ליגן...

יידיש—יוסף העפטמאַן

מיין מוטער, זכרונה לברכה...

פון ווידלעניקער צדיקס ז״ל מעשיות

געוועזן איז מיין מוטער, זכרונה לברכה,
אַ גרויסע צדיקת, געלעבט אַלץ אין נויט.
אַ מאָל אין אַ פרייטאָג, די זון גייט שוין אונטער —
אין שטוב איז נישטאָ נישט קיין ליכט, נישט קיין ברויט.

דאָ זוכט זי און פאַקט, מעשה נסים, צוויי גראָשנס,
געפונען פאַרוואַלגערטע, גאַנץ אומגעריכט.
— וואָס בילכער? צי חלות, צי ליכט? — זיך געישובט,
אַוועק, און געקומען צוריק מיט צוויי ליכט.

כ׳פלעגט תמיד אום פרייטאָג צונאַכטס ברענען זיבן —
ווי זיבן מזלות — די ליכט אויפן טיש.
וואָס קאָן אַן אַלמנה, אַ וויסטע, זיך העלפן? —
איז שבת מיט צוויי ליכט, אָן חלות, אָן פיש...

אַ טישטעך אַ ווייסער, געלויבט איז זיין נאָמען!
נישט זינדיקן זאָל מען מיט טראַכטן, מיט רייד.
זי טוט אָן דעם טשעפּיק, דאָס שבתדיק יאַקל;
און אָט איז זי שוין צו דעם ליכט־בענטשן גרייט.

און ווי זי צינדט אָן די צוויי ליכט אין די לייכטער,
פאַרקלעמט איר ביים האַרצן, און ס׳ווערט אַזוי שווער.
און פלוצלינג — איין ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן:
געפאַלן אויף איר איז אַ זודיקע טרער.

דער שבת — פאַרשעמט, ווי איין אויג אויסגערונען —
און ס׳שטייט די צדיקת באַנומען פון שרעק:
אַך, גאָטעניו, וואָס האָט דיין שבת געזינדיקט? —
וואָס שטויסטו דיין אָרעמע דינסטמייד אַוועק?

אזוי ווי זי שטייט און זי מורמלט פאַרציטערט,
די אויגן פאַרשטעלט מיט די מאָגערע הענט,
צעטרייסלען זיך כּפּאַזמיש די אַקסלען, דער טשעפּיק —
ס׳פאַרשטיקטע געוויין האָט זיך העליש צעברענט.

עס איז פאַר דעם כּסא־הכּבוד נאָך קיינמאָל
אַזאַ מין געוויין נישט געוואָרן געבראַכט:
ווי ס׳וואָלטן זיך אָפּגרונטן גאַנצע פון וויי־טאָג
צעברומט און צעיאָמערט מיט שטורמישער מאַכט

דאָ קויקלט־זיך ווידער אַ פּערעלע פייער —
אַ ברענענדיק טרער — פון צעקנייטשטן געזיכט;
עס פאַלט אויפן קנויט, און עס גייט־אויף אַ פלעמל,
ס׳ווערט ליכטיק, עס ברענט דאָס פאַרלאָשענע ליכט.

נון עפנט מיין מאַמע די אויגן פאַרטרערטע,
זיי לייכטן ווי זונען, פאַרקוקט ערגעץ ווייט,
ווייל ס׳האָט זיי די שכינה צעקושט און געצערטלט...
איר זכות זאָל אונדז בּיישטיין אין היינטיקער צייט!

פאָלקס=לידער

יידיש—ישראל מה-יפית

צווישן פרת, חדקל...

צווישן פרת, חדקל, — דאָרטן
בליט אַ פייגנבוים אין גאָרטן,
און אַ פּאַווע אין די צווייגן
זיצט אַ גאָלד'נע, פּיקט די פייגן.

פּאַווע, פלי אין ווייטע ערטער:
דאָרט איז ערגעץ מיין באַשערטער;
טרעפסט אים—זאָלסט אים גאָרניט זאָגן,
בינד און ברענג מיר אים צו טראָגן!

האָסט קיין פּאָדעם ניט פון ליינען?—
פּרווו מיט גוטן מיט אים טענהן;
זאָג אים, פּאַווע, זאָלסט געדענקען,
אַז איך שטאַרב אַוועק פון בענקען.

זאָג, אַ גאָרטן בליט אַ שיינער,
נאָר עס וויים דעם וועג ניט קיינער;
און אַן עפּל זאַפטיק=זיסן —
איז ניטאָ ווער ס'זאָל געניסן.

ווידער זאָג אים דאָרט מיין חתן:
ס'ווערט ביינאַכט מיין בעט באַגאָסן
פון די טרערן, — און מיין קישן
ברענט אונטער מיין לייב דעם פרישן.

וויל ער ניט — טאָ זאָג אַ סוד אים:
אויסגעניייט מיט זיידן פּאָדעם
ליגן צוויי טוץ העמדער גרייטע,
חופּה=קליידער — שוין געניייטע;

פוך און פעדערן געפליקטע,
ציבלעך יידענע געשטריקטע: —
ס'האָט מיין מאַמע און מיין באָבע
אָנגעגרייט מיין גאַרדעראָבע.

גאָלד־געוועבט און פּרעכטיק זייער
ליגט און וואַרט מיין חופּה־שלייער;
גרייט נדן, איך בין אַ גרייטע, —
וואָס־זשע זאַמט ער זיך, דער שוטה?..

*

— וויער, שלייער, חופּה־שטאַנגען —
האָט די פּאַווע אָנגעפאַנגען, —
היינט ביינאַכט וועט דיין באַשערטער
וויסן דיינע הייסע ווערטער.

כ'וועל פונדיינטוועגן אים גריסן,
ווייזן אים דיין בילד דעם זיסן, —
וועט ער קומען פון דער ווייטן
אויף אַ קאַטשערע צו רייטן.

ער וועט קומען שנעל צו שוועבן
און וועט זאָגן: — אַך, מיין לעבן!
וואָס מיר קליידער, ווער מיר געלטער! —
איך האָב דיך פון אַלע העלטער.

כ'וויל פון פוך און זייד ניט וויסן,
ס'איז פאַר מיר דיין שוים אַ קישן,
און דיין האָר איז זיידנס ריינער, —
ביסט מיין אוצר דו אַליין נאָר.

רייך גענוג איז דיין געטרייער:
שוואַרצע האָר, אַ האַרץ מיט פייער,
ביידע איז דיר אָפּגעגעבן —
קום־זשע, קום צו מיר, מיין לעבן!

*

ס'איז אַ צויבערנאַכט געקומען
און די פּאַווע איז פאַרשוואומען,
צו די הימלען אויפגעשטיגן
און געזאָגט, ווייזט אויס, אַ ליגן.

טעג נאָך טעג זיינען פאַרלאָפן
און איך האַלט נאָך אַלץ אין האָפן;
קלאָרע הימלען, הימלען זיבן!
ווייסט איר אפשר פון מיין ליבן?..

אין מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונען
מיט אַן עמער זיך געפונען;
אַלע שבת קומט דעריבער
טרינקען וואַסער דאָ מיין ליבער.

אַלע ביימער שטייען שטילע,
ס'שלאָפט דאָס ווינטעלע אַפילו;
נאָכן טשאָלנט, אַלע שלאָפן,
נאָר מיין האַרץ איז וואַך און אָפן.

ווי מיין האַרץ דער עמער וואַכט,
טריפט זיין גאָלד אין ברונען זאַכט,
טריף אַ פּערל, טריף אַ צווייטער:
אָט־אָ גייט ער, אָט־אָ גייט ער...

שאַ, מיר דוכט, עס הערט זיך טריט!
איז דאָס ער? און אפשר ניט?...
גיכער, גיכער, קום מיין שיינער!
כ'בין אַליין און ווייטער קיינער...

זעצן מיר זיך דאָ ביים וואַנט,
קאָפּ צו אַקסל, האַנט אין האַנט;
כ'וועל דיר פרעגן אַ פּאָר זאַכן,
זאָלסט, איך בעט דיך, נאָר ניט לאַכן:

זאָג, פאַרוואָס דער עמער, זאָג
ווייִנט און ווייִנט אַ גאַנצן טאָג?
טריף־טריף־טריף — און מאָדנע רייד
רעדט ער עפּעס שטילערהייט...

און פון וואַנען קומט דער שמאַרץ,
ווי אַ וואָרעם נאָגט דאָס האַרץ? —
ס'האָט געהערט מיין מאַמע ריידן,
אַז דו ווילסט זיך מיט מיר שיידן?...

זאָגט מיין ליבער: — „גיי שוין, גיי!
שונאים זאָגן דאָס אַזוי, —
נאָך אַ יאָר, אַז גאָט וועט וועלן,
וועלן מיר אַ חופּה שטעלן.

אַ גאָלדינער זומער־טאָג וועט זיין,
וועט אונדז באַגיסן מיט זיין שיין,
און באַגריסן וועט אונדז יעדער
צווייג מיט פּירות פון די סעדער.

פעטערס, מומעס, פריינד געדיכטע,
אַן עולם מענטשן, הענט מיט ליכט,
און עס וועלן אונדז באַגלייטן
פידלען, פּויקן און טרומייטן.

לעבן פּלייט, צי לעבן שטיין,
— קלייב אויס, וואו דו ווילסט אַליין, —
וועלן שטיין די חופּה־שטאַנגען,
וועסט אַ פינגערל דערלאַנגען;

און איך וועל דיר פיין און גלאַט
אָפּזאָגן דעם „הרי־אַת", —
שונאים וועלן שטיין און קוקן
און פון קנאה זיך צעפּוקן"...

רעבן טייכל שטייט אַ פּיכטע..

לעבן טייכל שטייט אַ פּיכטע
אַ פאַרצווייגטע, אַ געדיכטע,
קוקט אין וואַסער, האַלט אין קלערן —
וואָס דער סוף פון איר וועט ווערן?...

אויסגעוואַקסן, רייף געוואָרן;
ס׳לויפן ביסלעכווייז די יאָרן;
האַרבסט... די זון הערט=אויף צו שיינען, —
און די פייגעלעך וואו זיינען?...

און ביי זיך אין צימער שטייט
ס׳מיידל לאַנג פאַרטראַכטערהייט,
קוקט אין שפּיגל, האַלט אין קלערן —
וואָס דער סוף פון איר וועט ווערן?...

אויסגעוואַקסן, רייף געוואָרן;
ס׳לויפן ביסלעכווייז די יאָרן;
נעכט פון טרערן, טעג פון קלערן, —
וואו זיינען די קאַוואַלערן?...

ס'איז אַרוים אַ נייע מאָדע...

ס'איז אַרוים אַ נייע מאָדע:
רויטע סטענגעס, ווייסע קליידער;
און אין סעדל נאָכן טשאָלנט
לאַכט מען, קושט מען זיך כסדר...

ס'איז אַרוים אַ נייע מאָדע:
שיכלעך, טיכלעך און פּאַרפומען; —
און אַרום איין מיידל טאַנצן
בחורים אַ גאַנץ מזומן.

נייע מאָדעס היינט פאַראַנען:
נעבטן רייזלען, מאָרגן חנהן;
אָבער כאַצקעלע מיין שיינער
איז פאַר מיר, פאַר מיר אַליין נאָר!

ייִדיש — מיקאָעלאַ (דר. מ. קויפמאַן)

ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט...

ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט —
ניי איך מיר אַרוים פאַרטראַכט.

ניט אין טאָל און ניט אויף באַרג —
שטייט אַ בוים דאָרט אַלט און שטאַרק.

און דער בוים טוט אַלצדינג זען —
וואָס מיט יעדן וועט געשען.

זאָג מיר, טענענבוים דו מײַן,
ווער־זשע וועט מיין חתן זיין?

וועט פון פוילן קומען ער,
צי פון ליטע גאָר אַהער?

אויף אַ קאַרעטע מיט פערד,
צי צופוס איז אים באַשערט?

און מיר ברענגען וועט ער וואָס:
עכטע פערל, צי פון גלאָז?

וועט ער האָבן שוואַרצע האָר,
אָדער זיין אַ געלער גאָר?

נאָך אַ בחור אַ פאַרשוין,
צי אַ יונגער אַלמן שוין?

אפשר גאָר אַן אַלטן ייד? —
כ׳וויל קיין אַלטן תּרח ניט!

כ׳וועל מיין טאַטן זאָגן דאַן:
טויט מיך, — נאָר קיין אַלטן מאַן!

כ׳וועל אים קושן איטלעכם גליד:
אוי, אַבי קיין אַלטן ניט!

מען ווייס ניט ווער איז זי...

מען ווייס ניט ווער איז זי,
פון וואַנען געקומען —
און באַלד האָט זי אַלעמענס
אויגן פאַרנומען.

געקומען פון ערגעץ
אַ ווייטער מדינה,
מיט האַרציקע אויגן
און ליכטיקער מינע;

און לופטיק און דופטיק
און לוסטיק צום טאַנצן,—
דאָס שטעטעלע האָט זי
פאַרלויכטן אינגאַנצן.

אין וועלדל אין גרינעם
געוואָרן איז הײמלעך,
עס לאַכן די קוסטעס,
עס טאַנצן די ביימלעך.

און ס'איז נאָך אַ טאָג
אָדער צוויי ניט פאַרלאָפן,
און בחורים קאָנען
שוין נעבעך ניט שלאָפן.

און ס'איז נאָך אַ טאָג
אָדער צוויי ניט אַריבער,—
און ס'ריידן שוין מאַנען
מיט ווייבלעך זיך איבער.

און ס׳שושקען זיך ווייבער
ביים שטריקן די זאָקן,
און אַלטע לייט „איַנקען״
אַ ביסל צעשראָקן.

און עלטערן האָבן
קיין נעכט ניט געשלאָפן:
ווער ווייס, וואָס עס האָט
מיט די איידעמס געטראָפן?..

אין איינעם אַ שיינעם
פרימאָרגן — ניטאָ איר!—
אויף אַלץ איז געפאַלן
אַ שאָטן פון טרויער.

געפלאַטערט אַ שמעטערלינג
צווישן די בלומען, —
און פלוצלונג פאַרשוואונדן,
ווי פלוצלונג געקומען.

געוואָרן אַן אומעט
אין וועלדל אין טיפן,
מען הערט שוין דאָרט קיינעם ניט
לאַכן און שטיפן.

אַ פּאָר טעג גערעגנט,
אַ בלאָטע געוואָרן;
די אויגן — דעם גלאַנץ
און דעם פייער פאַרלאָרן.

אַ בחור זיצט אַרטיק
און לייענט גאַזעטן...
חתנים און כלות —
זיך איבערגעבעטן.

עס זיצן פּאָרפּאָלקן
ווי שטילינקע טייבלעך;
און איידעמלעך גענעצן
לעבן די ווייבלעך.

און שטיל זיינען איצט
יענע פינצטערע געסלעך,
וואו ס׳פלעגן אַרומדרייען
זיך באַלעבעסלעך.

און טאַטעס און מאַמעס —
זיי שלאָפן די נעכט שוין;
און אַלטע — מען הערט זיי ניט
איבקן און קרעכצן.

הכלל: אַ מחיה
און שטיל אַ פאַרג׳ניגן,
עס קרייען די הענער,
עס מעקען די ציגן.

יידיש — מיקאַעלאַ (דר. מ. קויפמאַן)

גלין-גלינג — שוין ניטאָ איר...

„... גלין=גלינג — שוין ניטאָ איר! גלין=גלינג — שוין פאַרלאָרן.
גלין=גלינג — און דיין גליק איז צערונען געוואָרן!"...

פאַרוואָס האָסטו, ליבסטע, געאײַלט אונדז צעטיילן? —
און איך האָב אַזוי פיל געוואָלט דיר דערציילן!...

אוי ווי צו די יאָרן, גאָר פלוצים צעשיידט זיך, —
און איך האָב אַ וואָרט דיר צו זאָגן געגרייט זיך!

חדשים האָב איך עס אין האַרצן געטראָגן,
געווען אויף דער צונג — ניט געקאָנט עס דיר זאָגן.

מיט איין מאָל איך הער שוין: — „נו, זיי געזונט, ליבער!" —
אַ קנאַק מיט דער בייטש — און אַליין בלייב איך איבער.

די פליסט מיט אַ שטויביקן וואָלקן אינאיינעם;
אָט ביסטו שוין ווייט, ביי דעם וועלדל דעם קליינעם.

אָט ווי אַ ווייס טייבעלע, פלאַטערט אַזוי מיר
דיין שאַלכל דאָס ווייסינקע צווישן דיביימער.

און אָט שוין פון יענער זייט וועלדל — ווי שרעקלעך
דערטראָגט זיך דאָס שפּאָטישע קלינגען פון גלעקלעך:

„גלין=גלינג — שוין ניטאָ איר! גלין=גלינג — שוין פאַרלאָרן!
גלין=גלינג — און דיין גליק איז צערונען געוואָרן!"

דער פאַרמאָגט פּאַלאַצן רייכע...

דער פאַרמאָגט פּאַלאַצן רייכע,
יענער — אויפגעזעצטע שויבן —
אונזער שכנה דבור׳קע האָט
אַ געצעלט — אַ נעסט פון גאָט,
און אין נעסט זעקס טויבן.
איינע — אַ שמאָלע, איינע — אַ ברייטע,
איינע אַ שוואַרצע, איינע — אַ רויטע,
מיידלעך — צימעס, פריש געבעקס!
ווער סע ליבט ניט אַלע זעקס —
איז אַ גרויסער שוטה.

איינער האָט געפילט קאַטשקעס,
איינער — ציבעלעס מיט רעטאַך; —
ווילסטו אָבער שאַרפן י״ש
מיט אַ זיסן המן=טאַש —
לויף צו דבורקען, פעטאַך!

אָפּגעפּוצט דאָס סאַמאָוואַרל
זידט אין צימערל אין קליינעם,
פיינער „כיבוד" אויפן טיש,
אייגעלעך און לעקעך פריש
ווינקען זיס אינאיינעם.

שלמה האָט זיך טויזנט ווייבער,
איך — איין קליפה בסך הכל;
כאַפּ איך מיך אַריין פאַרשמאַכט
גלייך צו דבורקען אויף דער נאַכט
מאַכן דאָרט „שהכל".

כ׳קום — באַפאַלן מיך די טײַבלעך
אַלע װעקס פון אַלע זײַטן —
אױפן אַקסל, אױף די קני,
הענטלעך, פיסלעך — ברען און גלי; —
דבורקע קװעלט פון װײַטן.

יידיש—ישראל מה־יפית

ווער ס'האָט פּערל...

דער פאַרמאָגט פּערל
און זיידענע בגדים,
און יענער — קרחת
מיט כשרע פּאָדים.

און איך האָב דריי טעכטער,
דערוואַקסנע מיידן, —
זיי דאַרפן שוין מאַנען,
ניטאָ וואָס צו ריידן!

זיי דאַרפן שוין מאַנען,
וואו זאָל איך זיי זוכן? —
איך האָב ניט צו קליידן,
איך האָב ניט צו שוכן.

היינט וויל יעדער חתן
(נו, וואָס קאָן איך טאָן אים!)
צייל אָפּ און דערלאַנג
די נדן מזומנים.

נו, גייען אַוועק
די חתנים מיט גאָרניט;
אַ שאַנד און אַ ווייטאָג,
עס מאַכט זיך קיין פּאָר ניט.

דער כיבוד שפּאַצירט
— און דער זעלביקער דווקא —
פון שאַפּקע צום טיש
און פון טיש צו דער שאַפּקע.

דער „כיבוד״ — דאָס זיינען
די דריי אַפּעלסינען,

וואָס העלפן מיר זוכן,
חתנים געפינען;

און ניסלעך אַ טעשל,
וואָס יעדערן וויז איך...
און יוגנט פאַרגייט
און כאַטש נעם און צעריים זיך!

און יוגנט פאַרגייט...
און פון טעג ווערן יאָרן, —
די עלטערע נעבעך,
שוין גרוילעך געוואָרן.

די דריי אַפּעלסינען
זיי פוילן צו ביסלעך;
דער טישטעך פאַרשעמט
און פאַרשימלט די ניסלעך...

יע, ס'וועגדט זיך אָן מזל:
דעם — זיידענע בגדים
און יענעם — קרחת
מיט כשרע פּאָדעם;

און איך האָב דריי טעכטער — — — —
— — — — — — — — — —

יידיש — מיקאַעלאַ (דר. מ. קויפמאַן)

איינס און צוויי...

איינס און צוויי און דריי און פיר, —
טרעפסט אַ רעבטע — נעם זי דיר!

קלער קיין סך ניט, מאַך קיין שהיות:
כאַפּט אַ צווייטער אוים — איז מיאוס!
אַט האָב האָניק איך דערשמעקט —
האָט אַ פרעמדער אויסגעלעקט...

מעכטער צוויי געהאַט די שכנה,
ניט קיין מיידלעך — פּערל שיינע.

זיסע טייבעלעך אַ פּאָר —
איינע — טונקל, איינע — קלאָר.

יעדע פאַר זיך — אַ גן-עדן! —
און איך האָב געליבט זיי ביידן.

נאָר צו זאָגן איז מיר שווער,
וועלכע ליב געהאַט כ׳האָב מער.

קורץ צי לאַנג, אַ צייט פאַרלאָפן, —
כ׳האָב פאַרשפּעטיקט, כ׳האָב פאַרשלאָפן!

שפּרינגען שדים צוויי אַרוים —
און מען כאַפּט די מיידלעך אוים:

איין יונגאַטש — די וואָנצעס דרייט ער,
און מיט לאַנגע האָר דער צווייטער.

און אַן אַלטער בחור — אוי!
בין פאַרבליבן אַט אַזוי.

און פון דאַנען איז געדרונגען —
אַ מוסר־השכל פאַר די יונגען:

איינס און צוויי און דריי און פיר —
טרעפסט אַ רעכטע — נעם זי דיר!

קלער קיין סך ניט, מאַך קיין שהיות:
כאַפּט אַ צווייטער אוים — איז מיאוס!

גלויב ניט...

גלויב ניט, וואָס עס שווינדלען דיר
און ס'זאָגן־צו די שטערן;
גנבים, ליגנער זיינען זיי —
ניטאָ זיי וואָס צו הערן!

נאָך קינדרוויז פלעגט אַ שטערן מיך
באַגריסן דורך די שויבן,
און בריוולעך גאָלדענע ביינאַכט
געוואָרפן מיר פון אויבן.

געוואונקען אַלץ און צוגעזאָגט
דאָס טעלערל פון הימל, —
צום סוף בין אַ שלימזל איך,
מיין לעבן — גרוי ווי שימל.

פאַרוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט,
אוי, שטערנדל פון אויבן?
איז רעכט אַזוי? איז דאָס דער לוין
פאַר האָפן און פאַר גלויבן?

אוי, גלויב ניט, וואָס עס שווינדלען דיר
און ס'זאָגן־צו די שטערן:
גנבים, ליגנער זיינען זיי,
ניטאָ זיי וואָס צו הערן!

שאול טשערניכאָווסקי   יידיש—מרדכי יאָפּע

בּיים ים

פראַגמענט

איך האָב אינעם חלום געזען אים, דעם ים,
אַ ים אַזאַ שיינער, צעשפּרייטער!
און די זעלטענע ווייטקייט, אָן סוף און אָן ברעג,
וואָס וויקלט נאָר טונקל און נעפּל,
וויגט־אַיין די נשמה און רעדט צו דאָס האַרץ
מיט טויזנטער סודות און וואונדער.

און בּליי איז דער ים, און איז גרוי, און ער ליגט
אין דרעמל פון שטאָלצע און שטאַרקע.
ווי שיין־מאַיעסטעטיש — עס שלאָפט זיך דער ריז!
און לאַנגזאַם באַוועגט עס זיין ברוסט זיך,
וואָס איז פון די שטורעמס שוין שוואַרצלעך־פאַרברענט;
און ס׳וואַרפט זיך דער שוים אויף זיין רוקן,
ווי גרוי־ווייסע לאָקן, וואָס טרייסלען זיך אום,
ווען ס׳לויפט און באַרירט זיי אַ ווינטל.

און ס׳האָבן אין פריילעכן טומל צום ברעג
געדרענגט זיך פיל לאָדקעס און שיפן;
און מענטשן זיי זיינען אַראָפּ און אַרויף,
אַ מחנה מאַטראָסן און טרעגער,
וואָס זיינען געבויגן פון משא גאַנץ שווער,
און זיינען אַנטבלויזט ביז די לענדן,

געשפּאַנטע די מוסקולן — האָט עס געשפּילט
די זון אויף די בּראָנזענע קערפּערס,
אויף קרעפטיקן רוקן און סטאַרטשענדער ברוסט —
און האָט זיי באַשאָטן מיט שטראַלן...
און ס׳האָט אַ פּאַס שאָטן אויף אָרעמס ביי זיי
זיי בולט געמאַכט זייער מוסקול.

אַ קוויקנדעם ווינטל, וואָס פריש איז און פייכט,
פון וואַסערן־ווייט איז געקומען,
און ברענגט אַזאַ ווייכן און וואַרעמען הויך,
און שאַרפלעכע, פּישיקע ריחות.
נאָר פּלוצלונג — געשטאָן האָט אַ ציטער דער ים,
און ס׳האָבן צעפּאַטשט זיך די כוואַליעס. —
צי איז דאָס פון פרייד, אָדער ס׳זיפצט דער ים,
און די זיפצן צעזידן דעם אָפּגרונט,
און ס׳רוישן די וועלן? — וואָס צאַפּלט דער ים,
וואָס איז זיין געזאַנג, וואָס איז טיף און פאַרהוילן?
צי איז דאָס אַ קלאָג, וואָס עס קומט מיטן רויש
פון כוואַליעס און וויִטיקע שטרעקעס?
איז ענג אים די גרענעץ פון שטיין און פון פעלז,
און פרווט אינעם בעט פון די פעלזן
פון זיך אַראָפּוואַרפן די קייטן פון ברעג?
און אפשר איז ער גאָר מקנא דעם שטורעם?
און אפשר, קען זיין, טוט אים שטאַרק וויי דאָס הארץ,
וואָס ס׳זיינען געוואָרן צעשמעטערט,
צופוסנס די שטיינער, אויף שפּיציקע פעלזן
די כוואַליעס די בערגיקע זיינע,
וואָס האָבן געשוימט מיט גרויס חשק צו פרייהייט,
און טרויערט דעריבער אויף זיי איצט?...
און תהום רופט צו תהום. און עס שטייגט דער גערויש.
און דער ים ווערט באַדעקט מיט אַ נעפּל — — —

בענקשאַפֿט

גיט מיר אָפּ צוריק מיין יוגנט,
יענע צייט פון פרייד און לידער,
גאָלד׳נע פעלדער, קלאָרע הימלען,
און מיין קינדהייט גיט מיר ווידער.
פול מיט וואונדער, רייך מיט פארבן
איז מיין טרוימען־וועלט געווען דאַן;
מיין פאַנטאַזיע האָט געוועבט זיי,
און נאָר פרייד האָב איך געזען דאַן.

דאַן, ווען ניט קיין שיינהייטס־אויגן —
נאָר די פרילינג־זון געגליט מיך;
און אַ מעשהלע אַ שיינע
האָט פאַרנומען דעם געמיט מיך.

קערט מיר אום די זיסע לידער,
די חברים און מיין וועלט דאַן,
אָט די צייט, ווען רייד, געלעכטער
האָט פון פולן האַרץ געקוועלט דאַן.

ווען מיין זעל ט׳געגליט צום לעבן,
ווי אַ קוואַל פריש — די געפילן,
פול מיט האָפענונג און שטרעבן,
וואָס כ׳האָב ניט געקענט פאַרשטילן.

קערט מיר אום אויך מיינע טרערן,
טרייסט פאַר האַרצן זאָלן זיין מיר,
און מיין גלויבן וואָס אַוועק שוין —
ווען עס דריקט אַזוי דער פיין מיך.

בלי־אויף ווידער, ליבע קינדהייט,
ווי פרימאָרגן העלע שעהן!
אָבער וועט אַ שטיין דען בליען?
קען זיך סדום דען ווידער בויען?

איך גלויב...

אני מאמין

קענסט זיך לאכן פון די חלומות,
וואָס עס חלומט זיך נאָך מיר:
אַז איך גלויב נאָך אין דעם מענטשן,
אַז איך גלויב נאָך אַלץ אין דיר.
אַז איך שטרעב נאָך אַלץ נאָך פרייהייט,
כ׳האָב פאַר גאָלד זיך ניט געפליִסט;
אַז איך גלויב נאָך אין דעם מענטשן,
און אין מענטשנס הויכן גייסט.

וואָס עס וואַרפט אַראָפּ די קייטן,
און דערהויבט אים אין דער הויך;
ווער עס אַרבעט, וועט ניט שמאַכטן,
ער וועט פריי זיין, זאַט זיין אויך.

לאַך, ווען כ׳גלויב נאָך אויך אין פריינדשאַפט,
אַז כ׳וועל טרעפן נאָך אַ האַרץ,
וואָס עס טראָגט די זעלבע האָפ׳נונג
און דעם זעלבן גליק און שמאַרץ.

אַז איך גלויב נאָך אין דער צוקונפט,
כאָטש ס׳איז ווייט נאָך יענע צייט,
ווען די פעלקער וועלן גוט זיין,
ס׳וועט ניט הערשן מער קיין שטרייט.

וועט צעבליען אויך מיין פאָלק זיך,
און ס׳וועט אויפשטיין דאַן אַ דור,
וואָס וועט פריי זיין שוין פון קייטן,
און די שנאַן זען אויפן וואָר.

ער וועט לעבן, ליבן, שאַפן,
יענער דור, אויף אייגן ערד;
נישט אין צוקונפט—אין די הימלען,
נאָר אויף לאַנד, וואָס איז באַשערט.

דאַן אַ יונגער דיכטער זינגען
וועט אַ נייעם ליד מיט גלאַנץ;
פון מיין קבר וועט מען נעמען
פאַר אים בלומען אויף אַ קראַנץ.

פ ר י ל י נ ג

אויפֿן לעבן אויפֿן נייעם,
אויפֿן לעבן וואָס׳ט דערוואַכט שוין,
שפּרייט אַ חופּה זיך אַ בלויע,
שטראַלן פֿאַלן מיט אַ פּראַכט שוין.

ליכט און לעבן, פֿרייד און תּענוג
רויט אויף גראָזן און אויף הימל;
אַ דערקוויקנד דרום־ווינטל
טראָגט זיך דורך שטיל — וויגט אַ בלימל.

בלאָזט אַ פֿרישער דרום־ווינטל,
ווײַזט מיט לעבן און מיט פֿרילינג...
ווי אַ ים אַ גאָלדיק־גרינער
ליגט די פֿעלד אין איר פֿאַרהילונג.

צווישן פֿרישע, גרינע צווייגן,
פֿול מיט פֿלאַנצונגען באַהאַנגען,
קלינגען כאָרן פֿון די פֿייגלען,
טרעל און צווישער און געזאַנגען.

פֿון די וואָלקנדלעך דאָרט אויבן
פֿאַלן קלאַנגען פֿול מיט לעבן, —
ווער קאָן ציילן אַלע פֿייגל,
וואָס עס הייבן זיך און שוועבן?

ס׳ענטפֿערט עכאָ פֿון די בערג ווײַ,
און אַ גריל גאַר פֿלינק און מונטער,
און די נאַכטיגאַל וואָס טרילערט,
און אַ טייכל פּאַטשט זיך אונטער.

אַרום מיר איז לעבן, זון־שײַן,
וואונדער־לידער הער איך זיסע;
זינגען פֿון אַן ענגל, און פֿון
אַן אַנטרונענעם פֿון תּפֿיסה.

און דו...

דער הימל דער בלויער — אַ ראָם צו דער וועלט,
דער הימל דער בלויער — אי טיף אי באַהעלט.
קיין סוף צו דער ווייטקייט, וואָס נעמט אַלץ אַרום,
און אַלערליי פייגלעך, וואָס פליען זיך אום,
און ס׳קושן די הימלען
די טייכן וואָס דרימלען —
און דו ביסט פאַראומערט, מיין שיינע.

זע: זון האָט צעליינגט זיך אין ווינט און אין ברייט,
זע: טעפּיכער גרינע אויף פעלד זיך צעשפּרייט;
דער ווייץ — אין אַ ים, וואָס איז גאָלדיק באַדעקט,
דער קאָרן — ווי זילבערנע פּיילן געשטרעקט,
פון ווינטל ער רירט זיך,
אַ וואַרעמקייט שפּירט זיך —
און דיר פרעמד איז ס׳לעבן, מיין שיינע.

און פרוכט־סאָד און גאָרטן, און אור־אַלטער וואַלד!
דערוואַכט יעדער צווייג און דאָס לעבן — צעשאַלט;
פאַרכאַפּט יעדער פלאַנץ איז מיט וואַקסנדער קראַפט,
און פול יעדער שפּראָץ איז מיט זיסקייט און זאַפט;
פון זון־שיין באַגאָסן,
דער ווינריב צעלאָזן, —
און דיר פרעמד איז ליבע, מיין שיינע.

געוועזן אין דער פרי אַזוי פריילעך...

געוועזן אין דער פרי אַזוי פריילעך,
אין אָוונט — עס רינען שוין טרערן.
„וואָס ביסטו פאַרוויינט?״ — פרעגן אַלע;
ווי זאָל איך זיי, ליבסטע, דערקלערן?

דערציילן, אַז נעכטן מיך האָסטו
מיט אייביקער ליבע פאַרזיכערט —
און כ׳האָב מיט אַ צווייטן אין אָוונט
אין טאַנצן געזען דיך צעוויכערט?

דערציילן, אַז איך בין פאַרצווייפלט, —
ווערט תיכּף מיר ווײַן אָנגעגאָסן;
און זאָגן, דו האָסט מיך פאַרלאָזן, —
— איז מער שוין קיין שיינע ניטאָ שוין?

נישט פאַר מיינע לידער, געשריבן
צו דיר, שיינע, האָב איך פאַרדרוס שוין;
נאָר באַנג טוט עס מיך פאַר די אויגן,
וואָס איך האָב זיי ליב געהאַט קושן.

אַ וואונדער־רויז

אַ גאָט־געבענטשטע וואונדער־רויז
פאַר יעדן מענטשן בליט, —
און איינער זוכט איר יאָרן־לאַנג,
און דעם — ביים ערשטן טריט.

און בלאָנדזשענדיק אויפן לעבנס־וועג,
ביז אונדזער טאָג גייט־אויס,
ביי יעדן בלימל פרעגן מיר:
צי ביסטו ניט מיין רויז?

און ס'טרעפט, עס קומט אַ ווינטער־נאַכט,
אַן אומעטיקע שעה,
דו קוקסט אַרום זיך, זוכנדיק —
דיין רויז איז שוין ניטאָ!

און גליקלעך איז דער מענטש, וואָס טרעפט,
און פליקט איר אויס פאַר זיך;
און ווי איז דעם, וואָס זעט איר ניט,
און גייט פאַרביי אויף גיך.

שוין גלייכער, אַז זיין לעבן וואָלט
פאַרלאָשן זיך פון לאַנג;
דען ער איז דאָך צום בלינדן גלייך,
וואָס איז פון קינדווייז קראַנק.

ע ל ע ג י ע

אויף דעם ברייטן ים דעם בלויען,
וואָס עס ציט זיך ווייט אַוועק,
טראָגן כוואַליעס זיך און יאָגן,
אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג.

אַז עס קושט די זון בייטאָג זיי, —
אירע קושן — גאָטעס פלאַם,
און מיט סודותדיקע פליגל
נאַכט פאַרדעקט זיי אויפן ים, —

אין דעם ווייטן, ברייטן ים=פלום
גייט אַ מאַרמאָרדיקע קעלט,
און אין זייער שוימיק שניי=שפּריץ
יעדער ענטפער איז פאַרפעלט.

האַלדזן זיי אַ פעלז אָן ליבע,
און אַ באַרג=ראַנד לעקן זיי;
און ביים שיידן=זיך איז פרעמד זיי
יעדע בענקשאַפט, יעדער וויי...

יידיש — י. י. שווארץ

פון דער אידיליע „בלינצעס"

געווען איז עס איינער פון יענע פרימאָרגנס, וואָס מאַכן זיך ועלטן —
דער ערשטער אַזאַ אין דעם פרילינג דעם שיינעם אוקראַאינעם.
מיט עבענעם ברייט ווי דער ים! — און ווער איז עס דער ערשטער געווען,
דער ערשטער צו האָבן די זכיה צו זען מיט די אויגן
די פראַכט פונעם פרישן פרימאָרגן, וואָס באָדט זיך אין טויען,
ווען ס'ציטערט דער שטערן פון מאָרגן? — די לערכע געווען איז די ערשטע:
אַרויף מיט איין שוואונג אין דער הויך און געשאָטן מיט לידער,
די שוואַלבן פון דאַך אויפגעוועקט און די אַנקאָרס אויף ביימער.
די צווייטע — דערוואַכט האָט די זון פון איר שלאָף מיט אַ פלאַמענדיק פנים:
פאַרשעמט וואָס זי האָט פאַרשפּעטיקט און אַיילט זיך צו גיין צו איר אַרבעט,
צו געבן קאָליר צו די בלימלעך, באַפעדערן פליגל פון פייגל,
זיך שפּילן אין וועלכעלעך בלויע, די שופּן פון אָקון באַגילדן,
דערוואַר'מען דעם זומפּ פאַר די פרעש און די בינעלעך טרייבן צו אַרבעט,
צו שפּאַלטן אַ קערנדל קאָרן. — די דריטע דערוואַכט האָט די אַלטע,
די אַלטיטשקע גיטל דעם רבס; האָט זי ברייט אירע אויגן צעעפנט.
ליכטיק און דורכזיכטיק-בלוי, אָן אַ סימן פון מינדעסטן וואָלקן,
האָבן זיך הימלען צעוואָרפן, און פעלדער געשימערט מיט גראָזן,
וואָס האָבן געצויגן צום ליכט זיך, געקוואָלן אין ליכטיקן זון-שיין.
און שטיל איז געווען אַרום — ווי עס וואָלטן דער הימל פון אויבן
און אונטן די ערד שטום געוואָרן, פאַרבלענדטע פון זון-שיין
און וואונדערן זיך אויף דער אייגענער שיינקייט. —

איז גיטל אַרונטער

פון וואַרעמער בעט און גענומען זיך אָנטאָן פאַרשלאָפן.
דערנאָך אָפּגעגאָסן די נעגל אין טיפּן און קופּערנעם בעקן.
אַלט איז געווען דאָס בעקן און שטייף און געוויכטיק,
גלאַנצנדיק-ליכטיק, ווי אָקאָרשט מיט ציגל געשייערט
(דרשה-געשאַנק צו איר חתונה איז איר דאָס בעקן געפאַלן,
דער מומעס מתּ:ה — זאָל האָבן אַ ליכטיק גן-עדן).

שטיל, אויף איר שטייגער, מיט ליכטיקע לאַכנדע אויגן,
האָט זי זיך דאַוונען געשטעלט, מיט די ליפּן געשעפּטשעט:
ס'האָט זיך געדאַכט איר, די גאַנצע וועלט שמייכלט איר פרייליק אַנטקעגן,
שמייכלט און פרייט זיך פון בליענדן לעבן און יוגנט און שיינקייט.
און איידער זי האָט נאָך געענדיקט, האָט צוגעשאַרט זיך שוין דער קאָטער,
געלייגט צו די פיס זיך, געמיאַוקעט, געבעטן זיך רחמים.
אַ חורבן געוואָרן פון קאָטער, פון פעלכל דאָס האָר אויסגעקראָכן
(ס'איז פונקט יענע צייט, ווען עס פּאָרן זיך קעץ און זיי מיאַוקען דורך נעכט־לאַנג)
„צעלאָזענער קאָטער דו אַלטער!" — פאַרבייזערט אויף אים זיך די אַלטע, —
און גיסט אָן אַ שערבל מיט מילך און דערלאַנגט עס דער חיה:
און הונגעריק, מיד פון זיין נאַכטיקן וואַנדערן זשליאָקעט דער קאָטער.

האָט גיטל פאַרקוקט זיך, ווי ס'זשליאָקעט דער קאָטער מיט חשק פון שערבל,
האָט איר אויך פאַרכאַפּט פאַרן האַרצן: ס'האָט פּלוצלונג פאַרשמעקט איר
דער וואַרעמער ריח פון בלינצעס מיט קעז אָנגעפּילטע,
וואָס בלעזלען אין שמאַנט — און פון טאָפּ שלאָגט אַ וואַרעמע פּאַרע צום באַלקן.
און ס'האָט זיך די אַלטע צעשמייכלט אַליין איבער זיך אַזש: פון וואַנען
עס האָט זיך אַזאַ יצר־הרע גענומען? — געלאָזט זיך צום קעלער
אין הויף, וואו עס שטייען דאָס קעז און די סמעטענע־קריגלעך.
זי איז נאָך געווען אין קעלער — האָט דאָרטן צו איר זיך דערטראָגן
דאָס גרילצנדע בילן פון הונט און אַ קול פון אַ מענטשן וואָס ווערט זיך:
„צום טייוול, אַוועק!" — און דאָס קול איז דאָמאַכעס, דער גויעס,
נאָר סירקע, ווי גאָר ניט זיין עסק, פאַרגייט אויפן קול זיך.
דאַן האָט מיט איר לאָזע דער ווייבער די גויע אויף אים זיך צעפּאָכעט,
מיט וויפיל נאָר כוח דערלאַנגט אינם מאָגערן פּיסל,
אַזוי אַז עס האָט זיך דער כלב אַ וויינענדער פלינק אָפּגעטראָגן,
דעם עק פאַרשטעקט צווישן די פיס און ער האָפּקעט און טאַנצט אויף
דריי פיסלעך.

און אין דער דאָזיקער רגע איז גיטל פון קעלער אַרויס צו דער גויע.
„אַ גוטן פרימאָרגן דיר, גיטלע!" — „אַ סימן צום גוטן,
דו זעסט, אָט איך בין דיר אַנטקעגן געקומען מיט פולן, דאָמאַכע".
„וואָס מאַכט עפּעס גיטלע?" — אַוועקגעשטעלט האָט זי, די גויע, איר שטעקן,

אַרײַנקומענדיק אינם צימער, וואָס איז אויך די קיבשטוב געווען, —
„ווי גייט עס דיר, גיטלע, געזונט?" — „עט, מען לעבט נאָך, דאַמאַכע,
מיט גאָט ווײַנער הילף, ווי דו זעסט שלעפּט מען אום זיך אין דרײַען.
און וואו טראָגט עס דיך?" — „אָט איך גיי מיר אין קלויסטער אַרײַן
צו דער תּפילה,
דאָ טראָג איך אַ קריגעלע מילך און אַ ברויט אַ געבאַקטס פֿאַרן פּאָטער
וואַסיל אַ מתּנה צום יום־טוב". — „וואָס איז פֿאַר אַ יום־טוב, דאַמאַכע?"
„פֿאַרגעסן זיך, גיטלע, אַ קלײניקײט עפּעס דער הײַנטיקער יום־טוב,
הײַנט איז דאָך דער „קלײנער מיקאָלאַ". נאָר וואָס איז צו ריידן —
אַז אונדזערע גייען, מישטיינס געזאָגט, הײַנט אינם פֿעלד צו דער אַרבעט.
ניטאָ קיין אמונה אין האַרצן. ווער גייט הײַנט צו טאָג דען אין קלויסטער?
צוויי־דריי אַלטע ווײַבער, צוויי זקנים קוים־קוים וואָס זיי זשיפּען.
וואו נעמט מען גאָר כּוחות עס צוצווען אַלץ מיט די אויגן?
פֿאַרטשעפּעסט אַ צוציק אַ יונגן און זאָגסט אים: „אין קלויסטער אַרײַן גיי"
באַווײַזט ער אַ צונג דיר: „וואָס איז עפּעס הײַנט פֿאַר אַ יום־טוב?"
ס'איז הפקר געוואָרן די וועלט — איז דער קלויסטער ניט דאָס וואָס געווען.
מען קומט אויפֿן הויף, וועמען זעט מען? — אַ בלינדן, אַ לאָמען, איין בעטלער,
די פּוסטע פֿיר ווענט און דער פּאָטער וואַסיל אין דער מיטן.
דאָס קלינגען פֿון גלאָק נעמט ביים האַרצן, באַקלאָגט אָט דעם חילול־הקודש.
און וואָס איז מיט אײַערע? אויך הײַנט צו טאָג שײנע מענטשן געוואָרן,
שטאָפּן אַרײַן אין זיך חזיר און רויכערן טאַבאַק אום שבת.
כ'בין נאָך אַ קינד געווען — ווייס איך, פֿלעגט שבת דאָס לעבן אויסשטאַרבן,
שטיל און אַנטשוויגן אין גאַס, עס פֿלעגט אַזש מיך באַפֿאַלן אַ מורא —
און איצט, ס'איז אַ שאַנד און אַ חרפּה, אום שבת גאָר האַנדל און וואַנדל.
איך זאָג דיר דעם אמת, איך שעם מיך ווי'אַ גנב אום שבת אַרײַנגיין
אַ וואו אין אַ יידיש געוועלב עפּעס קויפֿן. דו מאָגסט עס מיר גלויבן.
אַנומעלטן קומט צו אונדז זלמן, דער זלמן וואָס האַנדלט מיט בהמות —
מאַכערט און מאַכערט אום שבת אַזוי ווי אַ גוי. מאַך איך: „זלמן,
דו מיינסט, דו וועסט קײנמאָל ניט שטאַרבן? וואָס טראַכסטו זיך, זאָג איך,
און וואָס וועט דײַן גאָט עפּעס זאָגן? אוי, אוי, וועט מען שמייסן —
עס איז דאָך הײַנט שבת!" — איז מיינסטו, וואָס האָט ער געענטפֿערט,
דער זלמן?

רופט ער זיך אָן צו מיין זון און דערלאַנגט זיך אַ זאָג אַזוי: „גריצאַ,
וואָלסט אפשר דיין מאַמען געלאָזן ביי אונדז זיין אַ ראַבין?" — אַ חצוף!
הערסט ווערטער אַ ביסל? נו, וואָס גייסטו טאָן מיטן מילכיקס?"
שעמעוודיק ענטפערט איר גיטל: „עט, וויים איך, עס האָט זיך פאַרשמעקט מיר
היינט בלינצעס צו מאַכן, און איך, אַלטער נאַר, גיב דעם האַלדז נאָך.
זוי זאָגט דאָס גלייכווערטל: אַ מענטש ווערט אַ קינד פון דאָס ניי אויף
דער עלטער.
אַ לעבן-לאַנג לערנט זיך שכל דער מענטש און ער שטאַרבט דאָך אַ טיפש".
נאָר דאָ האָט דאָס גלאָק פונם קלויסטער צעקלונגען זיך רופנד, און
ס'האָט זיך
וואָמאַכע געכאַפּט און גענומען דאָס ברויט און דאָס מילך און דעם שטעקן.
„נו, זײַ געזונט". „גיי געזונט". — פלינק זיך פאַרנומען פון שטיבל.
„געדעכט איז די גויע, ווידען, — האָט די אַלטע געטראַכט אינם האַרצן, —
ס'איז הפקר געוואָרן דער דור, פון די קינדער ניטאָ וואָס צו ריידן...
זלמן... און מיין זון וואָס איז? און מיין אייניקל רייזל זאָל לעבן?
ס'איז קריעה צו רייסן און גאָר — צי אַזוי האָט געלעבט אַ וועלט יידן?"...

דערנאָך האָט די אַלטע גענומען פון וואַנט אַראָפּ ס'קיילעכיק לאָקשנברעט—
שווער איז געווען דאָס ברעט און געזונט און מיט אָדערלעך ראָזע.
צוגעדעקט האָט זי דעם טיש מיטן ברעט און צום זיפּ זיך גענומען,
אַריינגעשיט מעל אין דער זיפּ און גענומען מיט חשק עס זיפּן,
און לעבעדיק האָט זיך געוואָרפן די זיפּ און געטאַנצט אין די הענט אין
די פלינקע.

ווי שנייעלעך אָנגעשטעקט האָט זיך דאָס מעל אין דער זיפּ, אין די לעכלעך;
געפאַלן אַראָפּ אויפן ברעט און צעלייגט זיך, פאַרדעקט אים אין גאַנצן,
איין זעמדעלע מעל אויפן צווייטן. און הויך איז דער צודעק געוואַקסן,
געלויכט און געגלאַנצט און געבלאַנקט ווי דער שניי ווי דער ערשטער,
וואָס בעט-אוים דער האַרבסטיקער ערד אין צעשפּרייט זיך אַ קלאָרער,
אַ פרישער.
און אין די זעמדעלעך מעל, וועלכע פאַלן און פאַלן פאַמעלעך,
אָנגעהענגט האָבן זיך ציטעריק-שטילע, אַזוי ווי אין נעפּל,
די אַלטע פאַרלאָפענע יאָרן און אַלץ וואָס ס'האָט דורכגעמאַכט גיטל:

דאָס גוטס און דאָס שלעכטס, און די יאָרן פון צער און מינוטן פון נחת —
אָט איז זי אַ קינד... אָט אַ כלה... אַ מאַמע... און איינמאָל
האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פלוצלינג, דערזען, אַז זי איז שוין אַ זקנה,
אַן אַלטיטשקע באָבע, און האָט שוין אַן אייניקל, רייזעלע-לעבן.

ווי שנייעלעך אָנגעשטעקט האָט זיך דאָס מעל אין די דינינקע לעכלעך —
איין זעמדעלע מעל אויפן צווייטן פאַמעלעך געפאַלן, געפאַלן.
האָט גיטל צונויפגעשאַרט ס׳מעל אין אַ ווײַסינקן בערגל,
אַ קיילעכיק בערגל, אַ לאָך אין דער מיט אויסגעגראָבן,
מיט ווייכע און ראָזיקע הענט פון דער אַרבעט — און פאַר אירע אויגן
געלעבט דאָס געשטאַלט פון איר אייניקל, רייזל זאָל לעבן.

יעקב כּהן

יידיש—מרדכי יאָפּע

אָוונט־הימלען

הימלען! ס׳האָט געוויים אַ גרויסע שריפה
זיי פאַרנומען.
ס׳האָט אַ קוש געטאָן די זון זיי אין די בּרעגן,
און געצונדן.

בּולט פון דער זון אין רוים דאָרט זיינען
שטיקער וואָלקנס,
גאָלד בּאַראַמטע, און צו שטיקלעך פעלון
זיינען גלייך זיי.

ניט זיי בּרענען—נאָר דאָס פייער שפּילט זיך
איבּער זיי אַלץ;
נישט קיין רויך — נאָר שטראַלנדיקע זוילן
שטייגט פון זיי אויף.

הענגען אויבעט איבּער זון און הימל
פאַסן וואָלקנס,
ווי די ים־פיש און ווי די לִויתנס,
גרויסע, קליינע.

ועט נאָר: איז דאָס דאָרט דער גיהנום? אָדער
נאָר זיין אָפּשײַן?
גופים, שטיקלעך גלידער און סקעלעטן
בּרענען דאָרטן.

און דאָס היפּשע שטיקל גרין־בּלוי הימל,
וואָס טיילט אָפּ זיי,
איז דאָס ניט קיין טיר אין הימל־פאָרהאַנג,
פאַר אַריינגאַנג?

און די זון, זי גייט און שיידט זיך אָפּעט
פון דער וועלט שוין,
און אַלץ נידריקער אין אירע פלאַמען
גייט אַראָפּ זי.

און ווי זי וואָלט ווינקענד זיך געזעגנ׳נען
ביז אויף מאָרגן:
שלאָפט געזונטערהייט אייך, מאָרגן וועל איך
ווידער זיין דאָ.

וואָס־זשע וויינסטו?

וואָס־זשע וויינסטו, בלאַסער דיכטער,
הערסטו, ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ פון וועלט דאָך!
ס׳שטראָמט אַרום דאָס גאַנצע לעבן,
אַלצדינג טאַנצט און קוועלט דאָך;
ס׳כוואַליעט שטאַרק דער ים פון יוגנט —
וואָס־זשע טרויערט דיין נשמה?
און אין רויש און לוסט פון לעבן
האָט דיין האַרץ ניט קיין נחמה?

צי באַוויינסטו אָט די בלומען,
וואָס פאַרוועלקן און פאַרבליען?
די געזאַנגען פון די פייגלען,
וואָס מיט ווינט פאַרפליען?
צי דעם אייביקייט־געראַנגל
אָט דעם קריג פון וואַסערס וועלן
מיט די שטיינער און די פעלזן,
וואָס דעם וועג פאַרשטעלן?

צי באַוויינסטו גאָר די מענטשן,
ווייל אַ בייזער גאָט ט׳געמאַכט זיי
מיט אַ גייסט און האַרץ, וואָס גלוסטן,
און מיט גוף פאַרפלאַכט זיי?
ווייל ס׳האָט גאָט באַשאָנקען זיי מיט
אַ נשמה קלוג־פאַרשטענדיק:
זיין זאָל בלייַ אויף האַרץ און וואָלקן—
אויפן פנים שטענדיק?

אָדער ווײנסט אויף א ײ ג ' נ ע ם ג ו ר ל,
ווײל געטאָפּלט אומגעהײַער
דײַן געפיל איז און פאַנטאַזיע
און דײַן האַרצנס־פײַער:
שפּירן אַלצדינג וואָס עס פעלט — און
צו די בלויע הימלען שטרעבן;
ווײטאָגן פאַר אַלץ — און טראָגן
יעדן פּײַן פון לעבן?

לאַכן וויל איך...

לאַכן וויל איך, לאַכן! און צעטרייסלט מאַכן
טעמפּל פון די וועלטן מיט מיין הפקר־לאַכן!
און פון פיל הנאה און פון שטאָלץ אַזוי,
און פון לעבנס־פריידן און פון וויי —
לאַכן, לאַכן, לאַכן, אַז איך זאָל דערזען שוין,
ס׳לויכט ווי ביי אַ קינד דער פּנים פון די מענטשן!

טאַנצן וויל איך, טאַנצן! און צעווילדעט ווערן
אין אַ הייסן טאַנץ אויף הימלען און אויף שטערן;
אַז פון טאַנץ זאָל דורכגיין ווי אַ רוף צעשאַלט:
פריי און שטאַרק זאָל אַלצדינג ווערן באַלד!
און דער טאַנץ זאָל וויקלען וועלט פון אַלע סופן,
שטאַרקן די וואָס ליידן, וועקן די וואָס שלאָפן.

זינגען וויל איך, זינגען! זינגען פריי און גרינגער
ס׳ליד פון דעם נצחון, ס׳ליד פון די באַצווינגער!
אַז אין גאַנצן עטער ווי גאָטס דונער־קלאַנג,
שטאָלץ און שטאַרק זאָל הילכן דער געזאַנג:
ס׳איז דער מענטש אַ העלד דאָך, און קיין העכסטער גיט דאָך,
איר, פיר וועלטנס זייטן, פאַר זיין גרויסקייט קניט אייך!

דוד אַלרָאִי

דעם אורטייל הערט ער עפּעס און ער הערט ניט...
ער שטייט אַ בלייכער, בלייכער —
די האָר פון קאָפּ און באָרד איז שוואַרץ צעוואָרפן;
ער שטייט געשמידט אין שווערע קייטן —
דאָך ווייזט ער אוים נאָך ווי אַ קיניג...
די אויגן שוואַרצע קוקן דרינגענד,
אי הערלעך, אי באַצווינגענד;
זיין אורטייל הערט ער עפּעס און ער הערט ניט — — —
און ס'דרינגט דעם קיניגס אויג אין אים און דרינגט ניט...
דאַן זאָגט צו אים דער קיניג:
„משיח! זאָג מיר ווער איז דער משיח?
און וואָס איז עפּעס מיט דער גאולה, זאָג מיר!
נאָר איינמאָל וועט פאַרגיין די זון און אויפגיין —
און וועסט דיין קאָפּ פאַרלירן!..״

דאַן גיט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווי'אַ לייב — די גריווע,
ס'ווערט לויטערער זיין פנים,
און ליכטיקער די אויגן,
און העכער קלינגט אַרויף זיין שטימע:
„איך בין — משיח!

איך שרעק זיך פאַרן טויט ניט, ווייל מיך נעמט קיין טויט ניט,
ווייל ס'לעבן פון מיין פאָלק — איז מיינס, איז אייביק!
און האַקסט אַראָפּ מיין קאָפּ — וועל איך אַן אַנדערן באַקומען,
אַ שענערן, אַ שטאָלצערן באַקומען...
איך בין — משיח!״

און ס'גליען אויגן פון אַ קיניג צו אַ קיניג...
אין פּאַלאַץ שטיל איז! און אַלעסדינג פאַרגאַפט איז —
און ס'גליען אויגן פון אַ קיניג צו אַ קיניג...

כותל מערבי

אויפן הויכן באַרג,
אין דעם הייליקן לאַנד,
שטייט אַן אַלטע וואַנט;
חרוב איז זי אָן אַ שיעור,
ס׳וואַקסט און שימלט מאָך אויף איר, —
דאָך שטייט זי אײַזנפעסט.

ביי דער אַלטער וואַנט
שטייען אין טליתים,
אַלטע לייט — האַלב מתים;
זיי דאַוונען, תהילים זאָגן זיי,
אויף זייערע צרות קלאָגן זיי,
טויזנטיעריקע צרות.

און פונעם הימל־הויך
אויף דער וואַנט דאָרט פאַלן
וואַר׳מע, ווייכע שטראַלן;
מיט רחמנות בליקן זיי,
יעדעם האַרץ דערקוויקן זיי,
מיט אַ שיין נחמה.

יעקב פיכמאַן ייִדיש—מרדכי יאָפּע

פון דער פּאָעמע „רות"

נ ע מ י

ניִשט גוט איז, אַז ס׳פאַרלאָזט אַ מענטש זיין היימלאַנד,
ווען ס׳ווערט איר שלעכט, און ראַטעוועט נאָר זיך אַליין דאַן.
און גליקלעך איז דער מענטש, וואָס טראָגט דעם גורל
צוזאַמען מיט זיין ליידנדע געבורטס־לאַנד.
פאַרגאַנגען אין איר שוים איז טרייסט פאַר יעדן,
און זי פאַרגיטיקט יעדן טריִען, ווי ס׳זאָל אים ניט שווער זיין.
און ווער ס׳איז אָפּגעריסן פון זיין ערד — ליגט אייביק
אַ קללה אויף זיין לעבן און זיין גורל.
נאָר ס׳איז דער גורל פון אַ פרוי פון אייביק,
צו נאָכגיין נאָך איר מאַן. און איך בין אויכעט
אַ שטילע נאָך מיין מאַן אַלץ נאָכגעגאַנגען —
און גליקלעך בין איך אין דעם טרייען נעסט דאָ.
און אָפּטער, ווען דער טאָג פאַרגייט, בין איך אַרויסגעגאַנגען
אויף פרעמדע בערג, אַז קיינער זאָל ניט זען מיך,
און האָב געקוקט אַלץ אויף מיין מוטער־שטאָט בית־לחם,
וואָס האָט צו מיר געוואונקען ווי אַ ווייטער שטערן.

ר ו ת

אויף אָט די נאַכטיקע און רואיק־קלאָרע פעלדער,
גאָר לייכט און זיכער מיינע פיס איצט שפּאַנען,
ווי אויף דעם באָדן פון אַ הייליקע געבורטס־לאַנד,
פון יענעם טאָג, ווען ס׳האָט מיין שטערן מיך דערפירט ביז דאַנען;
ווי ליבלעך איז די נאַכט צו מיר, די אויגן
פאַרנעמען יעדער פלאַנץ, און פעלז און ערד־שטיק,
ווי פירן וואָלט אַ גוטע טרייע האַנט מיך.
איך בין נאָך גאָר נישט לאַנג דאָ, און ווי זריעה,
וואָס ס׳האָט די קעלט נאָך ניט געשעדיקט,
האָט טריי די פרעמדע ערד דאָ מיך פאַרנומען;
און יעדער טריט פון מיינע פיס אויף אָט דער ערד איז
אַ בונד אַ הייליקער מיט אַ נייער היים־לאַנד.
אַזוי ווי אַלץ וואָס כ׳האָב געקענט, געליבט אַמאָל,
פון קינדהייט, וואָס איז פול מיט סודות,
ביז היינט — האָט נאָר געוואונקען צו אָט דער שטילער
לאַנד, וואו כ׳האָב מיין אייגן זעל געפונען,
און פון איר שטילקייט האָט גאָטס פנים אויפגעשטראַלט מיר.
און כ׳האָב ניט מורא פאַר מיין בייזן גורל,
און כ׳שרעק זיך ניט פאַר שטראָף פון געטער —
מיין האַרץ איז שטיל, און זיכער שוין, און גלויביק.
דאָ האָט עס אַלץ פאַרגעסן און געוואָרן רואיק.
שטיל־איין מיך, גוטע ערד, און ווי מיין האַרץ איצט,
פון ליבע, בלי־פונאַנדער זיך אויף פעלדער,
באַדעק זיך ברייט מיט ווייסע בלימלעך, וואָס באַווייזן,
אַז גאָט האָט די יתומים פון דער וועלט נאָך ניט פאַרגעסן!
צעבלי זיך, ערד, דו ערד, וואָס טרייסט און לייטערט,
און טראָג מיך שטיל דאָ אין דעם שוים דעם טרייען,
אַז וויסן זאָלן מיר שוין גאָרנישט — און אויף שטענ
פון נאַכט, געדענקען זאָלן מיר נאָר פון דיין גרויסער ליבשאַפט.

רחלס קבר

אין נאַקעטקייט פון טאָג שטיל=שווייגנד ביסטו,
וויאַ שטיינער=שלאָס פאַרגעסן אין דער וויסטע;
און וואַנדערער אויף קעמלען וויגן=אום זיך,
און טראָגן פאַרביי, ווי שאָטנס, מיד און שטום זיך.

און קומט די נאַכט מיט שטערן און נחמה,
דאַן קוקסטו אוים אָט ווי אַ ווייסע במה.
אַליין אין וויסטע ווי אַן אָפּדאַך שטייסטו
אין טונקל פון אַ וועלט אַ ניט געטרייסטע.

בית=לחם דרעמלט שוין אין שוואַרץ פון גאָרטן,
די טוי=געזאַפּטע פעלדער טונקלען דאָרטן,
און אין די נעפּלען פון אַ טאָל אַן אָפּגרונט הויערט;

נאָר אויף געוועלב דיינס, ווי ליכטיק=גרינע טרויבן,
צעהעלטע שטערן ציטערן פון אויבן —
און כל=זמן דו ביסט דאָ — קען וועלט ניט זיין באַדויערט!

דער מאַנדל-בוים

אין העלער שײַן פון שבֿט=זון דעם מאַנדל=בוים האָב ליב איך,
וואָס האָט דורך נאַכט פון הימלאַנד=ערד צעשפּראָצט, צעגרינט זיך,
ווען דורכזיכטיק איז נאָך דער גאָרטן און אויף זאַמדן
דער צווייגן=ווײַסער סיקאָמאָר=בוים וויגט פון ווינט זיך.

עס זײַנען גרוי די בערג נאָך, און די דינע גראָזן
פון אונטער פעלז און טאָל, זיי פּרוּוון ליב אַ הויך טאָן;
נאָר דו, ווײַס=צוויטיקטער, אויף נידער=באַרג דעם סומנעם,
ווי אַ פרייד אין שטילער ווײסטעניש, דו טוסט שוין לויכטן.

ביסט צאַרט ווי שניי, ווי צפון=שײַן אין נעכט פון ווינטער,
און ווי אַ קילער פלאַם אין הימלם רויטע ברעגן;
און אין דער נאַקעטקייט פון שבֿט, ווען כ'גיי מיר איינזאַם,
ווי אַ געדאַנק אַ ווײַסער, לויכטסטו מיר אַנטקעגן.

דער שָׁרון

דער שרון האָט אײנגאַנצן גרין באַדעקט זיך,
און טֵבֵת־זון װײַסט ליכטיק אָפּ די װעגן.
װי ס׳האָט די ערד פֿאַרשפּרייט איר רײַכקייט! זע נאָר:
נאַרציסן גאָלדיקן אױף אַלע שטעגן.

נאָר לאָמיר פֿאָרזיכטיק און שװײַגנד גײן זיך
אױף גאָלד און רױטע שטעגן פֿון קאָלירן.
װי רײַך די ערד איז! לאָמיר ניט צעטרעטן
די ערשטע בלימעלעך װאָס איר באַצירן.

דער זעגל

ווער בין איך? בלויז אַ זעגל=ווײַס, וואָס טראָגט זיך
אויף שוואַרצע וואַסערן און זינגט און יאָגט זיך;
און שוואַרצע וואַסערן פֿאַר מיר זיך שפּרייטן,
און נאַכט=ווינטן און וואָלקנס מיך באַגלייטן.

וואוהין? וועגן ים און ערגעץ אַ מדינה
מיך זינגען שטילערהייט די כוואַליעס גרינע;
פֿון ווינט געפֿאַנגען — בלאָנדזשע איך אַרום מיר,
און אינזלען, ברעגן פֿריילעך ווינקן צו מיר.

איך בין אַ ווייסער זעגל נאָר אויף ימען,
געריס איך יעדן נאַכט=ברעג וואָס פֿאַראַנען;
אַ ליד איז יעדער טאָג מיר, טרייסט — וואו כ'קום נאָר,
און מיט די ים=ווינטן איך וואַנדער=אום נאָר.

יהודה קרני   יידיש—מרדכי יאָפּע

ע ק י ב א

עקיבא,
דיין נאָמען געטראָגן האָב איך פון דער יוגנט אין האַרצן,
און תמיד געזען דיין געשטאַלט פאַר די אויגן.
און ווען אַ געפּייניקטער גיי איך אין וועלט אום אין גרויסער,
און ווען איך מאַך נאָס מיין געלעגער מיט טרערן —
פאַרנעם איך צוקאָפּנס דעם רויש פון דיין פליגל,
און איבער די פאָליצעס ספרים
אַלץ קוקן אויף מיר דיינע אומעטיק־רואיקע אויגן.
און איך וויל פאַרבאָרגן זיך אין דיינע ברעמען פון אויגן,
דערטרינקען מיין טרויער אין דיינעם —
און כ'קען ניט.

עקיבא,
מיין רבי דו גרויסער, פאַר קרוינען פון אותיות,
מיין ברודער וואָס גרעסער פאַר מיר אין באַרעכטיקן צרות,
מיט דיר בין איך גרייט פאַר די קאַמען פון אייזן,
נאָר פאַר אַט דעם אייזן פון זעל דיינע בין איך קיין ברודער.
אָט טרעט שוין דער תלין צווישן די טייערע גופים
און נעמט דיך דעם ערשטן;
און אָט הייבט ער אויף שוין אויף דיר זיינע אייזערנע קאַמען,
און ס'צאַפּלט דיין הייליקע לייב אונטער זיי שוין,
ווי ס'צאַפּלט אַ קלייניקער ליכט־פלאַם
פון אונטער די שאָטנס די שוואַרצע;
און דו האָסט פאַרדריקט דיינע ליפּן —
מנצח געווען אים מיט שווייגן.

און איך, —
די אייזערנע קאַמען, ניט זיי זיינען שרעקלעך דיין אָרעמען תּלמיד;
פיל שרעקלעכער איז דער געשריי, וואָס עס רייסט זיך אַרויס פון מיין האַרצן,
דען ס׳טרעפט, אַז איך הייב־אויף די הענט מיט געבעט צו דעם תּלין,
און ס׳טרעפט, אַז איך לעסטער מיין גאָט אין די אויגן פון שונא
און כ׳טונק זיך אין צאָרן,
אַזוי ווי אין בלוט מיינס.
עקיבא,
אָ, לערן מיך, רבי, דעם סוד פון השלמה
און גייסטיקע שטאַרקייט,
כ׳זאָל קוקן דעם תּלין גאָר רואיק אין ד׳אויגן,
און איידער מיין שמייכל דער לעצטער וועט געבן אַ לויכט אויף די ליפּן —
באַווייז זיך צוקאָפּנס, ווען כ׳ליג אויף מזבח
און מאַך מיך אַ שותּף אין לעצטן „אחד!״

ברוך־נחום סילקינער יידיש — מרדכי יאָפּע

„נישט גיי אַליין ביינאַכט"...

פאָלקס־ליד

איין טאָכטער פאַרמאָגט בלויז האָט איבצן,
אָט דער וואָס'ט געוואוינט אין די בערג דאָרט;
אַ פרייד פאַר איר טאַטע און מאַמע,
ווייל שיין איז די טאָכטער און ליבלעך.
און איינמאָל אַן אָוונט געזעסן
איז זי ביי דער טיר פונם שטיבל;
פאַרטרוימט פונם טאָג וואָס גייט אויסעט,
פאַרטרוימט פון דער נאַכט וואָס קומט אָנעט.
איז דורך פאַרביי'ם פּנים פון מיידל
אַ שעפּטשענדער ווינטל, וואָס האָט איר
אַ סוד איינגערוימט אינם אויער —
און האָט אין דער נאַכט זיך פאַרטראָגן.
אַ קוק געטאָן האָט זי — דערזען באַלד
— און ס'האַרץ האָט געקלאַפּט! — ווי פון אויבן,
אַריבער דעם בערגל דאָרט פינקלט
אַ שטערנדל־שיין איר אַנטקעגן.
די טריט פון די קליינינקע פיסלעך
אין שטילקייט פון נאַכט האָט געשיקט זי,
און איז זיך געגאַנגען, געגאַנגען
אַרויף אויף דעם דרימלענדן בערגל.
געקוקט האָבן טרויעריק־שטילע
נאָך איר אַלע ביימער אין גאָרטן,
און איין אַלטער בוים האָט צעוויינט זיך:
„אַליין אין דער נאַכט, מיידל, גיי ניט!"
זי האָט ניט געהערט אים. אין אויער —

דער סוד פונם מורמלענדן ווינטל;
זי זעט ניט דעם בוים: אירע אויגן —
צום פינקלענדן שטערנדל אויבן.
דאַן האָט זיך געביטן דאָס ווינטל,
און פוויזענדיק דורך אירע פיסלעך,
אין מערב־זייט ראָש זיך געלאָזן —
און הינטער אים — שטורעם און וואָלקן.
דעם הימל האָט ער באַלד אינגאַנצן
באַדעקט מיט אַ פינצטערן וואָלקן;
דאָס שטערנדל גלייך איז פאַרשוואונדן —
און ס׳מיידל געבליבן אין נאַכט איז.
און ווען ס׳איז אַוועק שוין דער וואָלקן,
דער הימל געוואָרן איז לויטער,
האָט ווידער געפינקלט דער שטערן —
נאָר איר האָט ער שוין ניט געפונען...

אַוועק איז איר פאָטער און מוטער
פון פינצטערן ווינקל אויף אייביק:
אַוועק זיינען ביידנס נשמות
צו זוכן די שייניקע טאָכטער.
און יאָרן אַוועק זיינען פילע,
פון שטוב איז געוואָרן — אַ חורבה,
און ס׳האָט זיך דערבאַרמט די ווילדקייט
און האָט איר באַדעקט מיט די פליגלען.

נאָר אָפט, ווען ס׳גייט־דורך דורך די ביימער
דער נאַכט־ווינט, דערמאָנען זיי זיך דאַן
אָן מיידל, און יענער בוים מורמלט:
„אַליין אין דער נאַכט, מיידל, גיי ניט!"

ס'האָט געמורמלט מיר דעם בוים...

ס'האָט געמורמלט מיר דער בוים:
— „וואָס־זשע וואַנדערסטו אַרום נאָך?
די ערד איז איינע אומעטום דאָך" —
האָט געמורמלט מיר דער בוים.

— „ס'איז קיין נייער אָרט ניטאָ,
וואָס־זשע שטרעבסטו נאָך די זייטן,
וואָס פאַרבאָרגן אין די ווייטן,
אַז עס גיט קיין נייער אָרט?

— „נעם פאַרוואָרצל־זיך, ווי איך!
בלאָנקען, בלאָנדזשען איז קיין ציל דאָך;
קריג אַן ערד־פּאַס, דאַרפסט ניט פיל דאָך,
און פאַרוואָרצל־זיך אין אים!

— „שוועבן, שטרעבן — איז קיין ציל!
וואויל איז דעם, וואָס וואָרצלען ציט ער,
ס'אַרט אים דאַן קיין שום געוויטער,
שוועבן, שטרעבן — איז קיין ציל!"

דעמערונגען

כ׳לייג מיין ווייסן קאָפּ אין שוים ביי דיר, אָ, שוועסטער.
פון מיין וואַנדער־לעבן לעבן דיר כ׳בין ווידער.
כ׳האָב פאַרשווענדט מיין פייער און געבראַכט דעם אַש דיר.

ס׳גייט נאָך דיר מיין האַרץ אוים, שוועסטער!
דו — אַן אָרון־קודש ביסט, וואָס איז פאַרמאַכט מיט אַלץ וואָס הייליק:
אומשולד, טרוימען —
ווי זאָל איך וואַגן אָפּצודעקן דעם פּרוכת — אַז מיין האַנט איז טמא!

כ׳לייג מיין ווייסן קאָפּ אין שוים ביי דיר, אָ, שוועסטער,
טויטלעך־מיד, און גרוי און טרויריק, ווי די בערגער.

טריפט שטיל דער אָוונט זיין בלויקייט אויף אַש פון די בערגער,
געצונדענע פון בין־השמשות —
שקיעה־צער צעגייט אין זיין שטילקייט און חלום.

פאַרטוליע מיך, שוועסטער,
מאַך טריפן דיין בלוי אויף דעם אַש פון מיין לעבן, פון
דעמערונגען אַ צעברענטער —
צעגיין זאָל דער צער פון מיין שקיעה אין שוים פון דיין שטילקייט
און חלום.

יעקב שטיינבערג   יידיש—מרדכי יאָפע

ס'זיינען לענדער פאַראַנען...

ס'זיינען לענדער פאַראַנען אויף גרענעץ פון נאָרדפּאָל,
וואָס אַן אייביקער אייז טוט זיך תמיד דאָרט האַלטן;
און גאָר קנאַפּ איז די שײַן, אַזוי שוואַך, אַזוי בלייך איז,
ווען די זון מאַכט אַ קורצן באַזוך און באַשטראַלט אים.

ס'ציט די זון ניט אַרויס פון זייער שוים קיינע גראָזן,
ווען פון ווייטן און פרעמד טוט זי שיקן איר שיין זיי.
און זיי האָבן נאָך קנאַפּ וואָס פון זון־שיין גענאָסן —
און דאָס אומעט־קלייד פון זייער ווינטער דעקט איין זיי.

נאָר אַ זעלטענע צאַרטקייט, ווען ס'לויכט זייער פרילינג,
נעמט אַזוי אויף דעם פינקלענדן אייז זיך צעגיסן;
זיי פאַרנעמען די גוטעס פאַרשעמט און באַשיידן,
און דורך מורא און צער פונם ליכט זיי געניסן.

און עס דוכט זיך: אַז אין זייער אָנהייב פון פרילינג
צו דער רגע פון שיידונג זיי זיינען שוין גרייטע;
און אַז עס קומט אָן די צייט, ווען די זון־שיין מתּנה
שוין די לעצטע אויף אייז־פעלדער ליגט אַ צעשפּרייטע,

ווערן שטרעקעס אינגאַנצן פאַרנומען מיט רויטקייט,
וואָס עס שפּרייט־זיך אויף הינגלען פון אייז און באַדעקט זיי;
און עס קושט זיי די זון, שענקט איר גאָר לעצטן קוש זיי, —
ווען אויף טעג און חדשים פון זיי גייט אַוועק זי, —

שוועבט אויף זיי עפּעס ווי אַ פאַרטייעטער אַנגסט דאַן.
אָט אַזוי פאַר אַ מוטער אַ נישט אַ באַליבטע
ווערט געדוישלט די באַק ביי אַ מיידל, ווען יענע
שענקט אַ קוש איר — פאַרשעמט ווערט אַזוי די באַטריבטע.

אויף שטעג פון שטילקייט

וואָס זוכסטו, דו גייער, אויף וועג דאָ,
און פרעגסט ביי דעם שטעג אָט דעם שטומען?
— אַ טאָג איז פון ליבע פאַרגאַנגען
און כ׳וואַרט, אַז דער אָוונט זאָל קומען.

וואָס וועט דיר, זאָג, ברענגען דער אָוונט,
וואָס זעסטו אין פאַרבן צעשפּרייט דאָרט?
— כ׳זע פייער דאָרט, אַש, האָלאָוועשקעס,
פאַר מיין האַרץ וואָס געליבט — אַ באַשייד דאָרט.

פונם בוך „סאַטירעס"

א.

איינער גאַרט אַזוי נאָך גאָלד שטאַרק,
און צו פרויען דעם צווייטנס לוסט איז;
און פון ביידע זאַכן דרינגסטו,
ווי דאָס גאַנצע לעבן פוסט איז.

ס'לעבן האָט זיין מרה־שחורה:
קנעכט און האַר — זיי ביידן דריקט זי;
און אַ סברא, אַז אַ ביסל
אָפטמאָל אינם קוש אויך ליגט זי.

סײַ אין האַרבסט און סיי אין זומער
אין געפאַר ז'דײַן האַרץ פאַרנומען:
אָט קומט אומעט, אָט אַנטלויפט ער —
ווי געקומען? וואו פאַרשוואומען?

זיבן זונען פונם טרויער
אין אומענדלעכקייט פון וועלט איז;
אָבער בלויז אַ קליינע זונכל
אויפן הימל קוים צעהעלט איז.

ב

שמחה בעסער איז פון חכמה,
און פון ביידן — רו די שטילע;
נאָר דאָס גליק, אויב עס פאַרזאַמט זיך,
איז ניט ווערט קיין טרער אַפילו.

ווער האָט אויסגערעדט צום ערשטן
אָט דאָס וואָרט, וואָס ברענגט גענויער
האַרץ צו האַרץ, און ווער'ט פאַראייניקט
אין דאָס וואָרט סײַ פרייד, סײַ טרויער?

אַז דאָס קורצע ווערטל — גליק הייסט,
קיינער ווייס, פון וואַנען גליק איז;
אינם הימל איז געקריצט עס,
און אין שיינעם מיידלס בליק איז.

פאַרשן מיר אַ גאַנצן לעבן
זיין באַדייטונג, ביז די האָר דאָך
פאַלן אויס; די אויגן — טונקלען;
און וואָס גליק — איז אַלץ ניט קלאָר נאָך.

יצחק קאַצענעלסאָן   **יידיש—מרדכי יאָפע**

ש ק י ע ה

אויף ברוסט פון כמורנעם ים, אויף שטורעמדיקע כוואַליעס,
אונדזער לייכטע שיפל אומגעוואָרפן האָט זיך;
די זון אין בלוט אירם האָט דערטרונקען זיך, פאַרחלשט —
שטורעם... נאַכט... מיר האָבן אומגעקערט צו שטאָט זיך.

דאָס שיפל שווימט און טויזנט מיילער שרײַען, רוישן,
איך און דו אין דעם — און אויסער אונדז קיין איינער,
נישט אין שיפל, נישט אויף שטורמיק ים דעם גרויסן,
נאָר דו און איך, וואָס פירט דאָס שיפל — ווייטער קיינער.

דער ים האָט הויך געבריוזט, געשוימט מיט ווילדע קלאַנגען,
דעם אָנהייב פונם שטורעם האָסטו ווי איך געזען דאַן,
און אויך די זון — כאָטש זי איז הינטער דיר פאַרגאַנגען —
אויף מיין געזיכט, און צער וואָס׳ט אין מיין אויג געברענט דאַן.

עלעגיעס

1.

פון אַלץ וואָס איז געווען מיר ליב און שיין —
איז מיר געבליבן נאָר דאָס האַרץ אַליין...
אויף איינזאַם בערגל אין אַ קבר ליגט
מיין מיידל שוין אין שטילער רו פאַרוויגט...

אַ זון אין הימל האָט פאַר מיר געוואַכט —
איז זי אין תהום פאַרזונקען אַ פאַרנאַכט;
אַ פייגעלע געשיקט מיר אַ געזאַנג —
איז זי אַוועק אין ווייטקייט שוין פון לאַנג.

איך האָב געהאַט אַ וואונדערלעכע רויז —
געקומען נאַכט: זי איז פאַרוועלקט — און אויס;
אַ שטאַרקער לוסט באַוועגט, געדעגט האָט מיך —
און מיטן גינגאָלד־שטראַל פאַרבלאַסט אויף גיך.

אַ האָפ'ונג האָט געגלעט מיך אָן אַ שיעור —
זי איז פאַרשוואונדן מיטן טאָג פון מיר...
פון אַלץ וואָס איז געווען מיר ליב און שיין,
איז מיר געבליבן נאָר דאָס האַרץ אַליין...

.2

די זון פאַרגייט אין פלאַמען,
די זון — מען ועט זי קוים;
אַזוי פאַרגייט מיין האָפ׳נונג,
אַזוי לעשט אוים מיין טרוים.

די נאַכט, די נאַכט איז פינצטער,
די נאַכט איז שטום און שוואַרץ;
אַזוי ועט=אוים מיין טרויער,
אַזוי ועט=אוים מיין האַרץ.

וועלט, דו וועלט, דו זאָרג ניט!
באַלד גייט=אויף דיין טאָג;
אייביק איז מיין טרויער,
אייביק איז מיין קלאָג.

דוד שמעונאָוויץ   יידיש—מרדכי יאָפּע

דער לעצטער

צווישן פעלזן בלאָנדזשעט ער און שטרויכלט אָן די שטיינער.
ער, דער לעצטער. אין די שטערן=קנייטשן ליגט דער טויט שוין.
בין השמשות איז אַראָפּ און האָט פאַרהילט די ווערבע,
בלויע נעפּלען האָבן שוין די כמורנע בערג פאַרשלייערט...

ס'האָט אַ שטראַל באַהעלט זיין פּנים, און צעגליט די אויגן,
ס'האָבן פלאַמען צוויי צעקושט זיך —ביידע זיינען קאַלטע.
אויסגעשפּרייט דער מדבר=זאַמד. און פייער — אין די קנייטשן:
אַלטע שריפט, פאַרקריצט פון שטורעם, ליגט און ברענט נאָך דאָרטן...

צווישן פעלזן בלאָנדזשעט ער אַרום, און קוקט אין ווייטנס...
דאָ—באַרג עיבל, דאָרט—באַרג גריזים... קברים פון די אָבות...
שטאָלצער אָדלער גיט אַן אויסגעשריי און שוועבט צום הימל —
דער שומרוני וועט ניט זען מער. ס'גוססט שוין דער לעצטער.

נאַכט וועט קומען... און אַ שטורעם... פרייער סטעפּ וועט וואָיען.
פלינק, ווי אַן אָדלער, פליט אַ רייטער—ס'איז ניט דער שומרוני.
אויף די בערגער, אינדערפרי, אַ פּאַסטעך=ליד וועט קלינגען —
אָבער ניט פאַר דעם שומרוני—ווייל זיין קבר וואַרט שוין...

און אין אָוונט... ס'קומט דער אָוונט, ליכט און שאָטן בלאָנדזשעט.
נישט דערציילן דער שומרוני וועט זיין אייניקל לעגענדעס...
אויף אַ שטיין שטיל זיצט אַ מיידל, אין די אויגן—טרויער,
און דעם טרויער קיין שומרוני האָט שוין ניט געבאָרן...

ס'קומט דער ווינטער, ס'גייען רעגנס, און די בערג—פאַרכמורעט.
שוואַרץ וועט זיין דאָס ליימיק הייזל, איינזאַם וועט עס קוקן...
ס'וועט די טיר זיין האַלב=צעעפנט, און דער ווינט—איר טרייסלען,
און אַ בידנע ציג וועט בלעקען, און אַ פויגל—וויינען...

און אין זומער, אינם גאָרטן—וויינשטאָק בויגט דעם קאָפּ איין...
נאָר עס קלינגט קיין וויינטרויב-ליד ניט און עס בליצט קיין סערפּ ניט...
מתּנות פּוקסן וועלן רויטע וויינטרויבן צעטרעטן —
נישט באַגעג׳נען דער שומרוני וועט זיי מיט אַ בויגן.

און דער ווידער-קלאַנג פון בערג נישט פאַנגען וועט זיין ניגון,
און ס׳וועט קיינער מער ניט וויסן אַ שומרונים לאַכן,
און ס׳וועט קיינער מער ניט וויסן אַ שומרונים ליבן,
וו׳אַ שומרוני שאַרפט זיין שווערד, און ווי ער וויינט און טרויערט...

צווישן פעלזן בלאָנדזשעט ער, און שטרויכלט אָן די שטיינער.
ער, דער לעצטער. אין זיין שטערן-קנייטש דער סוד פון טויט איז.
פון די שוואַרץ-פאַרהילטע פעלזן בלויע שאָטנס קומען.
מדבר איינגעדעקט שוין... אַלטע שריפט פאַרמעקט שוין...

דעמערונגען

פון דער סעריע „וויסטעניש"

שטיל פאַרהאַנגען האָבן געציטערט אויף ברענענדע טויערם פון מערב,
אין גינגאָלד־פּאַלאַצן פון ענגלען געענדיקט דער באַל זיך אינגאַנצן,
געפּלאַקערט דער טײַערער ווײַן און געשוימט אין שמאַראַגדענע בעכערם,
און טרויעריק האָבן מלאכים געדרייט זיך אין גאָר־לעצטן טאַנץ שוין.

און שטיל און גאָר שוואַך האָט אַ פייער געבלאָנדזשעט אויף פעלזן
פון מדבר,
געוואָלט פאַר זיין טויט מאַכן ווייכער דעם אומעט פון ריזן,
וואָס דרעמלען.
נאָר פינצטער און שטאָלץ זיינען אַלץ נאָך די ריזן פון מדבר
געשטאַנען,
אין גאָלדענע זאַמדן די פיס און די קעפּ הויך געווענדט צו די הימלען.

געשטומט האָט דער מדברשער זאַמד, וואָס צעאַקערט אין בערגלעך
און טאָלן,
קיין סימן פון לעבן אין ערגעץ, קיין ווינטל אַהער ניט דערפלויגן;
נאָר ווייט איז געשטאַנען אַ קעמל פון אונטער דעם שיינענדן מערב,
זיין קאָפּ אַ געשטרעקטער צו הויכקייט, זיין האַלדז אַ געשפּאַנטער
ווי אַ בויגן.

געשטאַנען אַליין אויף אַ בערגל אין ברענענדע ברעגן פון הימל,
וואו ס'האָבן געראַנגלט זיך זאַמדן מיט וואָלקנס פון בלוט און
פון פלאַמען;
געוואַרט האָט ער, ס'פּנים צום פאָרהאַנג, וואָס טיילט אָפּעט איין
וועלט פון צווייטער,
וואָס ברענט אין פאַרשיידענע פאַרבן אין צויבער און שוויגן צוזאַמען.

און פּלוצלונג הייבט אויף זיך דער פאָרהאַנג און ס'ווייזט זיך
א העלדישער רײַטער,
געגאַרטלט מיט וואָלקן און פלאַמען, ער טראָגט זיך אין שפּרינגען
און שוימען,
מײַדט שטילע פאַרוואונדערטע ווייטן אויף הויקער פון זעלטענעם קעמל,
און סודות אַנטפּלעקט ער דעם מדבר פון לאַנד פון פאַרבאָרגענע
טרוימען...

עס טראָגן זיך שיפלעך...

עס טראָגן זיך שיפלעך אויף פינצטערע שטעגן.
קיין ים און קיין הימל, קיין גרענעץ פון זייטן.
די פינצטערניש שטום איז. פאַרהילט אירע ווייטן.

— וואו פליט איר, נעלמים, אין שטאָק־בלינדן כּאָם?
צי ציטערט אַ פונק נאָך אין מיטן זיין צאַנקען,
און ס׳האָט נאָר מיין אויג נאָך זיין שײַן ניט געפאַנגען?

צו וואַנען־זשע גייט איר אין טונקל פון נעפּלען?
צי קלינגט נאָך אַ ליד מיט אַ שטילן באַגערן,
און ס׳איז פאַר מיין אויער נאָר שווער צו דערהערן?

— „די נאַכט זי איז פינצטער, די נאַכט זי איז שווייגנד...
נאָר שטורעם און פלאַם איז אין מיר ניט געשטילט נאָך...
צי איז דער באַגינען אויף גאָר לאַנג פאַרהילט נאָך?"

— „אָ, פינצטערע שרעקן, זיי יאָגן מיך, יאָגן...
איך זוך מיר אַ וועג אויסוועג און קען ניט געפינען —
איך קען פון דער פינצטערניש שוין ניט אַנטרינען..."

— „פאַרשטומט איז אין מיר די דער שרעק אי די האָפ׳נונג.
איך וויל זיך אין קיין זייט ניט קערן, נאָר ווערן
געטראָגן אין חושך פון כּאָם דעם שווערן..."

עס טראָגן זיך שיפלעך אויף פינצטערע שטעגן.
קיין ים און קיין הימל. קיין גרענעץ פון זייטן.
די פינצטערניש שטום, און פאַרהילט אירע ווייטן.

אַ ל ט ע ס

ס׳איז דאָך אַלט וואָס מען טענהט, ס׳איז דאָך אַלט וואָס מען טענהט:
אַלע טייכן אין ים פֿאַלן תּמיד אַריינעט...
נאָר ווי באַנג איז מיר איטלעכעד טריף,
וואָס עס האָט זיך פֿאַרגליטשט פֿון דער טיף.

ס׳איז דאָך ײַן וואָס מען זאָגט זיך, ס׳איז דאָך שיין וואָס מען זאָגט זיך:
אַלע טעג, אַלע נעכט צו דער אייביקייט טראָגט זיך...
נאָר מיין טרויער ווי טיף און ווי גרויס
אויף די רגעס וואָס לעשן זיך אויס.

און אין נעכט פֿונם פֿרילינג, וואָס ווייסטו, מיין האַרץ, נאָך?
צווישן חורבות פֿון מערב וואָס זוכסטו און וואַרטסט נאָך?
ס׳איז פֿאַרלאָשן פֿון הימל דער שײַן,
ס׳קען מיט אויפֿגאַנג דער מערב ניט זיין...

דאָרשטיק

זילבער־קוואַלן, וואָס דערפרישן,
פון דער טיפ׳ניש שטראָמען, פליסן
אין די וועלדער טונקל־שטילע,
זילבער־קוואַלן קלאָרע, קילע — —

זילבער־קוואַלן! שפריצט און שלאָגט מיך!
נעמט און שלעפּט מיך! כאַפּט און טראָגט מיך!
איך בין פלאַם און איך בין פייער,
איך בין דאָרשטיק אומגעהייער...

ייִדיש—מרדכי יאָפּע

זלמן שניאור

איר ווייסט, וואָס דערציילט האָט די קעלט מיר...

איר ווייסט, וואָס דערציילט האָט די קעלט מיר? אַ ווינטער־
טאָג האָט דאַן געוועלטיקט,
ווײַטיקע הייזער געסטאַרטשט האָבן, פּונקט ווי די ווײַס־גרויסע קברים,
און מענטשן, ווי זיי וואָלטן נאָר־וואָס אַנטרונען פון אָט די צע־
עפנטע קברים,
געלאָפן, ווי בינטלעך פון קליידער, און ציטריקע שאָטנס געוואָרפן.
און וועלט איז געווען דאַן — אַ ים אַזאַ ווייסער, אַנטקעגן אַ ים
אַזאַ בלויען,
וואָס האָבן זיך ביידע פאַרמאָסטן מיט בלענדנדער, שטראַלנדער
שיינקייט;
און צווישן די ימים האָט ברייט זיך צעקייקלט דער טאָג —
דער טאָג איז געווען אַזאַ קלאָרער...
דער הימל האָט ווייט זיך צעעפנט, די ערד האָט זיך פּרעכטיק
צעוויקלט.
האָט הימל געצויגן מיין האַרץ, און די ערד האָט איר אויכעט געצויגן,
און כ׳האָב ניט געוואוסט וואָסער ים צו באַוואונדערן פריער —
דעם ענדלאָזן בלויען, צי ענדלאָזן ווײַסן.
און שטאַרק איז די קעלט... און זי האָט אי געברענט אי פאַר־
הילט מיך,
צעגאַנגען אין לײַב מיט אַ ציטער פון שמערץ און הנאה,
געוועבט אין די נאָז־לעכער מיינע אַזוי ווי אַ דין־ווײַסן שפּינוועבס,
און האָט מיר מיט זילבערנע פּערל באַהאַנגען די וואָנצן.
און פּלוצלונג געכאַפּט האָט די קעלט מיך און האָט מיך פאַרנומען,
געצופּט מיר דעם אויער, געקניפּט אין די באַקן...

— לאָז אָפּ מיך!
— איך לאָז ניט!
כ'וויל צונעמען נאָר די געגנבעטע ווערעמקייט דיינע!
— געגנבעט?
— געווים האָסטו, מענטש, דאָס געגנבעט! —
אַלץ גליווערט און ציטערט פאַר מיר, און נאָר דו האָסט געגנבעט
אַ ביסעלע ווערעמקייט און דאָס באַהאַלטן אין חדר;
און האָסט עס פאַרבונדן אין בגד, ווען דו ביסט אַרויסעט אין
און ס'איז דיר אי גוט און אי וואַרעם; [דרויסן —
און האָסט עס אין האַרצן פאַרבאָרגן ביז סוף פון דיין לעבן,
און האַלטסט דאָס פאַר זיך נאָר.
דו גנב! גיב אָפּ מיר די גנבה! אָט איז זי ביי דיר דאָ באַהאַלטן...
כאַ—כאַ—כאַ! איך פיל דאָס —
אויב ניט — גיב איך מער נישט אַ פייף צו מיין חבר דעם ווינט:
„גיב אַ טרייסל!"
וועט ער שוין באַפאַלן אויף דיר אַזוי ווילד, ווי ער קען נאָר,
און וועט שוין אַרויסציען אַלצדינג פון איטלעכן אָדערל דיינעם...
גיב אָפּ מיר די גנבה!
— לאָז אָפּ מיך. וואָס דאַרפסטו די ביסעלע ווערעמקייט מיינע?
אָן איר ביסטו אויך אַזוי שטאַרק דאָך און מעכטיק...
— אָ, מענטש דו!
אויף שפּיץ פון די אַלפּן פאַראַנען אַ מלכּה אַ ווייסע און שטאָלצע—
און איך האָב איר האָלט...
אין שניי פון די בערג אירע פיס איז באַהאַלטן,
און גייענדע וואָלקנס פאַרטשעפּען זיך אָן אירע בלאַנק־ווייסע לאָקן.
ווי צפונשער שיין — אירע אויגן, און בלויע ווי אייז—אירע ליפּן.
איר שטערן... נאָר וואָס זאָל איך ריידן? צי קענסטו פאַרשטיין
אַז דו ביסט אַ מענטש נאָר?... [אַזאַ שיינקייט,
אויף שפּיץ פון די אַלפּן פאַראַנען אַ מלכּה אַ ווייסע און שטאָלצע—
און איך האָב איר האָלט...
און שטום, אין איר שרעקלעכער פּראַכט, איז זי יאָרן נאָך יאָרן געזעסן,
האָט אָנגעשפּאַרט קאָפּ אָנם וואָלקן, פאַרלייגט אירע הענט אויפן האַרצן,

און די אויגן געוועגדעט מיט גאווה און האס צו דער ערד;
וי׳ט פיינט געהאט אלעם דארט... אלצדינג געהאסט...
און איך האב איר האלט.
— אָ, מלכה! זײַ מיינע. דו מלכה, דו שטאָלצע און ווײַסע!
שטאַרק ווי די קעלטן פון פאָלוס מיין ליבע צו דיר איז!
און זי האט געשוויגן.
און כ׳האָב איר געבראַכט אַלע בעסטע קריסטאַלן,
קריסטאָל פון פאַרפראָרענע טייכן,
און אוצרות סמאַראַגדן פון אײַז האָב געוואָרפן אין שוים איר —
און זי רירט זיך אַלץ ניט...
צעשפרייט האָב איך ליילעכער דאַן, און דערקלערט אַזאַ יום-טוב אַ ווייסן,
און האָב אַ בוקעט פון די בלומען, וואָס זיינען פון גאָר ערשטע [קעלטן געפאַלן,
געבראַכט צו דער מלכה.
— קום, מלכה, און לאָמיר אַ חתונה מאַכן, אַ ווייסע און גרויסע,
און זאָלן די ווינטן אַ שפיל-טאָן לכבוד דער שמחה,
און זאָלן די שנייען אַרוים אין אַ טענצל, און פלעסקענען זאָלן
די טרוקענע צווייגן פון ביימער.
האָט זי מיר געענטפערט:
— „אָ, קעלט! איך דאַרף ניט דיין רייכקייט,
די קאַלטע סמאַראַגדן און דיינע קריסטאַלן —
מיין גײַסט איז פיל רייכער!
און ווילסטו באַצווינגען מיין האַרץ, אָדער קויפן —
נידער-אַראָפּ אויף דער מיאוסער ערד און לעש-אויס דאָרט
איטלעכן פונק און געפיל און באַוועגונג און אָטעם,
און ברענג, אַלס באַווײַז, אַז דערפילט איז מיין ווילן,
דעם גאָר-לעצטן האַרץ-גלי פון מענטשן!"
איר בליק האָט געיאָגט מיך, און איך בין אַראָפּ אויף דער ערד באַלד,
געבלאָנקעט פאַרצווייפלט,
פאַרצאָרנט געביסן, געריסן וואָס כ׳האָב נאָר געטראָפן,
שווין מיד פון דיין ביטערער עקשנות, דו מענטש!
ס׳פאַרלעשן זיך פלאַמען און פייערן, זונען וואָס לייכטן פאַרגייען,

בערג, וואָס עס שפּייען מיט פייער און קאָכיקער לאַווע,
ווערן פאַרשטומט און פאַרגליווערט.
און דו אַזוי קליין ביסט און שוואַך, און דאָס פייער פון האַרץ
און דאָך איז דאָס שטאַרקער פאַר אַלעם! [אַזוי קנאַפּ איז —
און ווינטער, ווען ס׳בלוט ווערט פאַרגליווערט ביי אַלצדינג וואָס
לעבט נאָר,
גייסטו זיך אום און דו אָטעמסט, געלוכט, און דו חלומסט
און ס׳איז דיר אי גוט און אי וואַרעם. [פון פרילינגס,
און לערנסט די דאָזיקע שטיק נאָך אַפילו די קינדער,
און זיי גנבען אויבעט די וואַרעמקייט, ירשענען אָפּ דאָס,
עס נעמט גאָר קיין סוף ניט —
און דאָרט ווערט אַ מלכּה אַ ווייסע, אַ שטאָלצע אויף לעצט
און — כ׳האָב מיט זיך גאַרנישט... [ביסל וואַרעמקייט דיינע,
און פרילינג, וואָס דו האָסט געטרוימט, וועל איך קומען צוריק
צו דער מלכּה,
און ס׳וועט מיך באַגעגענען אַ בליק פול מיט גאווה און תאווה:
„געבראַכט?“ — וועט זי פרעגן, און שטום וועל איך שווייגן.
וועט אָפּקערן זי שוין איר בליק באַלד פון מיר,
און פאַלן וועט ער מיט פאַרביסענער שנאה אויף דרערד —
און שטום וועל איך שווייגן.
פאַרקאָרטשעט, פאַרשעמט וועל איך לייגן זיך לעבן די פיס אירע
דאָרט אויפן באַרג־שפּיץ,
און בידנע אַזוי וועל איך ווארטן אויף קומענדן ווינטער,
צו זוכן שוין ווידער פאַר מלכּה דעם גאָר־לעצטן האַרץ־גלי פון מענטשן...

— — — — — — — — — — — —

איר ווייסט, וואָס דערציילט האָט די קעלט מיר? — אַ ווינטער־
טאָג האָט דאָן געוועלטיקט,
ווײַטיקע הייזער געסטאַרטשעט האָבן, פונקט ווי די ווײַס־גרויסע קברים,
און מענטשן, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַנטרונען פון אָט די
צעזאַפּטע קברים —
געלאָפן, ווי בינטלעך פון קליידער, און ציטריקע שאָטנס געוואָרפן...

נאַכט-לידער

אין דער פינצטער וועבן זיי זיך,
פונם נעפּל שאַפן זיי זיך.
אינם חושך שלימן זיי זיך.
און אין חושך גייען אוים זיי.

ס׳איז אַ זון דאָ! נאָר זי העלפט ניט.
בלויז די זאַטע זעטיקט זי נאָר.
און די הונגעריקע לאָזט זי,
און די אָרעמע פאַרמיידט זי.

און די זון זי איז נאָר איינע,
און עס קניען צו איר אַלע,
קניען אויך די חושך-קינדער —
נאָר זי ענטפערט זיי ניט קיינמאָל.

פרילינג-מעשהלע

איז אַ הייל פון שוואַרצן תּרשיש,
אויף אַ זיידן בלויען טעפּיך,
ליגט די טאָכטער פונם פרילינג
און זי שלאָפט אַ גאַנצן ווינטער.

און פאַרשלאָסן דער אַריינגאַנג
איז מיט זיבן שניי'נע טירן;
יעדע טיר האָט זיבן ריגלען,
זיבן שווערע שניי'נע ריגלען.

און ביים הייל דער האַר פון ווינטער,
אייז-פאַרהילט און האָר-באַוואַקסן,
מיט אַן אייז-שפּיז אויפן פּלייצע
שטייט און היט דעם היילס אַריינגאַנג.

און ווען ס'ווערט אַ זאַווערוכע,
ווערט דערפרייט דער האַר פון ווינטער:
"העי, דו מלכה, פרילינג־מלכה,
וועסט שוין קיינמאָל ניט אַרויסגיין!"

שטייט און קנײַטש זיך; און די מלכה
שלאָפט זיך רואיק, און זי חלומט:
ס'לעבן איז — אַ גרויסער פרילינג,
און די גאַנצע וועלט — אַ גאָרטן.

גייט אַ חודש נאָך אַ חודש,
און עס כאַפּט זיך אויף די מלכה:
"זון, דו זון, אוי, נעם באַפרײַ מיך,
און איך וועל דערפאַר דײַן ווײַב זײַן!"

לויפט און אײַלט זיך זון פון גיסן,
און אין שײַדל — גאָלד'נע פײַלן;
שפּאַנט ער אָן זײַן שטראַלנד בויגן,
און ער צילט זיך צו דער ערד שוין.

גאָלד'נע פײַלן גליענד פליען
דורך די שפּאַלטן פון די וואָלקנס —
פונקט צום ברוסט פון ווײַסן וועכטער,
און זיי לעכערן דאָס האַרץ אים.

גיט אַ פאַל דער האַר פון ווינטער,
און זײַן אײַז־שפּיז גליטשט אַראָפּ זיך;
און פון זײַנע וואונדן פלייצן
נעמט עס וואַסער אין די טײַכן.

אָט צעפאַלן זײַנע וואָנצעס,
אָט צעפלימן זײַנע לאָקן;
און פון שײַן געשופּטן מאַנטל
איז געוואָרן בלויזע שמאַטעס.

און די ערד האָט אָפּגעדעקט זיך,
אָפּן שוין דעם היילם אַרײַנגאַנג;

פּלאַצט דער אײַז און ס׳פּלאַצן קנאָספּן,
און דער מלכהם אויער הערט עס.

גיט אַ שפּרונג דעם פרילינגס טאָכטער
מיט אַ יוגנט־קוויטש פון תּפיסה;
דאָ אַ שפּרונג און דאָרט אַ קער זיך,
און הייבט פּלוצלונג אָן צו וויינען.

טראָפּנס טרערן קלאָרע, וואַר׳מע
קייקלען אויף דער הוילער ערד זיך;
שפּילט אין זיי מיט טריבע פאַרבן —
ערשטער פאַרבן־שפּיל פון פרילינג.

און געקומען זון איז באַלד שוין,
ווישט מיט שטראַלן־גלעט איר טרער אויס:
„זאָג, מיין שיינע, זאָג, מיין ריינע,
וואָס־זשע וויינסטו? וואָס־זשע וויינסטו?"

„אוי, אַן אומעט שווער באַפאַלט מיך!
כ׳בין געשלאָפן — האָט מיין שטיף־זון
אויסגעהרגעט מיינע ליאַלקעס,
מיינע שוועסטערלעך די שטילע.

מיינע ליאַלקעלעך — די בלימלעך,
מיינע שוועסטערלעך — די גרעזלעך...
מאַך זיי לעבעדיק, מיין ליבסטער,
און איך וועל דערפאַר דיין ווייב זיין!

און פאַמעלעך זון פון ניסן
ציט זיך אויס אויף דרערד אינגאַנצן,
און מיט שטראַלן־סנאָפּעס קלאַפּט ער,
וועקט די ערד וואָס ליגט פאַרחלשט.

נעמען שטיפעריש באַלד קריכן
פון איר בויך אַ שלל פון גרינסן;
קנאָספּ פון בלעטער, קנאָספּ פון פלאַנצן
עפ׳נען בלויע, ראָזע אויגלעך.

אַלץ וואָס טויט — שטייט אויף צום לעבן!
ס'עפּ'נען מיילכלעך די מאַיאָווקעס —
און צו זייער קלונג פון גלעקלעך
האָרכן צו די שמעטערלינגען.

פּאַטשט די מלכה מיט די הענטלעך,
גייט אַנטקעגן איר געליבטן:
„זון, מיין טייערער און ליבסטער,
איצטער וועל איך שוין דיין ווייב זיין!"

און באַהעפט מיט האַנט און זעלע,
טרעטן זיי מיט פריידן־ציטער
פונם טאָל אַרויף צו בערגער,
שטיל, פּאַמעלעך שטייגן־אויף זיי.

ס'איז דער חתונה־מאַרשרוט איצט, —
זייער וועג — מיט טעפּעך־גרינסן,
וואַסער־פאַלן זיי באַגריסן,
שפּריצן אָפּ זיי מיט בריליאַנטן.

זינגען לערכעס, קלאַנגען הילכן:
„לעבן זאָל די פּאָר געליבטע!"
און פאַר גרויסער שמחה וויינען
סאָסנעס מיט געווירצטע טרערן.

חברה שמעטערלינגען פליען
און זיי רופן: „מאַכט אַ וואַרע!"
און אָרקעסטערס יונגע גרילען
הויך באַגלייטן זיי מיט פידלען.

גליק־פאַרשיכורט טרעטןביידע,
און זיי גייען און זיי שיקן
ליכט־ און לופט־קושן צו יעדן,
יעדן ווערעמל און בוים דאָרט.

באַפאַלן דעם וואַלד האָט דער שטורעם...

באַפאַלן דעם וואַלד האָט דער שטורעם
און האָט אים מיט דונערס צעוויטערט;
געאײַלט צו דעם נעסט האָבן פייגלעך,
צעטומלטע ביימער — געציטערט.

געטוליעט זיך בלימעלעך האָבן,
ווי זיי וואָלטן עפּעס שוין ווייסן.
אַ רעגן אַ וואַרעמער, שטאַרקער
אַראָפּ און געקלאַפּט און געשמיסן.

נאָר קוים איז דער וואָלקן צעגאַנגען,
באַפרייט פון דעם פּחד דעם שווערן —
אַרוים איז די זון, צו פאַרווישן
אויף בלעטלעך די ליכטיקע טרערן.

דער שפּערלינג האָט גלייך זיך צעטשוויטשערט,
די וועווערקע לוסטיק געשפּרונגען;
און הויך די לאַנג־פיסיקע גריל האָט
געזונגען, געקנאַקט און געקלונגען.

און באַלד איז געקומען אַ ווינטל,
געלייגט זיך די גראָזן דערפרישן;
געהויבן די קעפּלעך ביי בלימלעך,
געצערטלט פאַרשעמטע נאַרציסן.

דאַן...

פורפור איז געווען דער מזרח,
וועל און צווייג אָן שום גערויש;
און פון טיפן ים פון ביימער
איז אַ גינגאָלד־זון אַרויס.

וואַלד באַגילדט האָט דאַן געררעמלט,
און געשלאָפן דאַן האָט פעלד;
נאָר דערוואַכטע פייגלען זיינען
אומגעפלויגן און געטרעלט.

פלוצלונג רירן זיך די ביימער,
די באַטויטע גראָזן אויך;
ווינטל האָט געוויגט די בלומען,
וועל אין טייך—געשטעלט זיך הויך.

גאָלדן זון האָט זיך צעלויכטן —
אַלץ באַשטראַלט גאָר וואונדער־פיין;
אויסגעבלייכט זיך האָט דער פורפור
און געוואָרן צאַרטע שיין.

לעצטער שאָטן האָט גערירט זיך
און פאַרשוואונדן אין דער שטיל;
און דער גאָרטן האָט געוויגט זיך
אין אַ גינגאָלדענעם שפּיל.

דער חלוץ זינגט
אין לאַנד

אַ גאָלדיק־גרינער האָניק־וויגער ט׳זיך פאַרבייגעטראָגן —
אַ פּאָך געטאָן מיט גאולה־נס: נו, לאָמיר ביידע יאָגן!

אַ ווילדער מאָן־קאָפּ צווישן קברים שטעקט אַרויס צעפלאָמט,—
עס איז דאָס בלוט פון מיינע ברידער—ניט אומזיסט פאַרגאָסן.

פאַר מיינע פיס אַן אָראַנזש פריש געפאַלן איז אַרונטער,—
אַפילו צווישן טויטע קערפּערס וועל איך טרעטן מונטער.

אַן עלנטן דעם כותל־מערבי זע איך סטאַרטשן, —
די אַנדערע דריי ווענט פון מקדש—טיף ביי מיר אין האַרצן.

אשר באַראַש **יידיש—מרדכי יאָפע**

כ'האָב אַ חודש צייט געליטן...

כ'האָב אַ חודש צייט געליטן
איינזאַם, שלאָפלאָז און פאַרקלערט,
ס'האַרץ — אַ נעסט געוועזן פאַר פּיאַווקע,
און די באַקן — בלייך-פאַרצערט.

כ'האָב אַ חודש צייט געבלאָנקעט
אויף די פעלדער אַלערליי,
און געשפּייזט זיך מיט מיין פּיין אַלץ
און גענערט זיך מיט מיין וויי.

נאָר דער חודש איז פאַרפלויגן
און מיין פרייד איז דאָ צוריק;
כ'זיץ און פריי זיך מיט מיין מיידל
און איך קוויק זיך מיט מיין גליק.

שטיל, דו עָבר! וואָס געווען איז,
איז אויף אייביק דאָך פאַרביי;
ס'איז פאַר אונדז אַ נייע וועלט איצט,
זע, דער צווייג איז גרין און ניי...

און די אויגן זעען נסים:
ס'איז די גאַנצע וועלט צעבלומט;
און דער ליבע גאָט שלוחים
שיקט אונדז זאָגן, אַז ער קומט.

דיין געצעלט איז אויף אַ בערגל,
ס'דעקט מיט צווייגן אים אַ בוים,
און צוויי שטילע, בלויע טויבן
דרייען אום זיך, ווי אין טרוים.

דיין געצעלט, וואָס שטיל און רואיק,
כישופט אַלץ, ווי גאָר ניט לאַנג;
ווייסער מלאך אויף דער פּיאַנאָ
שפּילט מיט סודות און פאַרלאַנג.

אויף די שויבן פלאַמט די שקיעה,
און די וואַנט איז רויט־צעבליט;
שיינע, וואונדערלעכע בילדער
גייען־אויף, ווען ס'שטייגט דאָס ליד.

גוססט זון און דער געזאַנג אויך,
וויגן פאַרהאַנגען זיך אום;
די וואַזאָנעס דרעמלען טרוימענד,
און באַטויט ווערט יעדע בלום.

זיצסט, מיין קינד, אויף מיינע קני איצט,
גינגאָלד טריפט פון דיינע האָר;
בטל ווערט די גאַנצע וועלט איצט
און דער טרוים לעבט אויפן וואָר.

טריט אין די זאַמדן

טריט אין די זאַמדן, דער טראָט פון דער מי איז,
ווי ס׳טרעט זיך דער קעמעל — באַשיידן, מיט שהיות.

די פום זינקט אין וואָרעמען זאַמד, וואָס צעשיט זיך,
אַזוי זינקט אין אייביקייט — טאָגס יעדער טריט דאָך.

די אויגן מיט ווייטע פאַרלאַנגען זיי ווינקען,
און טריט פון דער שטילקייט זיי בויערן, זינקען...

מרדכי טעמקין

יידיש — מרדכי יאָפע

נישט געבענטשט בין איך...

נישט געבענטשט בין איך מיט הענט פון אַ באַצווינגער
און בויער פון אַ היימלאַנד.
נאָר זאָל איך שטיין פון וווייטנס צונויפגעלייגט די הענט נאָר,
די הענט די ווײַסע?
ווי שלעכט איך פיל זיך, ווען זיי ליגן רואיק
און ווייסע איידעלע אויף מיינע קניען,
ווען קעגן מיר אַ מענגע
מאַזאָליעסדיקע הענט, זיי טראָגן, ווי מתּנות,
די טונקעלע וואונדן פון אַ היימלאַנד.

נאָר קיינער ווייס ניט, ווי שאַרף עס הערט מיין אויער.
ווי׳אַ פערד אַ טרייער,
פון מײַלן-ווייט איך טו אַ הירושע פרייילעך,
ווען ס׳ווערן אַריינגעקלאַפּט געפּאַרבטע שטאַנגען,
אין ערד וואָס איז פּאַרוויסט, פּאַרלאָזן —
אַלס צייכן, אַז זי ווערט אַ היימלאַנד.

אויך ווען ס׳קלאַפּט דער שווערער האַמער
אין אַריינגאַנג פון ירושלים,
לויף איך פון מיין שוועל באַלד
אַנטקעגן די וואָס קומען.

ס׳ווייס קיינער ניט פון אָט דער ליבע,
וואָס פּאַרשעמט איז,
ווען ס׳זיינען ביי דעם ליבנדן די הענט גאָר ליידיק;
ווי אַן אָרעמאַן וואָס בעטלט, לעבן די גערטנער-צאַמען,
שטיי איך אַ פּאַרשעמטער אויף די פעלדער פון יזרעאל.

ביים כותל-המערבי

צו דיר, פאַר תפילות און געוואַנגען
און האָפ׳נונגען — דער אַלטער טויער,
געקומען בין איך זיך אָנצושפּאַרן
אָן דיינע שטיינער מיט מײַן טרויער...

מיין קאָפּ בויגט איין זיך מיט אַ שווייגן,
צווישן קעפּ צעקלאַפּט, צעצונדן;
גרויסער טרויער קוקט פון שפּאַלטן
פון שטאַרק-פאַרשוואַרצטע שטיינער-וואונדן.

כ׳קלאַפּ מיין קאָפּ נישט, און איך טרוים נישט,
כ׳וויל מיט גאָרנישט זיך ניט נאַרן;
געקומען בין איך מיר פון וויטנס,
שטיל אָן דיר זיך אָנצושפּאַרן.

אביגדר המאירי

יידיש—מרדכי יאָפּע

מ ש י ח

שטילער. שטיל. פאַרמאַכט די אויגן.
ער איז שוין דאָ.
גאָטס געמורמל. בשורה־קלאַנגען:
ער איז שוין דאָ.
ער איז שוין דאָ. אויף די פליגלען פון דורות.
שטיל. פון זונען־גאָרטן קומען געזאַנגען.
שטייט. קוקט. שווייגט.

קוקט נאָר, די שפּיצן פון ביימער זיי גלאַנצן:
ער איז שוין דאָ.
זעט נאָר: די שטערן באַקרוינט זיך אין קראַנצן.
בלייענע וואָלקנס — אַ שירה אינגאַנצן —
ער איז שוין דאָ. נו־זשע, וועקט זיך.
ער איז שוין דאָ — די הימלען צעשפּרייטע,
די פעלדער און לאָנקעס גאָר שיינענד־דערפרייטע.
ער איז שוין דאָ — אוי, ניט שרעקט זיך,
ער איז שוין דאָ.

עס קושן זיך עופעלעך, פייגלעך און בלומען.
אוי, קוק! אין אַ פּלאַם — בערג און ימים פאַרנומען.
ווי מיר און ווינד מיר! אַ פרייד וואו איך קער מיך!
ווער איז מיר פריינד, און ברודער איז ווער מיר —
בראַוואָ! אוי ווי! אָט איז ער שוין דאָ — —

ער איז שוין דאָ — און איך נישט געוואוסט גאָר,
און איך נישט געהערט גאָר, און איך נישט געקלערט גאָר.
שוין דאָ. און איך נישט געוואַרט, ס׳זאָל געשען שוין.
ווי זאָל איך פאַרריכטן, וואָס איך האָב פאַרזען שוין?

ער איז שוין דאָ — אויף וואָלקנס געדיכטע,
ווי זאָל איך באַגעגע׳נען אים, אַן אומגעריכטער!

— — — — — — — — — — — —

ער איז שוין דאָ, זיין שאָטן דאָרט ברענט שוין —
וויי איז אונדז, בלינדע, פאַרשפּעטיקטע מענטשן!
ער איז שוין דאָ -- און מיר שטייען דולע,
אוי, וואָס־זשע געטאָן האָבן מיר פאַר דער גאולה?!

אַ ראָזער פלעק

פון דער סעריע „מלחמה־לידער״.

דאָס איז דער וועג. און צו גיין אויף אים בין איך
מיט הערלעכן טרויער שוין לאַנג אַ געגרייטער;
און גוט, וואָס די פיס אַזוי ייַנען געוועגדעט,
און גוט, וואָס ס׳גיט ענדלעך קיין וועג ניט קיין צווייטער.

און גוט איז, וואָס כ׳האָב ניט ווער ס׳זאָל מיך פאַרהאַלטן,
קיין זיכערע צוקונפט, קיין מענטש צום געדענקען;
און כ׳האָב נישט קיין פרוי און קיין הויז און קיין גאָרטן,
און כ׳האָב ניט נאָך וואָס און נאָך וועמען צו בענקען.

אַזוי וועל איך גיין אויף מיין וועג זיך פאַרהווילן,
און רויש פון הוראַען משוגענע, הייסע;
קיין פרויען־באַק וועט ניט פאַרזאַפּן מיינע טרערן —
דער גוף מער נישט פון מוטער־ערד, אָט די גרויסע.
די מוסקולן שוואַכע געשפּאַנט ווערן, גלוטיק,
אַ טויט־שיין אין אויג און אין האַרצן — מיליאָנען.
און שקיעות פון זונען וואָס גאָלד זייערם גיבן —
גוש־חלבם דעם טרויעריקסטן צדיק די ליפּן דערמאָנען —
און דאָרט ווען איך פאַל אויף די שניי־פעלדער מוטיק:
איז גאָרנישט. אַ בלוט־פלעק אויף ווייסקייט פאַרשריבן.

רחל   יידיש — ז. דובאַשאָוו

מיין לאַנד

איך האָב דיך, לאַנד מיינס, ניט באַזונגען
און דיין נאָמען ניט באַשיינט.
מיט קיין גבורות און נצחונות
דיינע שלאַכטן ניט געקרוינט.
בלויז אַ בוים מיין האַנט געפלאַנצט האָט
אויפן ירדנס שטילן ברעג,
בלויז אין פעלדער אויסגעטראָטן
האָט מיין פוס אַ שמאָלן שטעג.

ס'איז אַן אָרעמע מתנה —
יאָ, איך וויים עס, מאַמע־לאַנד,
גאָר אַן אָרעמע מתנה
האָט געבראַכט דיין טאָכטערס האַנט;
בלויז אַ יובל־שריי פון שמחה
ווען עס טוט דיין טאָג אַ שיין,
בלויז אַ שטיל פאַרשטיקטן וויינען
אויף דיין פּיין.

כּ נֶ ר ת

שטרעקסטו נאָר די האַנט אוי'ס—און דער גולן־קרייז
שווייגנדיק און זיכער שטעלט כּנרת אָפּ.
לויכטנדיק שלאָפט איינזאַם דער הר־חֶרמון־גרייז,
שלאָגט אַ שטילע קאַלטקייט פון זיין ווייסן קאָפּ.

וואַקסט זיך אויפן ברעג דאָרט אַ קליין טייטל־בוים,
ווי אַ חדר־יינגל מיט געקרויזטע האָר,
וואָס האָט זיך פאַרגנבעט באָדן זיך געהיים,
שווענקט ער איצט אין וואַסער זיינע קנעכלעך נאָר.

ווימלט עס פון בלומען אויפן קעראַק ווינטער,
פון דעם מאָן די רויטקייט און פון שאַפראַן־געל.
ס'טרעפט—און ס'ווערט זיין גרינקייט זיבנפאַך צעגרינטער,
זיבציקפאַך העל־בלויער ס'הימל־בלוי־און־העל.

און ווען עס זאָל מיין האַרצן אויסלעשן אין טרערן
און אין דריי געבויגן זאָל מיין רוקן זיין,—
ווען איך דען דיר דענסטמאָל אומטריי קאָנען ווערן,
דיך פאַרגעסן קענען, יוגנט־ליבע מיין?

ווערטער קומען און פֿאַרלאַנגען...

ווערטער קומען און פֿאַרלאַנגען:
„זײַ אונדז אין דײַן האַרצן אײַן;
ווען נאָך זען, אַ פֿעלד פֿון זאַנגען
גינגאָלדענע וועט דאָ זײַן.

וועט אַ בחורל אַ יונגער
קומען קאָרן־בלומען קלײַבן,
וועט אַ פּוס־גייער זײַן הונגער
מיט דײַן קערנדל פֿאַרטרײַבן".

אַקער, בויער, ווער ניט מיד,
זײַ אין האַרץ ווי אין אַ בוים.
צו דעם יום־טוב פֿון מײַן שניט
קומט באַלד אַלע—קינד און קײַט.

און אַז קינדער איז וואָס?

און אַז קינדער איז וואָס? אָ, געבענטשט זאָל זיין דער,
וואָס מאַכט אונדז פאַרגעסן, ווי עלטער איז שווער.
ס'איז נאָך לאַנג אונדזער וועג, וועט נאָך צייט זיין גענוג
צו זיין אַלט און פאַרדאגהט, דערוואַקסן און קלוג.

טאָ טאַקע ווי קינדער אין יונגינקע יאָרן,
וואָס פליקן די שמחות ווי בלימלעך אין קאָרן,
וואָס ווייסן קיין סוף ניט, און וויינט אַמאָל ווער,—
צעלאַכט זיך די זון גאָר אין זייערם אַ טרער.

עַקָרה

אַ ייִנגעלע וויל איך, אַ זונעלע קליין,
מיט שוואַרצינקע לאָקן מיט שכל און חן.
אים האַלטן בײַם הענטל, פּאַוואָלינקע פֿירן
אין גערטל שפּאַצירן,
אַ קינדעלע.
קליין.

כ׳װעל רופֿן אים אורי, אורילע מײַן.
צאַרט איז דער נאָמען און לויטער און פֿײַן,
ווי אַ טראָפּן פֿון שײַן.
דער נאָמען פֿון שוואַרצינקן ייִנגעלע מײַן
„אורי״
וועט זײַן.

איך וועל אויף אים וואַרטן ווי רחל די מאַמע,
ווי חנה אין שִׁלֹה אים אויסבעטן שטום;
וואַרטן און בעטן:
קום!

מ י כ ל

ותאהב מיכל בת שאול את דוד — —
ותבז לו בלבה (שמואל א׳ יח; ב׳ ו.)

מיכל, שוועסטער ווייטע! ס׳ציט זיך נאָך דער שנור.
אין דיין אומעט־גאָרטן שאַלטעט ניט די צייט.
אויף דיין קלייד פון זיידנס גלאַנצט נאָך דער פורפור,
פון דיינע גאָלד־בראַסלעטן הילכט דער קלאַנג נאָך ווייט.

אָפט האָב איך געזען דיך ביי דעם פענצטער שטיין.
דיינע אויגן קוקן גאווהדיק און ווייך.
מיכל, שוועסטער ווייטע! דו ביסט ניט אַליין,
האַסן דעם געליבטן איז מיין גורל אויך.

בלויז וועגן זיך האָב איך שטענדיק דערציילט...

בלויז וועגן זיך האָב איך שטענדיק דערציילט —
ווי אַ מילבעלעס וועלט איז מיין וועלטעלע קליין.
ווי אַ מילב שלעפּ אויך איך אויף מיין רוקן אַ לאַסט,
איז גרעסער איר משא פון מיר גאָר אַליין.

און אַזוי ווי די מילב, אַזוי קלעטער אויך איך
פון אונטן אַרויף — מיט יסורים און ברען.
ביז עס טוט זיך אַ וויצל אַ ריזיקע האַנט
און וואַרפט מיך צוריק, גלייך ווי גאָרניט געווען.

אָ, דער אייביקער שרעק פאַר דער ריזיקער האַנט.
ער האָט עס פאַרטרויערט, פאַרקרימט מיינע וועגן.
טאָ וואָס-זשע האָט איר מיך געדרייצט און גענאַרט,
פייערלעך ווייטע, פאַרצויבערטע ברעגן?

יידיש—א. ליעסין

דער בשורה־טאָג

ואַרבעה אנשים היו מצורעים פתח
השער — — — ויאמרו איש אל רעהו
— — היום הזה יום בשורה הוא
(מלכים ב׳ ז — ג, ט).

פאַרצייטן איז שומרון געווען פון אַ שונא
באַלאַגערט, פאַרמאַכט און פאַרשמאַכט;
און קרעציקע האָבן די בשורה די שיינע,
די בשורה פון אויסלייז געבראַכט.

און איצט איז דאָס לאַנד שוין דאָס גאַנצע פאַרנומען —
אַן אומגליק, אַ הונגער, אַ גרויל!
דאָך זאָל זי, די בשורה פון אויסלייז, ניט קומען
צו אונדז פון אַ קרעציקן מויל.

דער ריינער זאָל ברענגען די בשורה פון ריינעם,
זאָל קומען די גאולה אַזוי;
אויב ניט — איז כאָטש ערב דעם אויסלייז דעם שיינעם
שוין ליבער מיר אויסגיין פאַר ווייַ.

ר ח ל

עס פּליסט אין מיין בלוט דאָך איר בלוט פון אַמאָל,
עס זינגט אין מיין קול דאָך איר קול —
אָ, רחל, וואָס פּיטערט די שאָף פון אַרַמי!
אָ, רחל, פון מאַמעס די מאַמע!

דעריבער איז ענג מיר אַזוי אין אַ הויז,
און פרעמד זעט די שטאָט אַזוי אויס,
ווייל שטענדיק אַמאָל האָט איר פאַסטוכשע קלייד
אין מדבּר־ווינט פריי אומגעווייט.

דעריבער נאָך פילט זיך ביי מיר אין די טריט
די זיכערקייט פון איר געמיט.
עס איז אין מיין פוס די געדעכ׳ניש פאַראַן
פון דאַן נאָך, פון דאַן.

ייִדיש — ז. רובאַשאָוו

קראַנקערהייט

א.

אַריינשרויפֿן אין פֿינצטער שרייענדיקע אויגן,
אויסשטרעקן אין פּוסטקייט בענקענדיקע הענט,
אויפֿהאָרכן אין ציטער ווען=וואו אַ בלאַט געפֿלויגן,
און וואַרטן אויף אַ וואונדער, אַ וואונק פֿון שטומע ווענט.

און זיבן מאָל פֿאַרצווייפֿלען און זיבן מאָל צו גלויבן,
אין טרייסטן אין געהיימע ווידער שעפֿן מוט,
זינקען און פֿאַרגעסן און פּלוצלונג זיך אויפֿהייבן
און שילטן דעם גזר=דין און אים אָננעמען פֿאַר גוט.

און אין זכרונות אַלטע זוכן רו געניסן,
אין זייער אָנריר=ליב, אין זייער מילדן שיין;
שיכור זיין פֿון ווייטאָג און פֿון זיין רייך דעם זיסן,
און צאַפּלען זיך אין טרערן ביזן טאָג אַריין.

ב.

אויגן=לעבער, הויט און ביינער,
קומט און זעצט זיך אויף מיין בעט.
אַ מין אָנזאָגער אַזוינער —
אַ שטאַפּעט.

ווייס איך: יענער אַלטער בריקל,
וועלכער פֿירט די צייט אַריין
פֿונם נעכטן צו דעם מאָרגן,
ברעכט איצט איין.

ער הייבט אויף אַ דין קולאַקל,
בייז צעלאַכט זיך אויף אַ קול:
אַט דאָס זינגסטו איצט דיין לידל
שוין צום לעצטן מאָל!

ג.

ביסטו עס דער סוף? ס׳איז די לופט דאָך נאָך קלאָר.
עס ווינקען נאָך סודות פון לעבן וואוהין,
דער הימל איז בלוי און די גראָז איז נאָך גרין,
ס׳איז זומער נאָך גאָר.

זאָל זיין אַזוי. ניט איך קלאָג, ניט איך פרעג.
כ׳האָב שיינע פאַרנאַכטן געהאַט און פאַרטאָגן;
און ס׳האָבן מיר בלומען אַ שמייכל געטראָגן
פון ביידע זייט וועג.

ד.

ווי עס פרעסט מיר דאָס האַרץ אין די שלאָפלאָזע נעכט,
ווי ס׳איז שווער מיר דער יאָך אין די נעכט אָן אַ שלאָף,
זאָל איך שטרעקן די האַנט און צערייסן די באַנד,
איין רים טאָן די באַנד — און אַ סוף?

אָבער ליכטיק ווערט פרי. ס׳קלאַפט דער מאָרגן מיר אָן
אין מיין פענצטערל שטיל, העל און זויבער ביז גאָר.
ניין, איך שטרעק ניט די האַנט, ניין, איך רייס ניט די באַנד,
נאָך אַ ווײַלע מיין האַרץ, נאָך אַ האָר.

ה.

נעם מיין האַנט אין דיינע ביידע גוטע הענט,
דו ברודער מיין.
מיר ווייסן ביידע: עס וועט די געשטורעמטע שיף
אין האַפן ניט אַריין.

טרייסט מיר, איינציקער, מיט גוטע רייד,
ס׳איז ביטער מיר.
מיר ווייסן ביידע: עס וועט דאָס פאַרבלאָנדזשעטע קינד
ניט זען דער מאַמעס טיר.

וואָרט

איך קען אויך געפּוצטע ווערטער
און מליצות אָן אַ ברעג,
וועלכע שפּריינגען-אום אין גאווה
און זיי וואַרפן אָן אַ שרעק.

אָבער ליב האָב איך דאָס וואָרט נאָר,
וואָס איז ערלעך ווי אַ קינד,
און ווי ערד איז עס באַשיידן —
על-כן שווייג איך גאָר אַצינד.

וועסטו אויך אין שטילקייט הערן
מיינע פּראָסטע ווערטער היינט?
וועסט זיי היטן ווי אַ מאַמע,
ווי אַ ברודער, ווי אַ פריינד?

גיב נאָך מיר דיין טעכטערל אַ נאָמען...

גיב נאָך מיר דיין טעכטערל אַ נאָמען,
אַ אָנדענק צו פאַרבינדן.
ס'איז אומעטיק אַזוי אינגאַנצן צו פאַרשווינדן.

מיין פאַריתומדיקן שיר,
וואָס פאַרשטומט פאַרנאַכט מיט מיר,
וועט זי ווייטער שפּינען־זינגען מאָרגן פרי.

און מיין פעדימל פון זייד
וועט זיך ווידער וועבן צו איר קינד און קינדס־קינד
ווייט־ווייט־ווייט.

אויב באַשערט האָט מיר דער גורל...

אויב באַשערט האָט מיר דער גורל
לעבן ווייט פון דיין געצעלט, —
לאָז, כנרת, לאָז מיך רוען
אויף דיין בית־הקברות־פעלד.

אין זיין אײַנוויגנדן אומעט
הערשט קיין טויטע שטילקייט ניט,
ווען עס הילכט פון וועג אַריבער
מונטער־הויך אַן אַרבעטס־ליד.

און דער אָנדענק פון זײַן עולם
איז פאַרפלאָכטן נאָך אין באַנד,
און אַ ביימל — אַ מצבה
בענטשט פון אויבן ווי אַ האַנט.

אויב באַשערט האָט מיר דער גורל
לעבן ווייט פון דיין געצעלט —
וועל איך קומען שוין, כנרת,
רוען אויף דיין קברות־פעלד.

נעכטיקע טעג...

ס׳איז דער טאָג נאָך ניט טויט, ס׳איז דער הימל נאָך רויט,
אַ פאַרנאַכטיקע שטילקייט איז פרוכטלאָז פאַרשפרייט.
פאַר מעשהלעך פוסטע די ריכטיקסטע צייט:
„אַמאָל איז געווען אַ מיידעלע ווייט...

„אַמאָל איז געווען אַ מיידל אַ בריאה,
געאיילט נאָכן אַקער, די האַנט פול מיט זריעה...
ניטאָ שוין די צייטן, די וועגן צום פעלד
האָט דער גורל אויף אייביק, אויף אייביק פאַרשטעלט...

האָט דער גורל פאַרשטעלט, נאָך אַ ווייל — און ס׳איז אויס.
פון אַלע פיר זייטן אַ שטורעם ברעכט אויס"...
— הער־אויף שוין, דו אומעט, זאָל נעמען אַ ברעג
צו מעשהלעך פוסטע פון נעכטיקע טעג.

מיינע טויטע

רק המתים לא ימותו...
י. ש. ק.

זיי אַליין נאָר בלײַבן, נאָר אין זיי אַליין
קען דער טויט ניט וואַרפן זיין פאַרסמטן שטיין.

שיידן זיך די וועגן, קומט דער אָוונט שטום.
זאַמלען זיי זיך לאַנגזאַם, רינגלען מיך אַרום.

אונדזער בונד איז הייליק, קען צעשטערט ניט זײַן.
וואָס איך האָב פאַרלאָרן — בלײַבט אויף אייביק מײַן.

דוד פויגל

יידיש—מרדכי יאָפּע

„פאַרן טונקעלן טויער"

א.

שטילער אָוונט גיסט אַריין זיך
דורכן פענצטער
און פילט אָן דעם צימער.

אונטער ראַנד פון פרעמדע שאָטנס,
לעבן שוואַרצער שטילקייט
ליג איך,
און מיין האַרץ נאָגט
מיט אַ ווייטאָג.

פון דער ווייטקייט
איינזאַם שפּילט מיר אַ טראָמפּייטל
צאַרטע לידעלעך פון קינדהייט.

און ווייטער דאָרף מיינס,
וואָס איז פאַרגעסן,
דערנענטערט שטיל זיך צום געלעגער,
און ציט זיך אויס ביי מיר צופוסנס.

אונטער ראַנד פון פרעמדע שאָטנס,
לעבן שוואַרצער שטילקייט
ליג איך —
און מיין האַרץ נאָגט
מיט אַ ווייטאָג.

ב.

לעבן מיר איצט שלאָפסטו, קינד מיינס,
ס׳גלעט דיך שטיל די האַנט פון מאַמע
דיינע ראָזע, פּוכקע
פיסלעך.

אַנגעלענט אויף אונדזער שטוב איז
שווערע נאַכט שוין —
און איך האָב די פאָרהאַנגען אַראָפּגעלאָזן.

ווי אַן איינזאַם שטערן,
שלײַכט איצט טרויעריק דיין טאַטע
צווישן בערג דאָרט.

וואָס זוכט דער טריבער טאַטע
צווישן בערג דאָרט?

אויך אין בלוי פון דיינע אויגן
טיפע
רוט אַ בענקשאַפט שוין אַ גרויסע,
קינד מיינס.

באַלד פון מיר וועסטו אויך —
אַוועקגיין.

ג.

איך האָב געזען מיין פאָטער, וואָס׳ט פאַרזונקען
אין כוואַליעס פון די יאָרן;
זיין שוואַכע האַנט האָט אויפגעבלייכט נאָך
צו דער ווייטקייט —
און ניטאָ אים.

כ׳האָב איינזאַם אומגעשלײַכט ביי זייער ברעג אַלץ
— און כ׳בין אַ קינד נאָך
און מיינע פיסלעך קליינע, דינע —
און איך בין אויסגעוואַקסן.

און איך ווי דו בין, פאָטער,
און די כוואַליעס פון די יאָרן —
אויך אויף מיר אַריבער,
און כ׳בין פון זיי געוואָרן מיד שוין.

און אַלץ וואָס איז געווען מיר הייליק —
אַוועק אין מדבר.
און כ'שטרעק מיין האַנט ניט קיינעם.

ס'איז גוט מיר, אַז איך רו זיך אָפּעט
אין בעטל פון דער נאַכט דער שוואַרצער,
און איבער מיר די הימלס=חופּה
מיט אירע זילבער=פּינטלעך.

ד.

די קלאַנגען, וואָס דרעמלען אויף פּיאַנאָ,
ווען זיי וועקן אויף זיך אין אָוונט —
זיצן מיר שטיל און פאַרוואונדערט.

ווייל פּלוצלונג פאַרזינקען זיי שטיל אין דעם טונקל,
און באַלד בליען אויף זיי פון ווייטקייט
און רירן=אָן סטרונעס, וואָס דרעמלען אין האַרצן
פון שטענדיק,
ווי פאַרביקע פלאַטערלעך, ווען זיי באַרירן
די בלימלעך פון פעלדער.

מיר ווייסן ניט דאַן שוין: קיין אָנהייב, קיין סוף ניט.
און אויך זיך אַליין ניט. — — —

די קלאַנגען, וואָס דרעמלען אויף פּיאַנאָ.

ה.

אַ שוואַרצער פאָרהאַנג
באַדעקן וועט דעם טאָג,
אבלים וועלן מיר זיך אומקערן פון טאָג.

וואָס וועלן זאָגן איינע מיר די צווייטע?

אין טייכן
רוען וועלן טונק'לע
די דערטרונקענע, געשוואָלן;

קליינע, העלע פינטלעך
וועלן פון דער הויך ניט לייכטן.

פון אַלע שיפן,
וואָס עס האָבן ווען געזונקען,
וועט אויפגיין די געדיכטע שטילקייט
און אויסשפרייטן אויף וועלט זיך.

אַן עופעלע אַ חרובֿס
וועט אויסהויבן אין שטילקייט זיין נשמה,
און קומען און קלאַפּן וועט זי
אין אונדזער האַרצן.

יע, מיר זיינען די שטומע.
וואָס וועלן זאָגן איינע מיר די צווייטע? —

ו.

אַ וואָגן אַן איינציקער, לעצטער אין וועג אַריין גרייט איז,
לאָמיר זיך זעצן און פאָרן,
ווייל ער וואַרט ניט.

כ׳האָב געזען, עס גייען יונגע מיידלעך,
און זייערע פנימלעך האָבן
געדרויטלט־באַטריבט־זיך,
ווי פורפור־שקיעות.

קינדערלעך פוכקע און ראָזע,
געגנאַנגען נאַאיוו זיך,
ווייל מ׳האָט זיי גערופן.

געזען האָב איך מענטשן,
וואָס האָבן געשלייכט אויף די גאַסן פון וועלט אַזוי שטאָלץ־זיך,
די אויגן די גרויסע —
געצילט אין דער ווייטקייט —
אויף זיי זיינען רואיק אַריין שוין
און אַוועקגעפאָרן.

מיר זיינען די לעצטע,
דער טאָג לאָזט אַראָפּ זיך,
אַ וואָגן אַן איינציקער, לעצטער איז גרייט צו דעם וועג.שוין ;
לאָמיר=זשע שווייגנד אַריינגיין
און פאָרן אויך מיר, —
ווײַל ער וואַרט ניט.

ישראל אפרת — יידיש—מרדכי יאָפּע

LA SOURCE

(דער קוואַל)

ביים ראַנד פון פעלזן, צווישן ברוינע צוויי דאָרט שטייט זי
אַ נאַקעטע. די פינגער פון די פיס דערגרייכן
דעם ברעג פון סאַזשעלקע. און אינם וואַסער
זיך שפּיגלט אָפּ דער ווייסער, דינער קערפּער פון אַ מיידל.
אויף אַקסל האַלט אַ קרוג זי און גאָר כּתּם, אַזוי זיך
זי בויגט דעם קרוג אַיבן און עס גיסט זיך שטיל דאָס וואַסער.
די אויגן אירע הענגען זיך פאַרוואונדערט אָן דער שיינקייט
פון טונקלען טאָל, וואָס רוט אין שאָטן און אין שטילקייט,
וואָס אין זיין לופט האָט עפּעס וואָס דערשפּירט זיך מיט איר קומען:
אַ רויזלעכער קאָליר, אַ וואַר׳מע בענקשאַפט...
זי וואונדערט זיך, ניט וויסנדיק, אַז זי אַליין איז
דער וואונדער, וואָס אַנטפּלעקט זיך און אַנטפּלעקט...

ביים ראַנד פון פעלזן, צווישן צוויי צעבּרוינטע פעלזן —
אַ נאַקעט קערפּער... אָ, ווער וועט מיר דערקלערן
דעם סוד פון אָט דעם וועזן, וואָס עס בלייבט אין טונקל
מיט שטריכן, וואָס פאַררונדן זיך, פאַרשיכורן,
מיט ליכט און שאָטן? ווער וועט מיר דערציילן,
פאַרוואָס ווען זי באַווייזט זיך—בּלוט און האַרץ און וועלטן
דערשפּירן פּלוצלונג זיך ווי עפּעס פון אַ קראַפט געצויגן
און יעדע ליכט אין לייכטער פון דער וועלט צינדט אָן זיך
און אַלע פלעמלעך ציען צו איר פלאַם זיך,
און אַלצדינג וואָס עס עקזיסטירט באַקומט זיין תיקון?...
אָ, גאָט, אַ שטומער טו איך פאַר דיר קניען...

וואו גייסטו...

וואו גייסטו, מיין שוועסטער, וואו גייסטו אַליין דיך,
ס׳איז ווייט דאָך אַזוי און פאַרנעפּלט דער וועג דאָך?
—„קוק, זעסטו דעם שטערנדל פונם פרימאָרגן,
מיין טייערער! ער וועט באַלויכטן מיין שטעג דאָך״.

וואַרט־אויף־זשע, מיין שוועסטער, וואַרט־אויף נאָר אַ רגע,
דער טויט וואַרט אויף דיר—און פאַר אים איז ניט שפּעט שוין;
—„עס קלייבן זיך אויבן שוין שיינע מלאכים,
צו זינגען אין צייט דעם פרימאָרגן געבעט־שוין״...

מיט וועמען, מיין שוועסטער, אָ, לאָזסטו מיך איבער
אין מיאוסער וועלט, פול מיט פיין און מיט שימל?
—„פאַר ליידן, פאַר זיפצן, פאַר גרויליקע צרות,
פון פיינפולן תהום גייט אַ שטעג־אויף צום הימל״...

און וועןזשע, מיין שוועסטער, און ווען וועסטו קומען
צוריק אין מיין האַרצן און פרייען מיט מיר זיך?
—„ביינאַכט, אויף אַ צאַרט־בלייכן שטראַל פון לבנה
אַראָפּלאָזן כ׳וועל ווי אַ חלום צו דיר זיך״.

א ו מ ע ט

איך בין אַזוי נאָנט דאָך צום לאַנד פון מײַן חלום,
פאַרוואָס האָט מײַן פרייד זיך פאַרבאָרגן?
צי דען אַז מיר גרייכן דעם שפּיץ פונם גליק שוין,
מיר ווערן פאַרכאַפּט באַלד פון זאָרגן?

שטיל! ווער־זשע צעגיסט אין אַ שאַרף־קלינגנדיק ליד זיך,
און ס׳בויערט און בויערט דער ניגון,
אַזוי ווי אַ שרויף, דורך דער גלאָזיקער שטילקייט? —
מײַן אָוונט אויף שיף טוט זיך וויגן.

אָ, ברודער! איך האָב דיך דערקענט דאָך. בײַ מײַן פאָלק ווי דײַנעם
דער ניגון איז דין און געשליפן,
און לעבערט ניט ווילנדיק דורך אויך די פרייד שוין,
און ס׳הייבט אָן מיט אומעט צו טריפן...

מנחם=זלמן וואָלפּאָווסקי — יידיש—מרדכי יאָפּע

אין גליל
דער חרמון

די זון פאַרגייט.
אויף שולטערן פון ברידער, קאַרליקלעך, בלויקעפיק,
דערהויבט דער חרמון זיך אין צפון=ווינקל שווייגעוודיקערהייט.
און ער איז וואונדערלעך באַשטראַלט...
ווי אַ לעגענדע ווײַט און אַלט,
וואָס ווערט דערציילט אַמאָל פאַר דיכטער און פאַר קינדער
איז — צו און שטיל זיך דאָ אַוועקגעשטעלט
ביז לעצטן טאָג פון וועלט...
בן=אָדם, טרוימער, נעם און שטײַג!
מיט דיין באַגער קום נאָנט אַהער —
און קוק און שווײַג:
איך, חרמון, בין אַ באַרג אור=אַלט און שטאָלץ און הויך,
איך בין — אַ טרוים דאָך אויך...

האַרבסט

האָט אַ גאַנצע נאַכט געזונגען
דער כנרת. און פרימאָרגן
ווי אַ טשאַטע פייגלעך קליינע, ווייסע,
האָבן צוגעדעקט דעם וואַסער:
די כוואַליעס — רוישנדיק געשפּרונגען...
דער קיניג חרמון,
אַ גרויער און פאַרטראַכטער,
האָט שטיל זיין קרוין פון קאָפּ דערהויבן...
ווי פון אַ חלום האָט אַ קליינע ווייל דערוואַכט ער
און פאַרזונקען ווידער אין אַ לאַנג־דערציילטער מעשה.
טריב געקוקט האָט ער אויף ווייסטע בערג און הימל,
און אים צופוסנס זיינען בלויע קאַרליקלעך געלעגן אין אַ דרימל...

— — — — — — — — — — — —

און דאָ און דאָרטן צווישן בערגער־שפּאַלטן —
געבלאָנדזשעט שאָטן און אַ וואָלקן האָט געהויערט.
און זון געדרעמלט האָט פאַרטרויערט
און האָט זיך שטילערהייט באַהאַלטן...
האָט ים געזונגען איבער שיינער ווייסטעניש ביי אים צוקאָפּנס —
און האַרבסט אַראָפּ איז.

———

אורי־צבי גרינבערג   יידיש — אליעזר הײמאַן

פון דער פּאָעמע „די קהלות הקודש אין גלות"

איך קום ניט טרײסטן, װײל יעדער טרײסטער נאָר שלעפּערט־אײַן,
און פאַרטראָגן קען איך ניט די װײטאָגדיקע שטילקײט אויף דער װאָג
אין יאַטקע נאָך האַלב טאָג.
און כ׳קען אויך ניט זײַן דער, װאָס שװימט אויף אַ ברעט איבער ים,
אַזוי טאָג און אַזוי נאַכט,
אַפילו אָן אַן אָפּנאַר־אויסקוק אויף אַ זעגל פון אַ שיף, װאָס
קומט אָן צו ראַטעװען.
און שטײן קען איך ניט מיט די װײך־האַרציקע בײם ברעג פון ים
און קוקן װי ס׳צעבראָכן זיך די זילבערנע לבנה־טעלערלעך
און עס באַװײנען.
גרעסער װי דער ים איז אײַער טרויער, מײַנע ײדן!
און איבער אײַך הענגט שטענדיק אַזאַ טרויער־װאָלקן,
װאָס איר װײנט אוים מיט ציטער אים ביזן לעצטן טראָפּן.
אײַער פלײש איז פאַרשװעכט און פאַרפּײניקט; איך בין אַ טײל
פון דעם.
און מײַנע װערטער — זײ פאַרמאָגן נישט דעם לײבן־אויפגעשרײ
און גרימצאָרן פון די אור־אַלטע נביאים פון ציון.
אָבער די ירושה: פונם פײַער און פון יענעם צאָרן,
װאָס האָט אַרויסגעשריען אין העברעאיש — איז געװוים פאַראַן אין
מײַנע בלוטן!
אָ, איך באַגער אין אײַער האַרץ אויף פלאַם־צעפלאַקערן די קראַפט
װאָס עפּנט־אויף פאַרטרערטע אויגן: [פון טרויער,
אַרונטערװאַרפן פײגל, װאָס פאַרן זיך אין אַלע בײמערס נעסטן
און אָנשיקן די פאַרב פון גרויען בלעטער־װאָלק אויף אַלע
פרײדיקע קאָלירן אין דער װעלט.

און פֿאַרשפּרייטן איבער ערד־קויל
שאָטנס גליענדיקע פֿון אַ גרויליקער באַשעפֿעניש פֿון אַ צווייטער
ווירקלעכקייט —
אײַער צעווייטאָגטער גורל איז אין די הענט פֿון אַ לײַדנדיקן גאָט,
אַ מאַריך־אַף, וואָס קוקט אויף אײַער בלוט־פֿאַרגוס ווי עמיצער
וואָס קוקט אין תהום אַרײַן —
אַזוי דור־אײַן אַזוי דור־אויס.
אַזוי קוקט זיך די לבנה אויפֿן בלוט אין שלאַכט־פֿעלד — און
שאַ און שטיל...
אײַערע תּפֿילות די אָנצאָליקע זײַנען דאָך ניט מערער ווי די
טרעפּ אויפֿן אייביקן קולות־לייטער,
און אַזוי זײַנען אויך אײַערע געשרייען; נישטאָ קיין בראַנד־וואונד
אינם הימל...
אין אײַערע גאַסן שוועבט אַרום דער גרויזאַמער סוד פֿון שלאַכט־פֿעלד
נאָך אַ קריג און רעגן — און ווײַטער גאָרנישט.
נאָכדעם ווי איר קלײַבט צוזאַמען אײַערע הרוגים פֿון בלאָטיקן
בלוט־פֿאַרגליווערונג,
פֿון די מיסט אויף די גאַסן און פֿון פֿאַרפֿלעקטן שניי —
און איר זײַט זיי מקבר אויפֿן יידישן שטיקל פֿעלד
אין דער שונאימס ערד — —
אַן וואַנזין און אָן לונגען־פּלאַצעניש, נאָר מיט פֿיל געוויין און קלאָג;
און דאַן קערט איר זיך אום צו אײַער האַנדל, צום עסן און געטראַנק
און איר שלאָפֿט אײַער שלאָף אַזוי: צווישן איין פּראָגראַם און צווייטן —
און אַזוי ווי עס ווערט נעלם פֿונם שפּיגל־האַרץ
דאָס געשטאַלט פֿון די וואָס גייען אַוועק און קערן זיך ניט אום, —
אַזוי פֿאַרשווינדט פֿון אײַער האַרץ
דאָס געשטאַלט פֿון אַלע טײַערע, וואָס זײַנען געהרגעט געוואָרן.
אָבער איך געדענק אָט אַלע די אין זייער אייגן־בלוט־פֿאַרפּליוצט־
היט־אײַן און געדענק זיי; [געוואָרענע געזיכטער;
פֿון יענער טיפֿער אייביקער מינוט אָן, ווען זייערע יסורים האָבן
אויפֿגעהערט,
די מינוט, ווען זיי זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואַקס

און דאָס בלוט איז געפלאָסן ווי טרערן איבער דער געטלעכער
ערד אָן יעדן קלאָגן זיך...

און די צעקרימטע מײַלער זייערע — וואָס זײַנען? —
זיי זײַנען טויערן, וואָס עפּענען זיך און פירן אין טרויערן אַרײַן — —
פאַר זיי, די טויטע, וואָס זײַנען שטויב און ערד און ביינער שוין,
אַזוי ווי פאַר אײַך, וואָס לעבן אין די לענדער פון געפאַנגשאַפט, זינג איך:
איך בין בלוט פון אײַער בלוט, וואָס שרײַט אַרויס פון די דורות־
ברונימער.

איך גיב אײַך אָפּ מײַן כוח פון מײַן האַלדז, מײַן מויל, מײַן לשון־קודש
און מיינע הענט, וואָס האַלטן אָט די פען פון אַ מקונן — —

ייִדיש—מרדכי יאָפע

די מלכים פון עמק

פון דער פּאָעמע „טור מלכא״

וואָס פאַר אַ ווערט האָט די קרוין פון מלכים און וואָס איז די
שיינקייט, וואָס דיכטער
אויף אַלערליי שפּראַכן אין וועלט האָבן תמיד געזונגען
פאַר מלכות אין פּאַלאַץ?
וואָס איז דאָס בלוט אינם גוף פונם מלך און וואָס איז דער וואונדער?

געקומען .אַ צײַט — שטיין אַ שטאָלצער אַפילו אין גאָר
און טאַקע אויף באָרוועס, [אַ צעריסענעם בגד,
און ווייַזן דעם ווערט פון די אייג׳נע צעקרעמפּטע צען פינגער,
און וואָס ס׳איז די ערד פאַר מענטשן גאָר איינפאַך און פּשוט!

און לערנען דער דור זאָל דעם אָפּמאַך פון אונדזער באַהערשן די
וויסטע,
וואָס איז דאָ געשריבן דורך זייער עקסילענץ די באָרוועסע יידן
אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.
מיר האָבן געלערנט די רויטקייט פון יידישן בלוט, וואָס עס האָט
זיך געגאָסן אין גאַסן,
און ס׳בלוט האָט געפּליסט אויף די פעלדער און האָט געמאַכט פעט זיי.
און ס׳האָבן עַהֲלים מיט פרייד זיי געשניטן, געזונגען בײַם זאַמלען
די תבואה.
און יידן אין זייער באַהעלטעניש האָבן געוויינט דאַן מיט בלוט
אין די שויסן — —

ווייַזן מיר איצטער, ווי פרוכטבאַר ס׳וועט זײַן אונדזער טייל אין
דער דאָזיקער וויסטע,
און ווייַזן, פאַרוואָס איז ניטאָ קיינע בגדים פון פּורפּור פאַר
עמקס מלכים...

יוסף ליכטנבוים

יידיש—מרדכי יאָפּע

ט ר אָ פּ נ ס

א.

מײַן שטילע תּפילה האָט אין זיך קיין ווערטער —
זי טריפֿט פֿון האַרץ, ווי טראָפּנס טוי וואָס שטראַלן;
פֿון לײַכטע וואָלקנס טריפֿן זיי אויף פֿעלדער,
און ווי קריסטאַל אויף טײַכן זיי צעפֿאַלן.

נאָר קליינע טראָפּנס טרינקט מײַן קוואַל פֿון לעבן,
מײַן תּפילה אויך אין טראָפּנדלעך צעפֿאַלט זי —
נאָר דעם געשריי פֿון לײַדנדער נשמה
און די ענויים מיינע גרויסע האַלט זי...

ב.

איך ווייס ניט ווער׳סט געשעפּטשעט מיר די תּפילה:
אויב אָוונטיקע ווינטלעך, וואָס עס בלאָזן,
אויב גאָלדן שטראָמכל, וואָס עס פֿליסט אין ווײַטנס,
צי שטיל געשעפּטשעט האָבן איר די גראָזן.

און אפֿשר גאָר אַ וואָלקנדל אויף הימל?
אויף פֿעלד אַ שטענגל? צי דער טוי אין טריפֿן?
און אפֿשר האָט מײַן האַרץ אַרײַנגענאָמען
אין איר זײַן ווייטאָג אומגעהייער טיפֿן?

ג.

איך בין דאָ איינזאַם. זי איז אויך מסתּמא...
און ס׳איז מתוודה זיך פֿאַר איר נאָך מײַן נשמה,
און גיסט איר גרויסע טענה אויס און פּיין וואָס צערט מיך,
נישט וויסנדיק, צי זעט זי מיך און הערט מיך.

איך בין אַליין דאָ. זי—אַוועקגעגאַנגען...
פאַרוואָס־זשע נאָגט מײַן האַרץ מיך מיט פאַרלאַנגען?
און איר געשטאַלט אַרום מיר שוועבט און ציטערט,
און איך—איך שטיי נאָך אויף די קני פאַרביטערט...

ד.

איך האָב געלאַכט און האָב געוויינט אַזוי פיל:
ווען אַלץ האָב איך געליבט, האָט גאָר געקלעמט מיך,
און פרייליך—ווען איך בין געבליבן איינזאַם —
און סײַ דער טרויער, סײַ די פרייד איז פרעמד מיר.

איך האָב געלאַכט און האָב געוויינט אַזוי פיל —
פאַרוואָס־זשע, סײַ געטרויערט, סײַ געקוויקט זיך,
האָט ניט באַרואיקט זיך מײַן זעל פון ווייטאָג,
און ס'האָט מײַן נאַריש האַרץ נאָך ניט פאַרוויגט זיך?

ה.

עס ציען וואָלקנס זיך אַריבער פעלדער
און שליסן זיך איך בערג אַזוי צוזאַמען;
עס טרעפט, איך זע אײַך שוועבן אויפן הימל
ווי זעגלען טרוימענדע אויף ווײַטע ימען.

איר גייט זיך שטיל און ציט זיך אין דער ווײַטקייט
און טראָגט דאָך שטורעם נאָר אין אַלע זײַטן —
ווי איר, אָ, וואָלקנס, איז דאָך מײַן נשמה,
אַ פרעמדע א שווייגנדע פאַר לײַטן.

ו.

אַ שווײַגעוודיקע וועלט ליגט שטיל אין איר פאַרגאַפטקייט,
אַן אייביק פרידלעכקייט האָט אַלץ באַדעקט —
די גאַנצע וועלט האָט אויפגעוואַכט פון בענקשאַפט־אומעט,
און קיינער זוכט קײַן זאַך, און קיינער פרעגט.

און נאָר מײַן זעל אַלײן באַרויבט איז פֿון אַן אָפּרו,
און אײנזאַם, װי אַ פֿײגעלע אויף בוים.
ס׳ליגט פֿרעמדער טרויער אויף די װײַטע שטרעקעס,
אויף דער פֿאַרגאַפּטער װעלט, װאָס רוט אין טרוים.

ז.

איך האָב געחלומט פֿון מײַן שטאָם־לאַנד,
װאָס ס׳האָט געבענקט מײַן האַרץ פֿון לאַנג — —
מיט שטעקל און מיט לײַכטן רענצל
אויף פֿעלדער איז געװוען מײַן גאַנג.

די זון געשטראַלט האָט מיר פֿון הימל
אויף פֿעלד און לאָנקע מיט אַ פֿרײד;
און איך האָב פֿון געפֿיל און קלאַנגען
אַ שײנעם פֿאָרהאַנג זיך געשפּרײט.

ח.

דער זומער שױן אַװעק. נאָר ס׳ציטערן נאָך שטראַלן
אויף גאַנצן גרינעם פֿעלד, װאָס רוט אין פֿריען יעסן;
און אויפֿן שפּיגל פֿונם טײַך און מײַנע װײעס
אַ שװאַכע שײַן פֿון האַרבסט־זון ראַנגלט זיך אין לעשן.

אוי, זון, באַהאַלט זיך! — זאָלן װעלקן אַלע בלומען,
פֿאַרכמורעט זײַן דער טײַך, די אויגן — אַן נחמה;
און אויפֿן הימל־הויך זאָל הויערן אַ טרויער,
װאָס ס׳זאָל אין אים נאָר לײַטערן זיך די נשמה.

ט.

אַזױ פֿיל טרוימען קומען מיטן אָװנט!
זײ זײַנען פֿול מיט טענער און מיט קלאַנגען,
און פֿול מיט בלומען־דופֿט און פֿעלדער־ריח,
און נאַכט־מלאכים, װאָס עס פֿליען אויף פֿאַרלאַנגען.

די טרוימען זײַנען מײַנע — אָבער פרעמד מיר,
און זייער פלי און זייער שטים איז פרעמד מיר —
צי האָט דער טרויער מײַנער זיי געבוירן,
צי אפשר וועלטן-טרויער, וואָס פאַרנעמט מיך?

ו.

נשמה מײַנע, וויין ניט, מײַן נשמה!
עס לאָזט אַראָפּ אַ שטילקייט זיך אַ טריבע;
קיין שטים, קיין קלאַנג, קיין וואָרט און קיין געמורמל,
און נישט קיין טרוימען, האָפענונגען ליבע...

אויף מײַנע אויגן פאַרהאַנגען צעפּאַלן —
די זון פאַרגאַנגען שוין, דער טאָג בײַם סוף שוין — —
און אויף מײַן קאָפּ, וואָס שווײַגנד איז געזונקען,
שוועבט אין דער פינצטער פליגל פונם שלאָף שוין...

אלישבע — **ייִדיש—ה. י. פּאָרט**

אָוונטיקס

ס׳קלינגען־אוים גלאָקן אַ תּפילה אין אָוונט,
פרום ענטפערט דער וואַלד באַלד ווי אָפּ;
גלאָק־בלימל הוידעט אין שאָטנס פון סאָסנעס
און שאָקלט שטיל צו מיסן קאָפּ.

בלויאָויגיק און טרוימיש פאַרגאַפט פון דער שטילקייט,
ער גיט זיך בייטאָג ניט קיין ריר;
נאָר אָוונט־צייט בויגן אים ווינטעלעך מילדע,
ווען ס׳קלינגען די גלאָקן אַ שיר.

ס׳ברענען נאָך וואָלקנס... אין וואַלד אָבער ציטערט
אַן אומעטיק־זילבערנער קלאַנג:
— פאַרענדיקט דער טאָג שוין... איצט דאַרף מען שוין זינגען
אַן אומעטיק אָוונט־געזאַנג.

די גלעקער, זיי רופן צו נאַכט און צו פרידן
און שאָטנדיק ווערט שוין און שטיל;
דער וואַלד נאָר ער שעפּטשעט: אַ יום־טוב איז מאָרגן,
האָט ער צו דאַוונען נאָך פיל.

יצחק למדן

יידיש—מרדכי יאָפע

פונם בוך „מסדה"

פון דער תליה

ווער שטייגט דאָ־אויף און טרעט אין שטילקייט?
— איינער וואָס אַראָפּגעפאַלן, איינער וואָס עס איז געוואָרן ניצול
פון דער תליה.

מיינע אויגן — שוין אַרויסגעשפּרונגען פון די לעבער,
ס'האָט מיין צונג אַ קללה שוין אויף אַלץ געוואָרפן —
און בין געוואָרן ניצול.

אין שוים מסדהס נורע איך מיין קאָפּ איין
און איך פרעג זיך:
וואָס־זשע זאָל איך טאָן מיט אָט דעם שטיקל שטריקל,
וואָס עס באַמבלט זיך נאָך אויף מיין האַלדז איצט? — — — —

אַ יונגער קרבן

און ווער ביסטו, ווער שטייגסט דאָ מיט געזאַנג אויף
און ס'איז זיין קאָפּ מיט טראָפּנס טוי פול?
— ניין, נישט קיין טראָפּנס טוי, נאָר טרערן
פון גוטע טאַטע־מאַמע אויף קאָפּ פון זייער
בן־יחיד, ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקגיין.
געיאָמערט האָט די מוטער און געוויינט דער פאָטער:
„וואו גייסטו? ביסט דאָך יונג,
אַזוי נאָך יונג און צאַרט?"
און איך געענטפערט האָב זיי האַרט:

„נו, פטור!
אַ יונגער קרבן איז דאָך מער באַוויליקט!" —
און בין אַוועק.
און אָט אַזוי איך גיי מיר מיט געזאַנג אויף,
און אויב אַפילו נאַס מיין קאָפּ פון טרערן —
בין איך אויכעט גליקלעך!
איך ווייס, אַז אין די ציטערנדע הענט איצט
דאָרט ווייגען שטאַרק מיין טאַטע־מאַמע,
און איך האָב, אוי, אַזוי דאָך ליב זיי...
נאָר די לעגענדע פון מסדה אַזוי שיין איז,
און ס'מאַניעט מיך אַזוי דער רייץ פון פעסטונג, —
ווען טאַטע־מאַמע ווייסן נאָר פון דער לעגענדע,
אָ, וואָלטן זיי שוין ניט געוויינט, וואָס זייער איינציק קינד איז
צו איר אַוועקגעגאַנגען...

אַן איבערבלייַב

און ווער ביסטו, וואָס שטייַגט מיט שווערע, שטומע טריט אויף?
— אַן איבערבלייַבעניש.
איינער אָפּגעבליבן בין איך אין דער גרויסער שחיטה
פון פאָטער און פון מוטער, פון ברידער און פון שוועסטער;
אויף מיר דערבאַרעמט האָט זיך אַ פוסטע פעסל אינם הויפס אַ ווינקל,
און כ׳בין געווען אין איר ווי אַ קינד אין טראַכט פון מוטער —
און אָפּגעבליבן בין איך — — —

און טעג נאָך טעג אין גורל־שוים האָב איך געוויינט און זיך געבעטן:
אָ, דו האָסט דאָך פאַרחתמעט, אַז איך זאָל פאַרבלייבן —
אָ, זאָג, צו וואָס נאָך?
אויב וועלט און מענטשנס שאַנד צו טראָגן
און נאָגלען עם פאַר דורות —
לאָז אָפּ מיך! פאַר וועלט איז דאָס קיין שאַנד ניט, —
זי גרויסט זיך גאָר מיט דעם נאָך!
און אויב דו האָסט געלאָזן מיך פאַר אַ פאַרגעבונג —
טאָ ענטפער, גורל, וואו איז?
און בעטנדיק אַזוי זיך, אַ קול פון ערגעץ האָט געענטפערט:
„אין מסדה!"
און כ׳האָב געפאָלגט דעם קול און בין געקומען.
שטומע טריט זיי פירן מיך צום מויער,
ווי שטום עם זיינען אַלע טריט, וואָס טראָגן
דעם שרעק פאַר דאָס, וואָס איז פאַרבאָרגן...

הויך איז, הויך מסדהס פעסטונג,
דערפאַר איז טיף אַזוי דער תהום, וואָס ליגט ביי איר צופוסן — —
און דאַן — אויב ס׳האָט גענאַרט די שטים וואָס רופט מיך —
פון הויכער פעסטונג אינם תהום
אַראָפּוואַרפן וועל איך זיך,
און בלייבן זאָל פון מיר ניש
קיין שריד און קיין פליט! — — —

יידיש—יהושע לאצמאַן

שפּייז-קאַראַוואַנעם

מיט געזאַנג און פּויקן, אָנגעלאָדן אַלדאָס גוטס, גייען מיר צו פעסטונג,
פולע הויפנס פול מיט הערצער און דעם גאָלד פון חלומות,
אין יוגנט-קרוג פול מיט בלוטן.
און הענגלעך צניטיק לעבן אין קערב פון ליבע וועלן מיר דאָ ברענגען,
אַלס אַ קרבן, אַ מתנה פאַר די קריגער אין מסדה!
עפן, פעסטונג, דיינע שפּייכלער, וואָס עס שטייען איצטער ליידיק,
וועלן מיר אין זיי פאַרלאָדן אונדזערע לעבנס אויף די יאָרן פון מלחמה, ווי מיט תבואה,
ווייל וויסטע זיינען נאָך די פעלדער פון מסדה און צעטרינקט,
און ווער ווייס, ווי לאַנג באַלאַגער און מלחמה וועלן זיך דאָ נאָך ציען?
און ביזקל יאָרן קומען זאַטע, און רעגנס קומען אין דער צייט אָן,
און טוי וועט פאַלן נאַכט-אין-נאַכט אויף פעלדער —
און די קאַסע פון נצחון וועט די ברכה פון די פעלדער שניידן זיכער —
נעם-אָן אונדזער צניטיק לעבן — שפּייז פאַר דיינע הונגעריקע קריגער,
און די קוואַלן פון אונדזער יוגנט — אַ געטראַנק פאַר די, וואָס דאָרשטן!

פאַראַנען נעכט...

נעכט פאַראַנען אין מסדה — שווערע און אויף שלעכטס פאַרטראַכטע,
ווי שווער פליגלדיקע, שוואַרצע פייגל זינקען זיי אַראָפּ צו פעמ־ונג,
כדי נאָך פינצטערער זאָל ווערן דער וועג פאַר קריגער און זיך
שליסן,
און די קריגער זאָלן פאַלן שוואַכע, פאַרגעסנדיק די זון פון מאָרגן...
אַ טרער אַ גרויסע און אַ שווערע הענגט, ניט זעבאַר, אין דער לופטן
עפּעס רירט איר און זי ציטערט — פאַלט, ווי אַ שטיין צום סוף
אַראָפּעט.
שטיקט געוויין זיך אין דער פינצטער, ריר אַ שטיין אָן — ער
צעשרייט זיך, אָן אַ ביימל — עס צעוויינט זיך...
די פּנים'רן צעלייגטע האַלטן איצט ביים אויסגיין, און די הענט
אַזוינע מידע:
קיינער לייגט ניט צו קיין צווייגל, ניטאָ ווער ס'פּנים'ער זאָל צעבלאָזן.
די בּיטאָגיקע גבורים ליגן מידע אויסגעוועלגערט, איינזאַם און
באַזונדער,
און פון שוואַרצע קוואַלן שטומע טרינקען, זופּן זיי דעם טרויער.
טרויער, טרויער — — —
אָט אין נעכט אַזוינע זעען דאָך מסדהס קינדער יענעם שרעקלעכן
וואָס לויערט —

נאָר כּל־זמן די האַנט טרעט אָן אַ בויגן, און דאָס אויג איז נאָך
ניט מיד פאָראויס צו קוקן,
ברענגט מען אויף די ליפּן ניט זײַן נאָמען — ס׳איז דאָס פּנים
פֿון פֿאַרצווייפֿלונג.
אָט אין נעכט אַזוינע זײַנען הימלען אין מסדר אָנגעצויגן, ווי די
פֿעלן אויף פֿאַרשטויבטע פּויקן.
נאָך אַ ווײַלע—און די טרויערפֿולע הענט פֿון קריגער, מָרי נפש,
ווען צו איין פּויסט אַ גרויסן זיך צוזאַמענקראַמפּן און מיט אים—
אַ זעץ אין מיטן הימל!
און זאָל ער פּלאַצן, זאָל אַרויס זײַן אָטעם! אַן אָטעם פֿון אַ פּויק
אַ שווײַגער, אַ פֿאַרפֿ׳רער!
נאָר ווײ, הענט זײַנען מידע, און באַהאַלטן ליגן די צונויפֿגעבאַלטע
ניטאָ ווער ס׳זאָל זיי אויף אַרויף דערהויבן. [פויסטן —
און איבער אויסגעלאָשענע שטעטהויפֿנס שטרויכלען קריגער,
פֿאַלן, קניען
און דערציילן און צעגיסן אין דער פֿינצטער זייער טרויער...

יידיש—מרדכי יאָפּע

די תּפילה

צו די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון פ״עמדע תּליות און דער־
גרייכט די וואַנט פון פעסטונג—
מאַך, גאָט, אַז זייער טריט זאָל זיך ניט אויסגליטשן, זיי זאָלן
ניט פאַלן —
ווײַל זיי שטרויכלען נאָך און ווײַנען נאָך פאַרמאַטערט.
צו די, פאַר וועמען פינצטער ווײַנען אַלע זונען אין די זיבן הימלען
פון דער וועלט שוין,
הענג אויף, דערבאַרעמדיקער גאָט, די לעצטע זון אין הימל
פון מסדה.
ווײַל אויב ס׳וועט פינצטער זײַן פאַר זיי אויך די זון, וואו
וועלן גיין זיי?
צו די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אונטער פרעמדע פאַנגען
בײַ די שבאים אומות און געקומען נאַקעט,

גיב, גאָט, אײן העמד זיי, װעלכע זאָל זיי װאַר׳מען און באַדעקן
זייער נאַקעטקייט, געפלאָגט פון פיבער...

און די, בײַ װעמען ס׳האָט ניט אָפּגעטריקנט נאָך די מוטער־מילך
פון ליפּן...
און ס׳שװעבט נאָך אויף דער באַק דער װאַר׳מער גלעט פון
פאָטער —
אָ, גאָט, מאַך לײַכטער זייער עלנטקייט, און זײַ אַ פאָטער זיי,
אַ היטער,
דער צאַרטער אָרעם זייערער זאָל אויסהאַלטן דעם שװערן פאַנצער,
מאַך װייך די שטיינער פון מסדה אונטער זייערע צוקאָפּנס, װען
זיי װערן מיד שוין!
צו די, װאָס האָבן דאָ פאַרזייט מיט טרערן זאַט פון האָפ׳נונגען
און טרוימען —
ניט אויסשלאָגן זאָל אים דער טרויער־האָגל, און פאַרטריקענען —
די הייסע חמסין־װינטן,
שיק, גאָט, אַ גרויסן רעגן פון נחמה, און דער נאַכט־טוי זאָל אים
מאַכן פרוכטבאַר,
און ביז צום פולן שניט אים מאַכן צײַטיק!

צו די, װאָס נאָכן װאַלגערן אויף דער ערד זיך, מיט חורבן־אַש
אויף קאָפּ נאָך
און טרויער־זעק אויף לענדן — אַרויף אויף פעסטונג זוכן טרייסט
אין שטרײַטן —
גיב, גאָט, זיי מער געדולד, גיב מער געדולד װען טרייסט פאַר־
שפּעטיקט!
צו די, װאָס שכינה פונם פאָלק האָט זיי באַלאָדן מיט איר גורל־
רעטעניש,
זיי זאָלן פּותר זײַן אים, ברענגען צו דעם טויער פון אַן אויסװעג —
גיב כּוח, גאָט, גיב פעסטקייט זיי צו טראָגן אָט די משא,
ביז יענער גרענעץ, װאָס די עצבות׳דיקע שכינה האָט געזען בנבואה...
מסדהס קריגער זײַנען מיד שוין. שװער די משא פונם ביסל,

וואָס זײַנען אויסגעשטאַנען אַלע שלאַכטן, אויסגעשטעלט די ברוסט
אַנטקעגן אַלע פײַלן,
איידער אויסגעפּרוווט געוואָרן זײַנען זיי אין איין געפּעכט עקשנות=
אויף איין=און=איינציק ערד=פּאַס — [דיקן, לאַנגן
דערמוטיק זיי, אָ, גאָט, און זאָלן ניט אויסגעלאָשן ווערן די פלאַ=
מען פון רעוואָלט,
וואָס זיי האָבן צו דער פעסטונג מיטגעבראַכט, ווי ליכט פאַר
אין בין=השמשות פון דער וועלט. [שבת=קודש

ווען ס'לאָזט די נאַכט אַראָפּ זיך אויף דער פעסטונג — לאָז די
פײַערן ניט אויסגייין!
פון שוואַרצע האָריזאָנטן גייט עס אויף אַן עלנט, וואָס וואַרפט אָן
אַ פּחד.
אויף לאַגער=בערגלעך שלײַכט אַרום דער צווייפל און ער שעפּ=
טשעט עפּעס,
און די אויערן פון די פאַרמאַטערטע פאַרנעמען אָט דעם שעפּטשען...
זכרונות פון נעכטן מאַכן אָפּהענטיק און וואַרפן קעפּ געשטרעקטע,
וואָס רײַסן זיך פאָראויס — פאַרמאַטערטע אַהינטער;
חלומות פאַלשע ברענגען מורא און פאַרווירונג צווישן אָט די קריגער,
און אין די רייען שנײַדט אַ טרויער=סערפּ — און גרויס די צאָל
פון די וואָס פאַלן.
צי איז נאָך ווייניק, וואָס די שלאַכט עסט אויף, וואָס זײַנען זיי
אויף מסרה און אויף אירע קריגער? [נאָך אויפגעשטאַנען

פאַרוואָס=זשע לעשן אויס זיך אַלע שטערן, אינאיינעם מיט די
פײַערן פון פעסטונג,
און איינער בלײַבט נאָר איבער—דער פאַלשער שטערן פון ישראל,
און ער צעפינקלט זיך נאָך מערער מיט אַ שײַן פון גרויל און שרעקן,
און שטעכט אַרײַן די שטראַלן אין די שפּאַלטן פון דער פעסטונג
און באַלויכט דעם דרויסן
צו דעם כאַאָס, אָ, צום כאַאָס דאָרט אַלץ נאָך — — —

זוי לאַנג וועט בלאָנדזשען נאָך די קראַנקע האַנט פון פאָלק מיט בלינדע פינגער צו נחמה?

אָ, גאָט, דו זעסט: די האַנט איז אויסגעשטרעקט, פון ים און מדבר איז געשטרעקט זי,

און ס'ליגט אין איר דער לעצטער חלום, וואָס זי האָט אַרויס־געשעפּט פון נעכט גאָר שלאָפלאָז:—

מ ס ד ה.

אין אָט די הענט פון קליינעם ביסעלע פון פעסטונג ליגט דער חלום און זײַן פּתרון,

צי וועסט ניט, גאָט, אויך אָט דאָס מאָל רחמנות האָבן און באַווײליקן דעם חלום,

און ווערסט ניט קערן זיך צו די קרבנות פונם פּתרון איצטער אויך ניט — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָ, גאָט, באַשיץ מסדה!

שמעון האַלקין — **יידיש—מרדכי יאָפּע**

נ ע כ ט

נעכט געפילט מיט ריינקייט, נעכט געבענטשט מיט קדושה,
אײַער ציטערנד פליגל וועט דאָך מיך פאַרהיטן,
כ׳זאָל אײַך ניט מטמא זײַן, אײַך ניט פאַרשוועכן.

נאַכט — אַ בלויע פידל, זײַדן־בלויע פידל,
וויינט זי מיט פאַרלאַנג, ווען ס׳רירט איר שכינהס האַנט אָן,
וואָס אין אירע סטרונעס וועבט אַרײַן איר בענקשאַפט.

בענקענדיקע שכינה, מוטער פון נחמה,
שפּרייט אויף מיר דײַן פליגל, טו פון מיר דעם צער אָפּ:
הייליק מיר דער טרער מײַנס, הייליק די באַגערן.

בענקענדיקע שכינה, מוטער פון פאַרלאַנגען,
זײַ מיט מיר, אָ, מוטער, איך ווי דו בין איינזאַם,
כ׳האָב קיין צויבער־פידל פאַר זיך און פאַר מײַן בענקשאַפט.

נעמען כ׳וועל דײַן פידל און איך וועל אַ שפּיל טאָן,
און פון קלאַנג — אַ שטערן ווערן וועט ווי דײַנער,
און אין נאַכט־שניי וועט מײַן טרער ווי דײַנער לויכטן.

ברוך קאַצענעלסאָן — יידיש—מרדכי יאָפּע

כ׳האָב ליב...

כ׳האָב ליב צו זיצן לעבן טײַך אין אָוונט
און זען, ווי ליכטער גייען־אויף אין טונקל.

דאָס מידע האַרץ רוט אָפּ־זיך אין דעם רויש פון כוואַליעס,
און צאַרטע גליק רוט שטיל אין מײַנע אויגן.

איך קוק אַזוי אויף וועלט, וואָס וואָרקעט ווי אַ טויב,
כ׳וויל איר אַרומנעמען און צודריקן צום האַרצן.

וואָס נאָך פאַרלאַנגט דער מענטש? דאָס וואָרט פון גאָט
פאַלט אויף מײַן נאַקן — ווי אַ קאַלטער טראָפּן אויף אַ שטיין.

כ׳שפּריים־אויס מײַן לעבן, ווי אַ צודעק אויפן טײַך,
און טרעט אויף כוואַליעס צו דעם האַר פון וועלטן.

ס'לעבן מיינס איינזאַם...

ס'לעבן מײַנס איינזאַם אין וועלט איז,
אַזוי ווי דער משכּן אין מדבּר.

פֿאַרגעסן גאָטס וואָרט. און אין האַרץ
האַלבּע נאַכט ליגט אַן אַלטער געוויין.

אין דער פֿרי כּ'וועק מײַן טאָג אויף,
זאָל ער גיין זען דאָס לעבן.

ווען ער קומט מיד אין אָוונט,
מאַך איך־צו אים די אויגן.

אויפֿן בּרעג פֿונם טײַך
דרעמלען טעג פֿון עלטער.

ס'זיינען ערגעץ פאַראַנען נאָך ביימער...

ס'זיינען ערגעץ פאַראַנען נאָך ביימער,
און קינדערלעך לאַכן און שטיפן.

און שיין איז די רייד פון חכמים,
ווי טרויער אין שאָטן פון פריידן.

די וועלט איז ווי אַביזוערנע שינעס,
און מענטשן — זיי קומען און גייען.

צו וואָס זאָל איך בונטעווען זיך?
אַ טרער פון גאָטס אויג נאָר בין איך.

אַ מ י י ד ל

זי זיצט בײַם פּיאַנאָ אין שטילער נאַכט
און אירע פינגער טריפן טרויער און פאַרלאַנגען.
האָרכט זיך אײַן, און אירע אויגן אָפן אין אַ טרוימען:
איינער שעפּטשעט אַ־ר פון ליבע — אין די אויגן אַ קאָרשון ליגט.
שטערן פאַלן לעבעדיקע אינם שלונג פון נאַכט...
קאָפּ וואָס אײַנגעגנורעט אינם קישן ברענט: פאַרגעס זיך!
שטורעמדיקער ים צעשמעטערט זײַנע כוואַליעס אָן די פעלזן...
אַ טרויערנדע מוטער וויגט אַ ליידיק וויגל.
(שטילקייט. שטילקייט. אָ, געבענטשטע שטילקייט!)
אויף הענט געשטרעקט צום הימל שוועבט דער האַר פון וועלטן.

זי זיצט בײַם פּיאַנאָ אין שטילער נאַכט.
האַרץ אירס — אַ לבנה שלאָגט־זיך דורך אַ וועג דורך וואָלקנס,
און אירע הענט זיי קלאַפּן אָן די טויערן פון וועלט:
— אַרויסגיין!

אברהם שלאָנסקי יידיש—מרדכי יאָפּע

צו טאַטע-מאַמע

א.

מיר האָבן פֿיסלעך קלייניקע געהאַט דאַן
(גאָטס עופֿעלעך! אוי, טאַטע-מאַמעס פֿאַרגעניגן!)
און האָבן ליב געהאַט צו טאָפּטשען יעדע בלאָטקע,
און יעדע רינווע, וואָס מ׳האָט געקענט נאָר קריגן.

ווײַל גוט דער רעגן איז פֿאַר דעם, וואָס וואַרט אויף אים,
אויף פֿעלדער רואיקע צו ביסלעך;
נאָר טויזנט מאָל איז בעסער נאָך גאָטס רעגן
פֿאַר די, וואָס האָבן קליינע פֿיסלעך.

ווײַל וואָס איז בעסער ווי אַרויסדרייען פֿון שטוב זיך,
ווען ס׳הערט דער רעגן אויף, אויף גאַסן,
און מיט די באָרוועס-קליינע פֿיסלעך לויפֿן, פּאַטשן
די טראָטואַרן, וואָס עס זײַנען פֿול צעוואַשן.

און נאָכדעם, ווען גאָר ווײַט, גאָר ווײַט — צו ערגעץ
קאַנאַלבעלעך פֿון וואַסער לויפֿן פֿריי און גרינגער,
דאָס טייג פֿון ערד צו קנעטן ווייך און פֿילן
די צינגעלעך פֿון בלאָטע צווישן פֿינגער.

אָ, זײַט געבענטשט, איר קליינע פֿיסלעך,
אויף וויסטע, ווײַטע וועלטנס וועגן.
און לויב צו גאָט,
וואָס גיט פֿאַר קליינע קינדער רעגן.

ב.

און איצטער — זײַנען שווער די פֿיס שוין,
און אײַער זון איז מיר שוין, מײַנע ליבע.
באַווײַנט אים נישט. איז ווינציק דען ווי ער דאָ
אויף גרויסער וועלט די מידע און די טריבע?

געדענקסטו, טאַטע: ווילד דײַן זון געווען איז.
און מאַמע ט'אָנגעשריען: אַזוינער און אַזוינער!
און דו ביסט קלוג געווען, און האָסט געזאָגט נביאות:
ס'וועט עפּעס זײַן נאָך אָט דער קליינער.

אוי, טאַטע, ס'איז מקוים שוין געוואָרן
דײַן נבואה גאָר נישט פֿריידיק.
דער קעלנער גיסט שוין גאָר ניט גערן
אין כוס פֿון מײַן נשמה וואָס איז ליידיק.

שוין האַרבסט. קיין ראָד קריצט אין מײַן הויף נישט.
דער זאַמיק לער. די טיר פֿאַרהאַקט. פֿון דרויסן
קומט קיינער. און ס'גייט קיינער ניט אַרויסעט, ווײ מיר — —
אוי, טאַטע-מאַמע, איך בין גרויס שוין.

ג.

כ'וויים: יעדע נאַכט אויף אײַערע געלעגערס
טוט איר תּפֿילה פֿאַר מײַן זעל די קראַנקע, טריבע.
אָ, טאַטע-מאַמע, טײַערסטע און ליבסטע,
איך בין ניט ווערט דאָך אײַער גרויסע ליבע.

איך בין ניט ווערט דאָך אײַער טרײַהײַט און רחמנות.
די טויערן פֿון תּשובה וועלן נישט פֿאַר מיר זײַן אָפֿן.
און ווען ס'וועט נידערן גאָטס רעגן אויף גאָטס ערדן —
נישט אײַער זון אויף אים וועט וואַרטן, האָפֿן.

נישט אײַער זון װעט דאַן אַרױסגײן באַרװעס,
צו ציִען רינװעס װאַסער פריִע;
און נישט צו אים דורך פענצטער װעלן
צעפינקלען אױגן גוטע, מריִע.

און מענטשן האָבן דאָ פאַרזײט און װײער פעלד געשניטן,
און נײַער זאַט אין הײמלאַנד-פעלד אַרײַן דאָך;
און פילע רעגנס זײַנען שױן געפאַלן,
און פילע רעגנס װעלן זײַן נאָך.

אָ, פילע רעגנס זײַנען שױן געפאַלן —
און נישט צו זײ געװען כ׳בין אױסן.
אָ, איך בין מיד שױן, מאַמעלע...
אײַ, טאַטע-טאַטעלע, כ׳בין גרױס שױן.

יצחק נעמט אויף זיך דאָס האַלדז...

יצחק נעמט אויף זיך דאָס האַלדז, צו זײַן אַ קרבן.
און זײַן קרייץ טראָגט — יעזוס.
און מײַן ברודער האָט אַ טעכטערל וואָס לאַכט אַלץ,
און מײַן חבר אַקערט מיטן שווייס פון פנים —
אַקערט זיך די ערד גאָר —
איך נאָר דריי אַרום זיך מ׳שטיינס געזאָגט אין גאַסן
און איך מאַך אַ גאַנצן שטורעם אין דעם גלאָז פון מײַן נשמה.

נו,
וויל איך צובינדן מײַן האַרץ, וו׳אַ הונט צום איינזאַמקייט־קאַנורע,
און צו זיך אַ ביל־טאָן:
— שוטה,
בין ווי לאַנג וועסטו נאָך בילן אויף די דורכגייער, אויף אַלעם?
גיי און לעק די האַנט פון פראָסטקייט, די געבענטשטע,
און שווײַג.
נאָר ס׳וואָרטשעט מײַן עקשנותדיקער הונט גאָר,
און גריזשעט, בײַסט זײַן קייט.

גאָט מײַנער!
שווערער מאַך דײַן יאָך אויף מיר — און כ׳וועל געהאָלפן!

ש ב ת

— — די קוימענס פון שיף האָבן אויפגעהערט רויכנען
עס וויינט שוין ניט מער די סירענע.
און שבת אַראָפּ אויף מײַן לאַנד, וועלכע רוט זיך
ווי'אַ באָבע אויף איר „צאינה וראינה”.

ווייל זיבן דאָך זיינען די טעג וואָס די וואָך האָט,
און זיבן פּין מנורה די רערן.
און ווער ס'האָט געצונדן די מנורה אין האַרצן,
וועט גיסן דאָס בוימל שוין גערן.

אָ, גיס-זשע דאָס בוימל, און זע וויפיל לויב איז
פון גילדערנעם בעכער צעפלאָסן
אויף דעכער, שאָסייען, אויף זאַמדן אין לאַנד מיינס —
דיין האַנט האָט דאָך, גאָט, דאָס צעגאָסן!

געדענקסט: ווי מיר האָבן געזונגען אויף שיפן,
אין האַרצן — בטחון אַפולע:
„אַז יידן פאָרן קיין ארץ-ישראל,
אַ שמחה וועט זיין און אַ גדולה”.

צי האָסטו פאַרגעסן? דיין האַנט האָט געשפּרייט דאָך
די זעגלען אויף ימים וואָס רוישן.
מיר זיינען דאָך ראוי צו זיצן די ערשטע
ביים טיש פון דיין שבת דעם גרויסן. — — —

יצחק זילבערשלאַג יידיש—מרדכי יאָפּע

לידער פון אַ מיידל

א.

כ׳האָב געוועלט אַ קליין געשאַנק נאָר,
ווי אַן אָרעמע, וואָס האָט נישט
נים קיין דאַך און נישט קיין מלבוש.
און דו׳סט אַרײַנגעזעצט מיך אין אַ פּאַלאַץ
און מיך פאַרהילט אין זײַדנס.

און דו אַרויפגעלייגט די הענט האָסט
אויף מיין גליענדיקן שולטער.
כ׳בין פאַרווירט. עס דרייט דער קאָפּ זיך.
נעם מיך אָן און דריק מיך פעסטער.
פליגלען שפּראָצן אויף מיין אַקסל.

ב.

אין מיין טרוים אַ פּרינץ אַ שיינער
אין אַ גאָלדענער קאַרעטע
ט׳מיך אַוועקגעפירט צו זיינע
וואונדער־וועלדער און פּאַלאַצן.

דעריבער ווען כ׳האָב דיך געטראָפן,
האָב איך גלייך דערקענט דיך, ליבסטער,
ווײַל דו ביסט ווי יענער פּרינץ דאָך,
וואָס איך האָב געזען אין טרוים דאַן.

ג.

דו באַשאַפסט אין נעכט פון ליבשאַפט
וואונדער־לענדער פונם בלוט דײַנס;

מיך באַשאַפּסט: יעדער טאָג אַלץ,
יעדע שעה און יעדע רגע.
קוקסט און זעסט: ווי איך צעבליט בין,
ווי אַ בלום פאַרפלייצט פון זוגען.
קוקסט און זעסט: איך טאַנץ און דריי זיך
צווישן שטערן ווי'אַ לונאַטיק.
קוקסט און זעסט: מיין האַרץ עס ציטערט.
ס'ברענט דיין ליכטיק בליק אין האַרץ מיינם.
וואו=זשע איז דער וועג צום הימל?

אַ ניו־יאָרקער נאַכט

סוף־זומער־נאַכט. דער נאַכט־געוועלב
פאַרנעמט די גאַנצע שטאָט, וואָס ליגט זיך אַ צעגליטע!
באַטויבט פון שטיקנדיקער היץ, אַרומגיין לאָמיר אין די גאַסן,
און לאָמיר אומבלאָנקען צווישן שטויב און רויכן,
וואָס הייבן זיך אין הייכן, צווישן מוראדיקע פעלזן,
וואָס האָבן אָנגעזויגן זיך אַ גאַנצן טאָג פון זון־בריסט
און שפּייען איצט מיט פלאַמען אונדז אין פּנים.
ווי מידע הינט, מיט אויסגעשטרעקטע צינגער, לאָמיר לויפן
און אַנטרינען אינם גאָרטן. לאָמיר טרינקען דאָרט די בלויקייט,
וואָס טריפט פון ביימער און פון צווייגן.
און לאָמיר כאָטש אַ ווײַל פאַרזינקען אין די בלויע טרוימען
אויף אָט דעם שטיקל אינזל, וואָס פאַרנעמט מיט ציטער
דעם רויש פון ריזן־שטאָט, וואָס ס׳קלינגט ווי וואַסער־פאַלן ווייטע.

אברהם ברוידעס | יידיש — ל. סטאָצקי

אין שפּאַן

אַ העלער טרוים,
אַ חלום אויפן וואַר
האָט אויפגעשטראַלט פאַר מיר.
און מיין צערודערטער געמיט
האָט אויפגעברויזט אין שטורעם און געדראַנג.

פון וויטן מדבר אַ סאַמום
האָט אומגעשטירצט מיין שול־באַנק, אַלץ צעבראָכן,
פאַרשלײַדערט ווײַט מיין לערן־ביכל,
צעשמעטערט אַלע קינדישע באַגערן;
מיין פענצטער אויפגעפּראַלט האָט דער געזאַנג פון מאָרגן —
און כ׳בין אַוועק
אין דער עַליה — — — —

איך —
אַ יונגלינג נאָך, אַ קינד;
ניט אויסגעטריקנט נאָך דאָס מוטער־מילך
אויף מיינע תּמימותדיקע ליפּן.
און כ׳לעק שוין, ווי אַ טרייער הונט,
דער היימלאַנדס אויסגעדאַרטע, קראַנקע הענט
און כ׳קוש־אויס יעדעם זעמדל פון איר ערד.

איך בראָט זיך אין דער גליענדיקער זון,
באַלאָדן מיט שטאָלצן האַמער אויפן אַקסל.
איך לערן זיך אַרומנעמען אַ רידל, ווי אַ פריינד,
מיט מיינע הענט מאַזאָליעדיק באַקרוינטע,
צו שלעפּן עמערס זאַמד און זיבויף פולע,

צו שפּאַלטן פּעסער בײַכיקע צעמענט,
צו קנעטן דעם געמיש, צו פּרעסן דעם בעטאָן, —
אַזש פונקען זאָלן שפּריצן
און די גערדערים זאָלן קריכן.

איך שלינג אַראָפּ די פּאָרוואורפן פון האַר און אַרבעטסגעבער,
איך קען פאַרדײַען אַ בליק פון מיטגעפיל,
צי אויך אַ קוק פול שפּאָט —
און ס'פּלאַצט מיר ניט די גאַל.

כ'קען בלאָנקען זיך אין גאַס מיט קעשענעס צעלעכערט,
מיט סטאַרטשענדיקע מײַלער אין די שיך,
מיט שמאַטעס אויפן לײַב,
מיט אַ געבראָום אין הונגעריקן מאָגן,
און — הוליע, קבצן, טאַנץ!
און מאַלע-וואָס איך האָב זיך דאָ געלערנט — — — —

אָ, פאָטער, ליבער האַר, באַשעפער פון דער וועלט!
איין טאָג כאָטש רו און פרייד
שענק מיר, דײַן שוואַכן קינד!
גיב כוחות מיר צו שלעפּן מײַנע מידע פיס
און מורמלען אין מײַן נויט דאָס אָרעמע געזאַנג,
ווײַל כ'בין שוין, ווי אַן אייזל, אויסגעמאַטערט,
און, ווי אַ קעמל, איבערמיד — — — —

ייִדיש—שלום ברעגמאַן

ניט אומזיסט...

א.

מיר פּשוטע בויער פון אייגענעם הײמלאַנד,
טראָגן געבענטשטע יסורים
מיט פלאַמענדע אויגן.
מיר זײַנען אַ ליכטיקער בליץ אין וואָלקנדע הימלען,
אַ בליענדער אינזל אין וויסטקייט פון מדבר.
מיר שנײַדן אַ וועג דורך גיפטיקע זומפּן
און טרעטן אויף שטעכיקע דערנער.
דאָ ווערן פאַרשטײנערט די קינדערשע אַקסלען,
פאַראײַזנט די פּוכיקע הענט.
מיר רײַסן ריזיקע פעלזן מיט אימפּעט
און שטורמען פאַרחלומטע בערג.

ב.

ניט אומזיסט, מײַנע ברידער, טריפט אונדזער שוויס,
פליסט אונדזער בלוט
אין די דאָרשטיקע זאַמדן
און ס'פלאַקערן גופים אין חמסיניקע טעג!
מיר זײַנען געבר‏ענטע עקשנים פון דורות,
שלעפּן אַ יאָך מיט פאַרביסענע ליפּן
און טאַנצן אַ „הוירא" פאַרמאַטערטהײט...

מיר ווייסן:
עס וועט נאָך דאָ שמעקן די זאַפטיקע תבואה
פון פאַרשאָלטענע בלאָטעס
און שפּראָצן אַ דופּטיקער פרילינג
מיט הילכיקע פּויערשע לידער
אויף אייגענער ייִדישער ערד — — — —

הלל בבלי
יידיש—מרדכי יאָפע

דער אָפּשייד־כּוס

פֿאָלקס־לעגענדע

אין הויז פֿון לוואָווער רבֿ דאָרט שוועבט און שפּרייט דער שרעק זיך:
דער גאון חכם־צבֿי ער גרייט אין לאַנגען וועג זיך...

אַרום אים שטייען אַלע עלטסטע פֿון געמיינדע
טרויעריק און דערשלאָגן. ווי שווער איז איצט צו שטיין דאָ!

ס׳ווערט צוגענומען זייער רבי, ליכט און קרוין דאָך.
ווער׳ט פֿירן זיי אויף ווײַטער? ווי בלײַבן איצט אַליין דאָך.

און פּלוצלונג רירט דער שטאַרבנדער און הייבט פֿון אָרט זיך,
און צו דעם גאַנצן עולם ציט זײַן לעצטער וואָרט זיך:

„אַ גרויסן בעכער ווײַן הייסט מיר תּיכּף געבן,
און לאָמיך טרינקען, איידער כ׳שייד זיך אָפּ פֿון לעבן".

דער כּוס איז אָנגעגאָסן. און אַלע גאַפֿן, קוקן
אויף אָט דעם פּנים, וואָס עס טוט זיך פֿײַנלעך צוקן.

דאַן זאָגט דער חכם־צבֿי: „ניט זײַט אַזוי צעטראָגן!
איך וועל אײַך איצט קיין גרויסע, קײַן טיפֿע זאַכן זאָגן.

אַ לעבן־לאַנג געפּײַניקט דעם גוף—מײַן גאַנץ מתּנה —
און האָב זיך נאָר געקימערט, געזאָרגט פֿאַר מײַן נשמה.

און כ׳וויל איצט איבערבעטן מײַן גוף, ווי אַלע גופֿים,
אַז ער זאָל אויך געניסן, און מיך צום דין ניט רופֿן".

און תּיכּף האָט דער רבֿ געמאַכט אַ ברכה העכער,
און האָט מיט גרויס כּוונה אויסגעזויפֿט דעם בעכער.

שמואל באַס — **יידיש—מרדכי יאָפע**

מיין הונט

ווי איך ליב דאָס האַרץ מײַנס,
האָב איך ליב דיך, הונט מײַנס!
ווײַל דרייסט ביסטו דאָך און פאַרוואונדעט.
ביל־ושע מיטן גאַנצן האַרצן, ביל!

ביז העלער טאָג ווערט,
דײַן אויער נעמט־אויף יעדן טריט...
ציטערסט־אויף בײַ יעדן שאָרך,
יעדן צייכן נעמסטו אויף,
און מיט איעדן שאָטן פירסטו קריג:
ווער איז?
ביל־ושע מיטן גאַנצן האַרצן, ביל!
ווי איך ליב דאָס האַרץ מײַנס — האָב איך ליב דיך!

כ׳בין אַ ברודער פאַר אָט די, וואָס בילן אינם חלל,
און, פונקט ווי איך, זיי פרעגן:
ווער איז?...
דו האָסט זיך אויף מיר, מײַן הונט, דערבאַרעמט
אַז צו מיר האָסט אויפגעהויבן דײַנע אויגן,
ווען ס׳האָט אויפגעבליט דער אָוונט.

דײַן שוואַרצאַפּל טריפט מיט צער און ווייטאָג
און ליבע אָן אַ סוף.
אין זייער בליאַסק — דער חן פון זיבן הימלען;
אין זיי שטײַגט־אויף דער גאָט וואָס איז אין דיר געפאַנגען
און קאָן נישט ריידן...
קלאַפּ־אָן־ושע מיטן פיסל אויף מײַן האַרצן —
און איך עפן.

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אַנטלויף, מײַן ברודער־הונט, פֿון
רשות־הרבים,
פֿון יענעמס שטעקן, פֿון שטויב פֿון וועגן.
אַהינטער פּאַרקאַן לאָמיר ביידע גלײַך זיך לייגן — — —
ווײַל דו ביסט מיר דאָך אויך.
דו רו זיך אָפּ אַ ווײַלע —
דערנאָך —
נעם גריזשען, הונט, די ביינער פֿון מײַן אומעט
מיט דײַן וואָיען!

יוסף-צבי רמון   יידיש — מרדכי יאָפע

ס'האַרץ מיינם אויף אַ האָר הענגט...

ס'האַרץ מיינם אויף אַ האָר הענגט,
ס'האַרץ גייט-אויס פאַר בענקשאַפט,
ס'ציט זיך לאַנג דאָס וואַרטן
און אויף בעט פון מיינע טרוימען גיי איך אויס באַלד.

פרינץ פון טרוימען בין איך,
אָבער גאָט פאַרצוימט מיין וועג האָט;
איצט וועט זיצן די בת-מלכה,
ביז די האָר וועט ווערן גרוי איר,
איך — פאַרוואָרפן אין דער פרעמד זיין
און אין קעשענע — די פאַלאַץ-שליסלען.

איך בין שוין אין שָׂרון...

איך בין שוין אין שרון,
טרייסט-זיך מיט די בלומען;
הארץ מיינס ציט צו בלומען,
ס'הארץ גייט-אויס נאָך בלומען, —
ווינט כ'בין קראנק פאר ליבע,
האָב איך קיין אנדער טרייסט ניט,
נאָר אין בלומען.

אויפן ברעג כּנרת...

אויפן ברעג כּנרת
בענק איך צו דעם ים דעם גרויסן;
ליב האָב איך דעם ים־ריז...
פונם ברעג דעם ים דעם גרויסן
בענק איך צו כנרת;
ליב האָב איך דעם קלאַנג פון בענקשאַפט...
און דערפאַר איז האַרץ צעכוואַליעט
און אונטער טרוימען־שלייער זינגט עס...

כ׳האָב ליב די פעלזן פון מיין לאַנד...

כ׳האָב ליב די פעלזן פון מיין לאַנד
אויף אירע בערג.
ס׳איז יעדער שטיין — געזאַנג...
איך קלעטער אויף די פעלזן,
און אין מיין האַרצן וועקט אַ ליד זיך:
אָט די האָבן ווי איך געלעבט,
געחלומט האָבן זיי, געבענקט, —
דער חלום האָט זיך ניט פאַרווירקלעכט —
און זיי — פאַרוואַנדלט זיך אין שטיינער...

אויף קברים פון קדושים...

אויף קברים פון די קדושים
בין איך מתפלל;
כ׳האָב זיי ליב ווי די פעלדער פון בלומען
וואָס אין זיי איז באַהאַלטן.
און איך בין מתפלל פאַר גלויבן,
פאַר ליבע,
און ס׳האַרץ איז פאַרביידן
די זעלבע...

כ׳האָב ליב באַגעג׳נען סטאַדעס שעפסן...

כ׳האָב ליב, באַגעג׳נען סטאַדעס שעפסן
אויפן וועג,
און הערן זייער בלעקען, מעקען —
מע!... מע!...
און זייער פנים אויכעט —
מע!... מע!...
און גאַנצע וועלט, ווי זיי — פאַרוואונדערט:
מע?!... מע?!...

י. בת־מרים **יידיש — מרדכי יאָפע**

און דו ביסט ניטאָ...

צו רחלס אָנדענק

און דו ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ;
ערגעץ־דאָרט ווי געפלאַנצט און צעשפּראָצטע.
באַוואַקסט פון דער שטילקייט פון ערד און פון הימלען,
אַן איינזאַמער שטיין נאָר אַ ווײַסער
טוט איבער דיין קבר דאָרט דרימלען.

און דו ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ.
טעג — אַ צעפלאַטערטע סטײַע פון פייגלען,
פונקט ווי אויף דעק פון אַ שיף אַ צעבראָכענע,
הענגען זיך איינער אָן צווייטן,
דראַפּען זיך איינער אָן צווייטן,
מיט שטומע געשרייען,
וואָס אינם חלל ווי שוים זיי צעגייען:
ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ.

און ווײסט ווײנען מיר היינט די גאַסן אָן דיר,
פוסט און פאַרלאָזן —
אַזוי ווי אין גאָר־אַלטע טעמפּלען,
די טריט מיינע ציטערן, עפּעס פאַרוואונדערט, פאַרגאַפטע אין זיך נאָר.
הויך און ווייער איינזאַם
פאַלט אין זיי דער אָפּקלאַנג — — —
און דו ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ.
און ס'טרעפט, ווען די רויטקייט פון טאָג גייט אַריבער די ברעגן
און ווערט ווי אַ טײַך, —
אין זײַן אָפּגרונט: אַ באַרג, אַ בוים און — איך.

שווימען, שווימען, שווימען:
ריחות, פאַרבן, שטימען,
און זין פון זאַכן, וואָס דערוואַכן פון אַמאָל.
ווי גרינס און ווי בלוי פונס וואַסער —
און דו נעמסט ווידער לעבן,
אַן אומבאַרירטע, ווי אַ וואָלקן,
ווי אַן אָנדענק וואָס מען זעט ניט,
נאָר עקסיסטירסט אין שטומקייט פון פאַרבאָרגענעם מהות דיינס
און שטייגסט־אויף ווי אַ דאַמף פון דר׳ערד.

און דו ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ.
דיין נאָמען טראָגט זיך ווי די קליידער
פון אַ דערטרונקענע. דיין נאָמען גייט און ער צעשפּרייט זיך
ווי צירקלען אויף אַ וואַסער,
ווען ס׳איז אַ שטיין אַריינגעפאַלן,
אַ שטיין אַן איינזאַמער, אַ ווייסער;
און דו ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ, ביסט ניטאָ.

באַמערקונגען

משה אבן־עזרא: „מעדזינס"

פֿין זיין גרעסטער פּאָעמע „תרשיש", וואָס באַשטייט פֿון צוועלף הונדערט און צען קליינע, מערסטנס, פֿיר־שורהדיקע לידער, בגמטריא פֿון תרשיש.

„מעדזין" איז אַ פּערסישע פֿאָרם פֿון סטאַנצן, אין וועלכע דער גראַם באַשטייט פֿון ווערטער, וואָס האָבן דעם זעלביקן קלאַנג, אָבער אַן אַנדער באַדייטונג.

אברהם אבן־עזרא: „דער מענטש באַשווינט דעם אָרט"

דעם דאָזיקן עפּיגראַם האָט דער ראב"ע אָנגעשריבן, נאָכדעם ווי מ'האָט אים ערגעץ איינגעזעצט אויף אַ מאָלצייט, און אים האָט מען אָוועקגעזעצט ביים ברעג טיש, און איינעם פֿון די רייכע — אויבנאָן.

מאיר פֿון ראָטנבורג: „קלאָג־ליד"

איינער פֿון די וויכטיקסטע בעלי־התוספות אין דייטשלאַנד. האָט פֿאַרפֿאַסט איבערצייכנטע פּיוטים. דער באַקאַנטסטער פּיוט איז „שאלה שרופה באש" — אַ קלאָג־ליד אויף דער פֿאַרברענונג פֿון דעם תלמוד א"א יידישע ספרים, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז אין יאָר 1244.

חיים־נחמן ביאַליק: „ווינטער־לידער"

„ס'האָט אַ גאָלדן מאָרגן שרל"... אין אָריגינאַל: „צפּריר", אַ תלמודישער וואָרט, ד"ה אַ באַגינען־רוחל, וואָס טראָגט פֿונאַנדער די בשורה, אַז די זון גייט שוין אויף.

יעקב כהן: „דוד אַל־ראי"

דוד אַל־ראי, פֿאַלשער משיח, וועלכער איז דערשינען אין מיטן פֿון 12־טן י"ה (1160) צווישן די יידן פֿון מערב אַזיע.

אין יענער צייט האָט זיך צווישן יענע יידן אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, צו באַפֿרייען זיך פֿון מאַכמעדאַנישן יאָך. דוד אַל־ראי, צוזעענדיק ווי עס צעפֿאַלט זיך דער יידישער קאַליפֿאַט אין באַגדאַד, האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך פּראָקלאַמירט אַלס זעלבשטענדיקער פֿירשט פֿון ישראל. ער האָט זיך געווענדט

מיט אַן אויפרוף צו אַלע יידן אין אַזיע און אַנגעזאָגט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן צו באַפרייען זייערע ברידער פון דעם מאַכמעדאַנישן יאָך און זיי אָוועקפירן קיין ירושלים. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז אַל־ראי איז גאָטס שליח. דער אויפשטאַנד, וואָס האָט אויסגעבראָכן, איז אונטערדריקט געוואָרן און דוד אַל־ראי איז געפאַלן אַ קרבן פון פאַרראַט: אויף דער פאָדערונג פון די פערסישע הערשער, האָט אים זיין אייגענער שווער נעהרגעט אין שלאָף.

יעקב כהנס פאָעמע איז באַזירט אויף דער דאָזיקער לעגענדע: ווען דער פערסישער סולטאַן האָט זיך דערוואוסט פון דעם יידישן אויפשטאַנד, האָט ער געשיקט רופן צו זיך דוד אַל־ראין. דוד איז דערשינען אין קיניגלעכן הויף אַן באַגלייטער. דער סולטאַן האָט אים געפרעגט: „ביסטו דאָס דער יידישער קיניג?" — „יע, איך בין דער יידישער קיניג", — האָט דוד געענטפערט. ווען מ'האָט אים געהייסן באַווייזן, אַז ער איז ווירקלעך דער משיח, האָט דוד געענטפערט: „האַקט מיר אַראָפּ דעם קאָפּ — און איך וועל לעבן"...

יהודה קרני: „עקיבא"

עקיבא בן יוסף — איינער פון די גרעסטע תנאים, גייסטיקער פירער און קעמפער פאַר דער פרייהייט פון זיין פאָלק. האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין בר־כוכבאס אויפשטאַנד קעגן די רוימער, נאָכן חורבן בית שני.

ער איז געווען איינער פון די צען תנאים־מאַרטירער אין דער צייט פון האַדריאַן (עשרה הרוגי מלכות).

וועגן זיין מאַרטירער־טויט ווערט דערציילט, אַז דער רוימישער פּראָקוראַטאָר רופוס, וועלנדיק באַשטראָפן דעם גייסטיקן פירער פון די יידן, אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע, האָט באַפוילן דעם תלין צו רייסן שטיקער פון רבי עקיבאס לייב מיט אייזערנע צוואַנגען. אָבער רבי עקיבא האָט מיט איבערמענטשלעכע כוחות איבערגעטראָגן די יסורים. אונטער די הענט פונם תלין האָט ער ניט אויפגעהערט אויסצושרייען די ווערטער פון „שמע ישראל" און זיין לעצטן אָטעם האָט ער אַרויסגעלאָזן מיט „ה' אחד!"

דוד שמעונאָוויץ: „דער לעצטער" (שומרוני)

שומרונים — די אַמאָליקע איינוואוינער פון שומרון, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די אַסירישע קאָלאָניסטן נאָכן חורבן בית־ראשון (אין 727 פאַר דער נייער ערע). ביסלעכווייז זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו געצנדינעריי, וואָס האָט אַרויסגערופן פיינדשאַפט צו זיי מצד די יידן און וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן אינגאַנצן פונם יידישן פאָלק און זיך דערנאָך פאַרוואַנדלט אין אַ באַזונדערן שבט.

אַ קליינע צאָל פון די שומרונים, וואָס רופן זיך אַליין „בני ישראל", לעבט נאָך איצט אין זייער הייליקער שטאָט שכם; און היות זיי האָבן זיך

די גאַנצע צייט מיט קיינעם נים מתחתן געווען, האַלטן זיי איצט אַ נויאַנצן ביים אונטערגיין.

הר-גריזים און הר-עיבל — די צוויי בערג, וואָס זיינען פאַרהייליקט ביי די שומרונים. אויפן הר-גריזים האָבן זיך געפונען זייערע הייליקע טעמפּלען.

רחל: „מיכל"

מיכל — די טאָכטער פון שאול המלך, וואָס איז געוואָרן דוד המלכס פרוי. אין שמואל א' קאַפּ. יח ווערט געזאָגט: „ותאהב מיכל בת שאול את דוד" — „און מיכל, שאולס טאָכטער, האָט ליב געהאַט דודן" — און אין שמואל ב' קאַפּ. ו' ווערט דערציילט: „ותבז לו בלבה" — „און זי האָט אים אין האַרצן פאַראַכט"... דער דאָזיקער מאָטיוו איז דער שליסל פאַר רחלס צאַרט ליבע-ליד.

יצחק למדן: „מסדה"

מ ס ד ה איז געווען די לעצטע פעסטונג אין יהודה, וואָס די רוימער האָבן גענומען אין דריי יאָר אַרום נאָך טיטוסעס איינקאַנג (73). די העלדישע פאַרטיידיקער פון מסדה האָבן זיך געשלאָגן מיט גרויס מסירות-נפש פאַר דער דאָזיקער לעצטער שטיצע פון פאָטערלאַנד. אַלע יידישע קריגער, וואָס האָבן זיך געפונען אין פעסטונג (אַרום טויזנט), האָבן, באַגייסטערט פון אַ רעדע פון זייער פירער אליעזר בן יאיר, דערשטאָכן מיט שווערדן זייערע ווייבער און קינדער און דערנאָך זיך אַליין, כדי נים אַריינצופאַלן אין די הענט פון דעם שונא. ווען די רוימער זיינען אַריין אין מערה, האָבן זיי געפונען לעבעדיק נאָר צוויי פרויען מיט פינף קינדער. מיטן פאַל פון מסדה האָט זיך געענדיקט די העלדישע מלחמה פון די זעלאָטן קעגן די רוימער.

יצחק למדן נעמט מסדה אַלס סימוואָל און אילוסטראַציע פאַר די טראַגישע געשעענישן פון אונדזער פאָלק אין דער היינטיקער צייט, ווער די נייע מסדה — ארץ ישראל — דינט אַלס בייספּיל פון העלדישן קאַמף און אָפּפערווויליקייט.

ער שילדערט די איבערלעבענישן און שטימונגען פון אַ אַנטרונענעם פון די שחיטות, וועלכער געפינט אַ זין און אַ צוועק פאַר זיין און פאָלקס-עקסיסטענץ אין די רייען פון די קעמפער פון מסדה — ארץ-ישראל.

אברהם ברוידעס: „אין שפּאַן"

זבזיף — זאַמד פון ברעג ים.

*

צוליב טעכנישע סיבות ווערן אייניקע משוררים געבראַכט נישט אין דעם געהעריקן כראָנאָלאָגישן סדר.

צ ד אַ נ ק

אַלע די, וועלכע האָבן מיך געהאָלפֿן — מאַטעריעל און אינפֿאָרמאַטיוו — אין מיין אַרבעט; די איבערזעצער, וועלכע האָבן מיר דערלויבט אויסצונוצן זייער איבערזעצונגען, — און בפֿרט די דיכטער י. י. שוואַרץ, ברוך קאַצענעלסאָן (ניו-יאָרק), אברהם ברוידעס (תל-אָביב) און ל. קאַהאַנאָוויטש (ווילנע) און דוד רם (וואַנקאָווער).

רשימה פון די פּאָעטן

שמואל הנגיד	(939 — 1055)
שלמה אבן-גבירול . . .	(1020 — 1070)
משה אבן-עזרא	(1070 — 1139)
יהודה הלוי	(1085 — 1142)
אברהם אבן-עזרא . . .	(1092 — 1167)
יהודה אלחריזי	(1165 — 1225)
מאיר פון ראָטנבורג . . .	(1215 — 1293)
עמנואל הרומי	(1270 — 1330)
משה-חיים לוצאַטו . . .	(1707 — 1747)
אברהם-דוב לעבענסאָן . . .	(1789 — 1878)
מיכה-יוסף לעבענסאָן . . .	(1828 — 1852)
יהודה-לייב גאָרדאָן . . .	(1830 — 1892)
אשר (קאָנסטאַנטין) שאַפּיראָ .	(1841 — 1900)
מנחם-מענדל דאָליצקי . .	(1857 — 1932)
מרדכי-צבי מאַנע . . .	(1859 — 1886)
דוד פרישמאַן	(1864 — 1922)
חיים-נחמן ביאַליק . . .	(1873 — 1934)
שאול טשערניכאָווסקי . .	(1875 —)
יעקב כהן	(1881 —)
יעקב פיכמאַן	(1881 —)
יהודה קרני	(1884 —)
ברוך-נחום סילקינער . . .	(1882 — 1933)
אפרים א. ליסיצקי . . .	(1885 —)
יעקב שטיינבערג . . .	(1886 —)

יצחק קאַצענעלסאָן	(1886 —)
דוד שמעונאָוויץ	(1886 —)
זלמן שניאור	(1887 —)
אשר באַראַש	(1889 —)
מרדכי טעמקין	(1891 —)
אביגדר המאירי	(1886 —)
רחל (בלאָווסטיין)	(1890 — 1931)
דוד פויגל	(1891 —)
ישראל אפרת	(1891 —)
מנחם=זלמן וואָלפאָווסקי	(1893 —)
אורי=צבי גרינבערג	(1896 —)
יוסף ליכטנבוים	(1895 —)
אלישבע	(1889 —)
יצחק למדן	(1899 —)
שמעון האַלקין	(1899 —)
ברוך קאַצענעלסאָן	(1900 —)
אברהם שלאָנסקי	(1900 —)
יצחק זילבערשלאַג	(1903 —)
אברהם ברוידעס	(1909 —)
הלל בבלי	
שמואל באַס	
יוסף=צבי רמון	
י. בת=מרים	

רשימה פון די איבערזעצער

ביאַליק חיים־נחמן
ברעגמאַן שלום
גינזבורג ש.
ג. נ.
גרינשפּאַן אֲביגדור
היימאַן אליעזר
העפטמאַן יוסף
יאָפע מרדכי
יהואש
לאַצמאַן י.

ליעסין אברהם
מה־יפית ישראל
מיקאַעלאַ (ד"ר מ. קויפמאַן)
סטאָצקי ל.
פּאָרט ה. י.
רובאַשאָוו זלמן
רייזען אברהם
שטיינבאַרג אליעזר
שוואַרץ י. י.
שניאור זלמן

אינהאַלט

שמואל הנגיד — יידיש — מרדכי יאָפע

עפּיגראַמען:

זײַט

א. ווער ס'האָט זיך אָנגעשטרענגט 3

ב. באַלזאַם איז איר פּנים 3

פראַגמענט 4

שלמה אבן-גבירול — יידיש — י. י. שוואַרץ

איך בין האָר 5

פון דער פּאָעמע „כתר מלכות" 6

א. דו ביסט איינער 6

ב. דו ביסט דאָ 6

ג. דו לעבסט 7

ד. דו ביסט דאָס העכסטע 7

ה. דו ביסט קלוג 7

ו. ווער קען דערטראָגן דײַן מעכטיקייט . . . 8

נאַציאָנאַלע מאָטיוון:

א. דו רוסט צווישן שוואַרצע געצעלטן . . . 9

ב. דעם טויער פאַרשלאָסענעם 9

ג. רוסט אין מיין פּאַלאַץ 9

וואָלקנס 10

לויטן וואָרצל פון בוים 11

האַרץ איז ליידיק 12

עלעגיע 13

זײַט

משה אבן־עזרא ייִדיש — י. י. שוואַרץ

נאַכט און פרימאָרגן 14
חיִין 17
אַ טויב 19
שײַן 20
עלעגיע 21
קלײנע לידער:
א. די וועלט איז אַ פּרוי אַ מאַסקירטע . . . 23
ב. גײ אַרויס צום בית־עולם 23
טענדזינס:
א. נעם דעם קריסטאַלענעם בעכער 24
ב. די טענצערין טאַנצט 24
ג. ווי אַ מירטנצווײַג 24
ד. דו טרײסל אָפּ זיך פון די פרײַנד . . . 24
ה. וואַש־אָפּ די פאַרבן 24

יהודה הלוי ייִדיש — ח. נ. ביאַליק

ציון (בענקסטו אויך נאָך דײַנע קינדער) 25
ים־לידער
א. כ׳האָב פאַרגעסן אַלס ליבסטע 27
ב. אַנגעברוגזט האָט דער ים זיך 27
ג. מיט דער לבנה שײַן פאַרזילבערט . . . 28

ייִדיש — י. י. שוואַרץ

ד. האָט אַ מבול פאַרגאָסן די ערד 28
ה. כוואַליעס יאָגן 29
אַ חלום 31
פרילינג 32
אַנטפּלעקונג 34
צו אַ טענצערין 35

אברהם אבן־עזרא ייִדיש — אברהם רײזען

שפּאַס־לידער און עפּיגראַמען:
א. דער הימל האָט בײַ מײַן געבוירן 36

זײַט

ב. קום איך צום גביר	36
ג. ווען מײַנע טרערן	36
ד. כ'האָב א מאַנטל	37
ה. ניט מער דערשראָקן	37

יידיש — מרדכי יאָפּע

ו. זשלידנע פליגן	38
ז. דער מענטש באַשײַנט דעם פּלאַץ	39
ח. שטײ־אויף, דו פוילער	39
ט. דו זאָלסט ניט שעצן	39

יידיש — א. ר. און ב. ג.

דער מענטש דאַרף זיך שטענדיק באַקלערן	40

יהודה אלחריזי — יידיש — מרדכי יאָפּע

צו ציון	42
עפּיגראַם (גרײַס פון לענדער)	43

מאיר פון ראָטנבורג — יידיש — אברהם רײזען

קלאָג־ליד	44

עמנואל הרומי — יידיש — אַברהם רײזען

ליבע־לידער:

א. אַך, ווי גוט איז מיר	46
ב. איז עס מעגלעך, ליבסטע	46
אַ תפילה	48

יידיש — מרדכי יאָפּע

גיכער קום, משיח	49

משה־חיים לוצאַטו — יידיש — מרדכי יאָפּע

דאָס פּאַסטעכל	50

אברהם־דוב לעבנסאָן (אד"ם הכהן) — יידיש—מרדכי יאָפּע

דער שטאַרבנדיקער	52

זייט

מיכה־יוסף לעבענסאָן (מיכ"ל) יידיש — מרדכי יאָפע

שלמה 54

יהודה־לייב גאָרדאָן יידיש — מרדכי יאָפע

פון דער פּאָעמע „דוד און ברזילי" 57

איך שלאָף נישט 60

אשר (קאָנסטאַנטין) שאַפּיראָ יידיש — יהואש

רחלס קבר 61

מנחם־מענדל דאָליצקי יידיש — מרדכי יאָפע

אויף ציונס חורבות 62

מרדכי־צבי מאַנע יידיש — מרדכי יאָפע

מיין וואונטש 63

דוד פרישמאַן יידיש — מרדכי יאָפע

משיח 65

חיים־נחמן ביאַליק יידיש — ז. שניאור און י. י. שוואַרץ

ווינטער־לידער:

א. אויפגעוועקט האָט היינט פון שלאָף מיך . . . 70

ב. ס'האָט דאָס אייז באַדעקט מיין פענצטער . . . 71

ג. אויף דער שוועל האָט מיך באַגעגנט . . . 72

ד. אוי, צעשפּיל דיך, פראָסט 73

ה. ס'ציט אַ רויך זיך 74

יידיש — אליעזר שטיינבאַרג

די בשורה 78

יידיש — אַביגדור גרינשפּאַן

אליין 79

גיי צום פענצטער פאַרנאַכט 80

יידיש — ש. גינזבורג

וואו ביסטו? 81

ייִדיש — אברהם רייזען

זײַ אַ שוץ מיר 82
בײַנאַכט 83

ייִדיש — יוסף העפּטמאַן

מײַן מוטער, זכרונה לברכה 84

ייִדיש — י. מה־יפית

פאָלקס־לידער:

א. צווישן פּרת, חדקל 86
ב. אין מײַן גאָרטן 89
ג. לעבן טײַכל שטייט אַ פּיכטע 91
ד. ס׳איז אַרויס אַ נײַע מאָדע 92

ייִדיש — מיקאַעלא (ד״ר מ. קויפמאַן)

ה. ניט בײַטאָג און ניט בײַנאַכט 93

ייִדיש — י. מה־יפית

ו. מע ווייס ניט ווער איז זי 94

ייִדיש — מיקאַעלא

ז. גלין־גלינג — שוין ניטאָ איר 97
ח. דער פאַרמאַגט פּאַלאַצן 98

ייִדיש — י. מה־יפית

ט. ווער ס׳האָט פּערל 100

ייִדיש — מיקאַעלא

י. איינס און צוויי 102
יא. גלויב ניט 104

שאול טשערניכאָווסקי ייִדיש — מרדכי יאָפע

בײַם ים 105
בענקשאַפט 107
איך גלויב 108
פרילינג 110
און דו 111

זייט

גע׳וועזן אין דער פרי צווי פריילעך 112
א וואונדער־רויז 113
עלעגיע 114

יידיש — י. י. שווארץ

פון דער אידיליע „בלינצעס" 115

יעקב כהן
יידיש — מרדכי יאָפע

אוונט־הימלען 120
וואַס־זשע ווייסטו 122
לאָכן וויל איך 124
דוד אַל־ראַי 125
כותל מערבי (יידיש — אנאָנים) 126

יעקב פיכמאַן
יידיש — מרדכי יאָפע

פון דער פּאָעמע „רות":
א. נעמי 127
ב. רות 128
רחלס קבר 129
דער מאַנדל־בוים 130
דער שרון 131
דער זעגל 132

יהודה קרני
יידיש — מרדכי יאָפע

עקיבא 133

ברוך נחום סילקינער
יידיש — מרדכי יאָפע

„נישט גיי אליין ביינאַכט"... 135

אפרים א. ליסיצקי
יידיש — מרדכי יאָפע

ס׳האָט געמורמלט מיר דער בוים... 137
דעמערונגען 138

יעקב שטיינבערג
יידיש — מרדכי יאָפע

ס׳זיינען לענדער פאַראַנען 139
אויף שטעג פון שטילקייט 140

זייט

פונם בוך „סאטירעס":

א. איינער גאַרט אַזוי נאָך געלד 141

ב. שמחה בעסער איז פון חכמה 141

יצחק קאַצענעלסאָן יידיש — מרדכי יאָפּע

שקיעה 143

עלעגיעס:

1. פון אַלץ וואָס איז געווען מיר ליב . . . 144

2. די זון פאַרגייט אין פלאַמען. (יידיש — דער מחבר) 145

דוד שמעונאָוויץ יידיש — מרדכי יאָפּע

דער לעצטער 146

דעמערונגען 148

עס טראָגן זיך שיפלעך 150

אַלטעס 151

דאַרשטיק 152

זלמן שניאור יידיש — מרדכי יאָפּע

איר ווייסט, וואָס דערציילט האָט די קעלט . . . 153

נאַכט-לידער 157

פרילינג-מעשהלע 158

באַפאַלן דעם וואַלד האָט דער שטורעם 162

דאָן 163

דער חלוץ זינגט 164

אָשר באַראַש יידיש — מרדכי יאָפּע

כ'האָב אַ חודש צייט געליטן 165

טריט אין די זאַמדן 167

מרדכי טעמקין יידיש — מרדכי יאָפּע

נישט געבענטשט בין איך 168

ביים כותל-מערבי 169

אביגדר המאירי יידיש — מרדכי יאָפּע

משיח 170

אַ ראָזער פלעק 172

ר ח ל — יידיש — זלמן רובאַשאָוו

מיין לאַנד 173
כנרת 174
ווערטער קומען און פאַרלאַנגען 175
און אַז קינדער איז וואָס ? 176
עקרה 177
מיכל 178
בלויז וועגן זיך האָב איך שטענדיק דערציילט . . . 179

יידיש — א. ליעסין

דער בשורה־טאָג 180
רחל 181

יידיש — ז. רובאַשאָוו

קראַנקערהייט :
א. אַריינשרויפן אין פינצטער 182
ב. אויגן־לעכער 182
ג. ביסטו עס דער סוף 183
ד. ווי עס פרעסט מיר דאָס האַרץ 183
ה. געם מיין האַנט 183
וואָרט 184
גיב נאָך מיר דיין טעכטערל אַ נאָמען 185
אויב באַשערט האָט מיר דער גורל 186
נעכטיקע טעג 187
מיינע טויטע 188

דוד פויגל — יידיש — מרדכי יאָפע

„פאַרן טונקעלן טויער" :
א. שטילער אָוונט גיסט אַריין זיך 189
ב. לעבן מיר איצט שלאָפסטו 189
ג. איך האָב געזען מיין פאָטער 190
ד. די קלאַנגען וואָס דרעמלען 191
ה. אַ שוואַרצער פאַרהאַנג 191
ו. אַ וואָגן אַן איינציקער 192

זייט

ישראל אפרת — יידיש — מרדכי יאָפּע

La Source 194

וואו גייסטו 195

אומעט 196

מנחם־זלמן וואָלפּאָווסקי — יידיש — מרדכי יאָפּע

אין גליל:

א. דער חרמון 197

ב. הארבסט 198

אורי־צבי גרינבערג — יידיש — אליעזר היימאַן

פון דער פּאָעמע „די קהלות הקודש אין גלות" . . . 199

יידיש — מרדכי יאָפּע

די מלכים פון עמק 202

יוסף ליכטנבוים — יידיש — מרדכי יאָפּע

טראַפּנס:

א. מיין שטילע תפילה 203

ב. איך ווייס ניט ווער'סט געשעפּטשעט . . . 203

ג. איך בין דאָ איינזאַם 203

ד. איך האָב געלאַכט 204

ה. עס ציען וואָלקנס זיך 204

ו. אַ שווייגעוודיקע וועלט 204

ז. איך האָב געחלומט 205

ח. דער זומער שוין אַוועק 205

ט. אַזוי פיל טרוימען 205

י. נשמה מיינע 206

אלישבע — יידיש — ה. י. פּאָרט

אַוונטיקס 207

יצחק למדן — יידיש — מרדכי יאָפּע

פונם בוך „מסדה"

א. פון דער תליה 208

זייט

ב. א יונגער קרבן 209

ג. אַן איבערבלייב 210

יידיש — יהושע לאַצמאַן

ד. שפּייַז-קאַראַוואַנעס 211

ה. פאַראַנען נעכט 212

יידיש — מרדכי יאָפּע

ו. די תּפילה 214

שמעון האַלקין

נעכט 218

ברוך קאַצענעלסאָן — יידיש — מרדכי יאָפּע

כ'האָב ליב 219

ס'לעבן מיינס איינזאַם 220

ס'זיינען ערגעץ פאַראַנען נאָך ביימער 221

א מיידל 222

אברהם שלאָנסקי — יידיש — מרדכי יאָפּע

צו טאַטע מאַמע:

א. מיר האָבן פּיסלעך קליינינקע 223

ב. און איצטער זיינען שווער די פיס . . . 224

ג. כ'וויס: יעדע נאַכט אויף אייַערע געלעגערס . . 224

יצחק נעמט אויף זיך דאָס האַלץ 226

שבת 227

יצחק זילבערשלאַג — יידיש — מרדכי יאָפּע

לידער פון א מיידל:

א. כ'האָב געוועלט א קליין געשאַנק נאַר . . . 228

ב. אין מייַן טרוים א פּרינץ א שיינער . . . 228

ג. דו באַשאַפסט אין נעכט פון ליבשאַפט . . . 228

א ניו-יאָרקער נאַכט 230

אברהם ברוידעס — יידיש — ל. סטאָצקי

אין שפּאַן 231

זײַט

ייִדיש — שלום ברעגמאַן
ניט אומזיסט א—ב 233

הלל בבלי ייִדיש — מרדכי יאָפּע
דער אָפּשײד־כּוס 234

שמואל באַס ייִדיש — מרדכי יאָפּע
מײַן הונט 235

יוסף־צבי רמון ייִדיש — מרדכי יאָפּע
ס׳הארץ מײנס אויף א האר הענגט 237
איך בין שוין אין שרון 238
אויפן ברעג כנרת 239
כ׳האָב ליב די פּעלזן 240
אויף די קברים פון קדושים 241
כ׳האָב ליב באַגעג׳נען סטאַדעס שעפּסן 242

י. בת־מרים ייִדיש — מרדכי יאָפּע
און דו פּיסט ניטאָ 243
באַמערקונגען 245
רשימה פון פּאָעטן 249
רשימה פון די איבערזעצער 251